STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06262

www.libtool.com.cn

# IN UMRU FUN LEBN

Isaac Bloom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

# יצחק בלום



דערציילונגען

www.libtool.com.cn

אַנדערע ביכער
פון
**יצחק בלום**

„פון ברעג צו ברעג"
דערציילונגען

„אין דער שטיל"
לידער

1919

Copyright, 1934
by
ISAAC BLOOM
New York, N. Y.

פאַרלאַג „בלום"
ניו יאָרק
1934

www.libtool.com.cn

# בענקענדיגע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# איר נייע היים

אין הויז איז געווען ענג, ס׳האט געשטיקט די איינזאמקייט, און דער אווענט וואס האט אריינגעדרונגען מיט ווינטערדיגען אימפעט האט פארכאפט דעם אטעם. זיך געריסען ווינטיג איבער׳ן הויז און געשלאגען מיט קאלטליכען אנגסט איבער פעני׳ס געזיכט, וואס איז געווען פארצויגען מיט טרויער און בענקשאפט.

זי איז געשטאנען ביים פענסטער און ארויסגעקוקט צו דער שטילער גאס, וואס האט זיך א ליידיגע געצויגען פאר אירע אויגען. זעלטען ווען ס׳איז דורכגעלאפען א מענש און פארשוואונדען אראפ בארג, וואו די גאס לאזט זיך ארונטער א פארזונקענע אין קליינשטעטעלדיגען אומעט און לאנגווייליגקייט.

אין די פענסטער פון די צוויי־שטאקיגע הייזער האט דא און דארט א בליץ געטאן אן עלעקטרישע ליכט, א ווארף געטאן די ליכט־שטראלען אויף איר געזיכט און א בלענד געטאן די אויגען.

פעני האט ליכטיג געמאכט אין הויז און מיט א בליק וואס איז ניט פרעמד און ניט היימיש גענומען באטראכטען די וואוינונג, וואו זי איז געקומען אפוואוינען איר גאנצען לעבען.

אלץ, די גאנצע איינריכטונג האט ביי איר אין די אויגען אויסגעזען אזוי נאריש און אומגעלומפערט. ס׳האט זיך געפילט אין יעדען ווינקעלע די קליינשטעטעלדיגע אומבאהאלפענקייט, דער קליינער פארנעם און די שמאלע באגריפען פון לעבען. אלץ איז געווען איינגעצוימט, איינגעצויגען ווי אריינגעפאסט אין ראמען, באשרענקט און איינגעשרומפען, ווי עס איז דאס גאנצע לעבען דא.

עס איז איר ארויפגעקומען אויפ׳ן זינען איר צימער וואו זי האט געוואוינט אין ניו יארק. אמת, ניט אזוי גראם, דערפאר אבער איינגעארדענט מיט געשמאק. אין איר מיידעלשען לעבען האט זי קיין גרויסע פארגעניגענס ניט געהאט, זי האט זיך ניט געקענט פארגינען קיין לוקסוסען, זי האט צו שווער געארבייט אויף

www.libtool.com.cn



יעדען סענט, זי זאָל זיך פאַרגינען צו לעבען אויף אַ ברייטליכען שטייגער. אַ צימער אָבער האָט זי שטענדיג געהאַט אַ שיינעם, אַ באַקוועמען, איינגעאָרדענט לויט איר געשמאַק. זי איז מיט אירע קליינע פאַרדינסטען קוים אויסגעקומען, האָט זי אָפּגעשפּאָרט פון אַנדערע זאַכען, אָבער ניט פון איר וואוינונג.

דאָ, אין דער פּראָווינץ שטאָט, וואו איר מאַן, מיט וועלכען זי האָט ערשט געהייראַט, וואוינט און האָט זיינע ביזנעס, איז איר אומעטיג סיי אין גאַס און נאָך מער אין הויז. ס'איז איר שווער דאָ צו זיין, שווער דאָ צו לעבען. ס'איז פאַר איר אַן אַפּקומעניש.

ס'איז אמת, אַז זי איז שוין געוועזן מיד אַרבייטענדיג, און זי האָט זיך שוין גענויטיגט אין רו, זי איז געוועזן זיכער, אַז ווען זי הייראַט מיט אַ מאַן פון אַ קליינער שטאָט וואו דאָס לעבען לויפט ניט מיט אַזאַ ראַשיגען אימפּעט, וועט זי זיך קענען אויס־רוען. אָבער וואָס פאַר אַ רו איז דאָס? — ס'איז די רו פון קבר...

זי האָט זיך אוועקגעזעצט, גענומען אַ בוך אין האַנט און אַנגעהויבען לעזען.

ס'איז געווען אַ ראָמאַן, אָנגעפּיקעוועט מיט האַנדלונגען וועגען ליבע, מיט גרויס־שטאָטיגקייט, מיט לעבען און גענוס. פעני האָט זיך אַזוי פאַרטאָן אין בוך, אַז זי האָט אַפילו ניט באַמערקט ווי איר מאַן איז אַריינגעקומען.

ער איז אַריינגעקומען אַ פאַרשמירטער פון זיין פּעינט־סטאָר, וואו ער פאַרעט זיך דעם גאַנצען טאָג מיט פאַרשידענערליי פאַרבען.

אַ שטאַרקער, ניט אַנגענעמער ריח האָט פעני'ן אַ שלאָג געטאָן אין נאָז. זי האָט אַ הויב געטאָן די אויגען פונ'ם בוך. אויף אים אַ קוק געטאָן און געפילט ווי צו חלש'ן.

די גאַנצע הויז איז באַלד פול געוואָרען מיט אָט דעם ריח פון פּעינט, און דער ריח, צוזאַמען מיט דעם מאַנ'ס אומגעלומ־פּערטען אויסזען, האָט פעני'ן געשטיקט.

— גיי וואַש זיך אָרום! — האָט זי צו אים, ווי באַפעלעריש, אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז דאָס געאייל? — האָט ער אַרויסגערעדט שמייכלענדיג באַלעבאַטיש, ווי ער וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט

www.libtool.com.cn


פון זיין גאנג און פונ'ם ריח, צו וועלכע ער איז שוין פון לאנג צוגעוואוינט.

— אבער ס'איז דאך אוממעגליך! — האט פעני שארף באַ־טאנט דעם „אוממעגליך".

— וואס הייסט אוממעגליך? — האט דער מאן אויף איר געוואָרפען א פאַרוואונדערטען בליק.

— כ'מיין, אַט ווי דו גייסט א פארשמירטער אין פעינט און די הויז איז פול מיט'ן ריח.

— אַ, דאס מיינסטו! נו, דו פארשטייסט דאך, אז איך קום ניט פון א באַנק, נאר פון א פעינט סטאר. ס'איז א פרנסה אזא...

ער האט אויף איר א קוק געטאן מיט אזא בליק, ווי ער וואלט זאגען: „האסט, ווייבעלע מיינס, בעסער באדארפט חתונה האבען מיט א באַנקיר". און ער איז אריין אין וואש־רום זיך ארומוואשען.

פעני איז געבליבען זיצען ווי א באגראבענע, און געטראכט וועגען דעם ווי אזוי זי וועט קענען לעבען אלע אירע יארען אין אזא חלשות'דיגער אטמאספערע און פילען שטענדיג דעם פעינט ריח אין אירע אויסגעארבייטע נלידער. אט דא וועט דאס זיין איר אפרו־פלאץ נאך אזוי פיל שווערע ארבייטס־יארען? זי וואלט שוין בעסער ווייטער פארבליבען זיצען אין שאפ...

פון ווייט האט זיך דערהערט דער פייף פון באן, דאס קלאפען פון די רעדער האט זיך ווי א לייכטער דונער געקייקעלט אין דער שטילער, פארשלאפענער נאכט־לופט...

פעני האט זיך א צאפעל געטאן, דערפילט ווי א בענקשאפט האט איר ארומגענומען, זי געצויגען צום באן, וואס גייט איצט אפ קיין ניו יארק, אהין, וואו זי האט געלעבט אלע אירע מיידעל־יארען, וואו זי האט געטרוימט, געהאפט און געליטען, וואו דער אימפעט און דער רויש פון דער טומעלדיגער שטאט האט איר אפט געמאכט פארגעסען אז אייגענעם שווערען לעבען.

דאס קלאפען פון די באן־רעדער איז געווארען שטילער, איר געדאנק מידער, ניט געזען דערווייל קיין וועג און אויסלייזונג און קיין טרייסט פאר איר ווייטערדיגען לעבען, און א געפיל פון עלענט האט אזוי שטיל און איינזאם אין איר געוויינט...

www.libtool.com.cn

# די חתונה־נאַכט

דזשייק האָט שטיל אָפּגעזאָגט דעם „הרי את“, און דאָס קדושין פינגער׳ל איז שוין געווען אויף ליזא׳ס פינגער.

ליזא׳ן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצען... דאָס איז ניט געווען יענער פריידיגער קלאַפּ, וואָס מאַכט אַ מיידעל׳ס האַרץ אויפציטערען ביי דעם געדאַנק, אַז זי איז שוין פאַרהייראַט, נאָר אַ קלאַפּ, וואָס דערשרעקט, טרייסעלט אויף און וואַרפט אַריין אין ספקות וועגען דער נייער געשאַפענער לאַגע...

ליזא האָט זיך אַרומגעקוקט... מיט אַ לייכטען שמייכעל אויף די ליפּען געזוכט צו באַהאַלטען איר אינערליכע רעגונג, איר פאַר־באָרגען, ניט קלאָרען געפיל, וואָס האָט אַזוי פּלוצלונג אין איר אַ נאָג געטאָן... אַ געפיל, וואָס ווערט, ווי זי האָט פאַרשטאַנען, קיין גליק און קיין פרייד אין איר ווייטערדיגען לעבען ניט ברייגנען.

זי איז נאָך געשטאַנען מיט איר „באַשערטען“ אונטער דער חופּה, דער חזן האָט אויסגעציקעלט די לעצטע ווערטער, וועלכע האָבען באַדאַרפט פאַרענדיגען די צערעמאָניע. אַרום זיינען גע־שטאַנען די „אונטערפירער“ און די חתונה־געסט מיט ברענענדיגע ליכט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז דאָס מזל זאָל איר אַזוי לייכטען ווי די ליכט...

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער זעץ פון אַ פוס איבער אַ גלעזעל, און אַן אויסגעשריי: „מזל טוב!“ פון אַלע זייטען האָט מען דער כלה אַרומגערינגעלט, זי געקושט, געהאַלזט און געוואונ־שען גליק.

ליזא איז געווען צוטומעלט... אויפ׳ן האַרצען איז איר געווען שווער... זי וואָלט די מינוט געווען די גליקליכסטע, ווען מען זאָל איר צורו לאָזען, לאָזען איר אַליין מיט אירע געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך אַן אַ סדר געפּלאָנטערט אין איר מוח...

www.libtool.com.cn



אבער די חתונה־געסט האבען פון גארנישט געוואלט וויסען. זיי האבען פון איר אויף א מינוט ניט געוואלט אפטרעטען: יעדערער באזונדער האט געוואלט טאנצען מיט דער כלה. און זי, ליזא, האט זיך מיט אלעמען געמוזט דרייען...

ווען עס איז איר ענדליך געלונגען צו באפרייען זיך פונ'ם עולם און בלייבען אליין מיט זיך אין א צימער, איז זי געבליבען זיצען אן אומעטיגע, א פארטראכטע.

און געטראכט האט זי: פאר וואס, אייגענטליך, איז זי אזוי אומעטיג? בעדארפט האט דאך גאר זיין פארקערט. זי האט איצט בעדארפט זיין פרייליך, טאנצען, שפרינגען... א גרויסער חלום.

א חלום פון א מיידעל, וואס זוכט לאנגע יארען איר באשערטען, איז דאך פארווירקליכט געווארען...

אבער ס'איז איר אומעטיג, און עפעס קלעמט... און אין הארץ איז אזוי טרוקען... ניטא קיין פרייד, קיין פארלאנג, קיין ערווארטונג... וואס מיינט עס?... פאר וואס איז דאס אזוי? וואו איז מיט אמאל אהינגעקומען דער מיידעלשער וואונש צו הייראטען?... די מיידעלשע האפנונג אויפ'ן קדושין רינגעל, וואס פארנעמט אזוי פיל פון די מיידעלשע טרוימען? וואס אזוינס איז דא געשעען?...

---

די מינוט פון נאענטקייט און אינטימקייט האט זיך דערנעענטערט. ניטא מער קיין חתונה, ניטא מער קיין קלעזמער, קיין געסט. עס איז שטיל. זי וואלט געקאנט א ביסעל זיך אפרוען. אבער זי איז ניט אליין...

דזשייק, דער מאן, מיט וועמען זי האט נאר וואס חתונה געהאט, איז מיט איר אין צימער, אין דער וואוינונג, וואס זיי האבען אנגעגרייט פאר דער חתונה.

ליזא'ס געדאנקען זיינען ווי אין א נעבל איינגעהילט. זי הערט, דאכט זיך, ניט ווי דער מאן רעדט צו איר אזעלכע צערטליכע רייד, קושט זי און האליובעט זי. זי פילט בלויז, אז עס איז עפעס ניט דאס, נאך וואס איר מיידעלשע הארץ האט באגערט און געטרוימט אלע יארען. וואו איז דער ציטער. דער פארלאנג, די פאר'שכור'טע פארזונקענקייט פון תאוה'דיגער פרייד און גענום? מיט אים איז איר אלץ איינס, זי איז אין גאנצען גלייכגילטיג.

www.libtool.com.cn



דער מאַן קוקט אויף איר מיט פאַרוואונדערטע אויגען. ער קען ניט פאַרשטיין איר באַנעמונג. ער ווערט אומרואיג...

— וואָס איז מיט דיר? — רעדט ער אַרויס וואָרעם — פילסט עפּעס ניט גוט? און ער גלעט זי איבער די האָר.

— דער קאָפּ טוט מיר שטאַרק וויי...—רעדט זי שוואַך אַרויס

— איך בעט דיר מיר צו לאָזען איצט אַליין. איך וועל זיך אָפּרוען. אפשר וועט מיר לייכטער ווערען.

דער מאַן לאָזט אַרונטער די אויגען, קושט שטום אירע ליפּען. און פאַרלאָזט דעם צימער...

ליזא ליגט אַליין און טראַכט.

דער עלעקטרישער לאַמפּ ברענט און שלאָגט אָפּ מיט אַ רויטען שיין איבער'ן צימער, אויפ'ן ווייסען אויסגעבעטען געלעגער. איבער אירע פאַרטראַכטע אויגען...

— וואָס איז דאָ געשען? — הערט זי ניט אויף צו טראַכטען און ביי זיך צו פרעגען — וואָס איז מיט אַמאָל מיט איר געוואָרען. וואָס אין דער מינוט, ווען זי האָט נאָר דערפילט, אַז זי איז פאַר־הייראַט, האָט זיך איר געפיל אומגעביטען? פאַר וואָס האָט זי אָנגעהויבען פילען אַנדערש אין זיין געגענוואַרט? ביז איצט, צו דער חתונה, האָט זי אַזוי ניט געפילט. פאַרקערט, זי איז גאָר געווען צופרידען וואָס דער טאָג צו איר חתונה דערנענטערט זיך, און זיי וועלען באַלד זיך אַריינציען אין זייער אייגענער היים...

„אַ היים!" אָט דאָס איז עס. דאָס איז די אורזאַך פון איר אַנדערש ווערען און אַנדערש פילען... — האָט אַ געדאַנק איר אַ שלאָג געטאָן — זי האָט, אַ פּנים, דורך דער צייט, וואָס זי איז מיט אים, דזשייק'ן, אַרומגעגאַנגען, בלויז געטראַכט פון דער היים. פון דעם, וואָס זי וועט פּטור ווערען פון די פּוירנישער רוּמס און פון די „מיסעסען". פון דאָס, וואָס זי האָט אין דער צייט זיך גענויטיגט אַם בעסטען, ווייל דאָס באָרדער־לעבען האָט איר שוין דערעסען...

איצט אָבער, ווען זי איז פאַרהייראַט געוואָרען, און די היים שטייט גרייט זי אַריינצונעמען אין היימישען, וואַרימען נעסט, וואָס איז איר איינענם; איצט, ווען איר פאַרלאַנג איז ערפילט.

www.libtool.com.cn


און זי איז אויסגעניכטערט פון א וואונש, וואס האט אזוי שווער געדריקט אויף איר געמיט, איצט קומט דאס הארץ, דאס געפיל, און מאנט עפעס פאר זיך, מאנט א חוב, וואס זי, ליזא, איז שולדיג — ליבע...

„ליבע"... ליזא'ן ווערט אי זיס, אי אומעטיג ביי דעם געדאנק. אט וויים זי דאך פון ערפארונג, וואס אזוינס עס איז ליבע...

זי דערמאנט זיך, מיט יארען צוריק, מיט דייוו'ן... זי איז דאן געוועזן מיט עטליכע יאר אינגער... זי האט נאך דאמאלסט ניט אזוי שטארק געגארט נאך דער הייראט, און זיך ניט געשראקען פאר דעם נאמען: „אלטע מויד". דאמאלט האט זי זיך געקענט מיט דייוו'ן, א יונג, א ברען... זיין יעדער ריר האט איר געמאכט ציטערן. און זיין יעדער קוש פלעגט אנצינדען א פרייד אין איר הארצען... און ווען דייוו איז פלוצלונג פארפאלען געווארען און זיך פאר איר מער ניט געוויזען, האט זי נאך אים שטארק געבענקט, און זי בענקט נאך אפילו היינט נאך אים...

און ער, דזשייק, מיט וועמען זי האט נאר וואס געהייראט, איז א שטילער, א געזעצטער מענש, שוין ניט קיין יונגער, וואס האט זיך געזוכט צו „סעטלען", און ער רעדט שטענדיג פון פאר־זארגען זיך אויף דער צוקונפט ווייל די יארען לויפען... ער וויל פירען אן ערנסטען פאמיליען־לעבען, ארבייטען און פארזארגען די היים. אים פיילט פייער, ברען, אן ערליכער און רואיגער מענש.

און זי, כאטש זי איז שוין ניט קיין יונגע מיידעל, האט אבער נאך א יונגען געפיל. זי האט אין אירע מיידעלשע יארען ניט גענוג געלעבט, און אזוי ווייניג געליבט. און דייוו, וועמען, זי האט געליבט, האט זי איבערגעלאזען, איבערגעלאזען נאך איידער זי האט דערפילט דעם אמת'ען טעם פון ליבע.

---

זי האט זיך אויפגעהויבען פון געלעגער, אויף וועלכען זי איז געלעגען אין די זאכען, און זיך גענומען אויסטאן. עס איז שוין געוועזן שפעט... זי האט א טראכט געטאן פון איר מאן, און אנגע־טאן אין א נאכט־קימאנא, איז זי אריין אין צווייטען צימער.

דזשייק איז נעלעגן אויסגעצויגן אין די זאכן אויפ'ן „קאוטש" און געשלאפן. א האלבער פוס זיינער האט זיך ארונטערגעלאזן, און דער קנייטש פון די אויסגעפרעסטע נייע הויזן האט זיך איינגעבויגן ווי צום טאנץ.

ליזא איז געשטאנען און געקוקט אויף אים. זי האט באמערקט די אומצופרידענהייט אויף זיינע פארשלאפענע אויגן. זי האט פארשטאנען, אז איידער ער איז איינגעשלאפן, האט ער לאנג געהאלטן אפן די אויגן און געווארט... א סך געריכערט און רויכערענדיג איינגעשלאפן. דאס זעט זי פון דעם פארלאשענעם סיגארעט, וואס איז ביי אים פארבליבן אין האנט.

מיט שטילע טריט האט זי זיך ארומגעדרייט הין און צוריק איבער'ן צימער, געווען אומענטשלאסן, ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך.

זי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און ארויסגעקוקט. אין גאס איז געווען שטיל, ווי געוויינליך אין א שפעטער שעה. זי איז געשטאנען און געטראכט... געפרואווט זיך עראינערען פארשי־דענע מאמענטן, ווען איר איז אויסגעקומען אין איר מיידעלשען לעבען צו זיין נאענט מיט יונגע לייט, איבערהויפט מיט דייוו'ן... דערמאנען זיך אן די ליבענסווירדיגע ווערטער, וואס זיי האבען צו איר גערעדט... געוואלט אין זיך אליין אויפוועקען יענע תאוה'דיגע פרייד, יענעם ליידענשאפטליכען באגער, וואס מאכט ציטערען דאס הארץ. אך, ווען זי זאל דאס דערפילען... ווען יענער דארט, וואס ליגט אויפ'ן „קאוטש", זאל איר ווערען נעענטער, ליבער, וואלט זי זיך געפילט גליקליך, ווייל ער איז דאך דער, מיט וועמען זי וועט באדארפען דורכגיין א לעבען.

אבער... זי איז געבליבען רואיג, קאלט און גלייכגילטיג... עס האט איר פארדראסען, ווייי געטאן, פאר וואס עס איז אזוי, פאר וואס עס ווערט ניט אנדערש, פאר וואס ענדערט זיך ניט עפעס אין איר... פאר וואס?...

עס איז איר געווען אזוי שווער, אזוי ביטער אויפ'ן געמיט... עפעס האט אין איר שטיל און טיף געוויינט...

מיט שנעלע טריט איז זי אריין צוריק צו זיך אין צימער.

www.libtool.com.cn

# אַ ליבע

זי איז געווען פאַרהייראַט אַ פּאָר יאָר צו איינעם וואָס איז צו איר געווען אַ ווייטער און אַ פרעמדער; וואָס איז געקומען פּלוצלונג און אומבאַקאַנט און מיט רויבערישער שנעלקייט און נעשיקטקייט איר געכאַפּט און באַזיגט.

אַז זי איז ניט אין די ריכטיגע הענט, איז זי ערשט געוואָר געוואָרען אַביסעל שפּעטער, ווען עס איז שוין געווען פאַרפאַלען.

אונטער איר האַרץ האָט שוין געלעבט און געאָטעמט מיט איר אָטעם אַ קליין און שוואַך באַשעפעניש'ל, צו וועלכעם זי איז נאָך איידער ס'איז געבוירען געוואָרען געווען צוגעבונדען מיט לייב און מיט לעבען.

און דער מענש, וואָס האָט זיך געררופען איר מאַן, און וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען מיט איר אין איין הויז אין נאָענטקייט און אין אינטימקייט, איז איר ווייניג אָנגעגאַנגען.

זי האָט צו אים געהאַט דאָס געפיל, ווי צו איינעם וואָס רייסט זיך מיט געוואַלד אַריין אין אַ פרעמדע הויז, טוט אָפּ עפּעס ניט קיין שיינע זאַך, און דאַך מוז מען אים צוליב געוויסע אומשטענדען דולדען, ווייל ער קען נאָך אָפּטאָן עפּעס ערגערס.

האָט זי שטילערהייט געליטען און זיך געטרייסט מיט'ן נייעם לעבען, וואָס וואַקסט מיט איר לעבען... האָט אַ פרייד און אַ שרעק פאַר דער צוקונפט אַרומגענומען איר גאַנצען וועזען. די פרייד האָט אָבער אַריבערגעשטיגען די שרעק פאַר די ווייטערדיגע געשעענישען.

דער געדאַנק, אַז זי וועט האָבען אַ קינד, האָט שוין אָנגעפילט איר האַרץ מיט מוטערליכע ליבע און גליקליכע ערוואַרטונגען.

און נאָכדעם זאָל געשען, וואָס עס וויל זיך...

www.libtool.com.cn


פון צייט צו צייט פלעגט בערנער, אירער אַן אַלטער גוטער פריינט, קומען צו איר אין הויז אריין.

אין דער הויז, וואו עס האָט אייגענטליך געקענט און באַדאַרפט זיין „זייערס“.

עס איז דאָך געווען אַ צייט ווען זיי האָבען זיך ביידע אַזוי ליב געהאַט, און גליקליך וואָלטען זיי געווען איינע מיט די אַנדערע.

„ווי איז דאָס געשען? און וואָס איז געווען די אורזאַכע, וואָס האָט איבערגעריסען ביידענס לעבען?“ —טראַכט בערנער שטענדיג ווען ער זיצט און קוקט מיט אַ פאַרדריקטע שווייגען אויף דער יונגער פרוי, וועלכער טוט דאָן עפּעס אין הויז און וואַרפט צו אים אַפטמאָל אַזאַ פאַרגליווערטען בליק, אַז דער בליק אירער דערשרעקט אים אַזש...

— פאַרוואָס קוקסט איר אויף מיר אַזוי בייז? — ניט ער איר אַמאָל אַ פרעג.

— צו וואָס קומט איר אַהער? — ענטפערט זי אים מיט אַ פראַגע, און איר שטימע קלינגט אַזוי באַנג און טרויעריג.

— אַז איר ווילט ניט, וועל איך ניט קומען.

— קומט יאָ!

— איר האָט דאָך ערשט געזאָגט...

— פרעגט ניט! — שלאָגט זי אים איבער און איר שטימע ציטערט, פאַרגייט זיך, ווי זי וואָלט זיך געריסען צום וויינען.

און ער זעט ווי זי ווערט ערגעץ פאַרשוואונדען, זאַמט זיך אַ פּאָר מינוט, קומט נאָכדעם צוריק מיט פאַרוויינטע אויגען...

בערנער פרעגט איר מער גאָרניט. זיצט אַ פּאָר מינוטען און גייט אוועק...

און גייענדיג פילט ער, אַז ער האָט ניט אוואו צוריקצוגיין.

וואו האָט ער אַ היים? ביי וועמען? און מיט וועמען?

זיין היים איז מיט איר... מיט איר...

* * *

די יונגע פרוי האָט געהאַט אַ שווערען טראַגען. וואָס מער זי איז געקומען אין די העכערע מאָנאַטען. אַלץ מער האָט זי געליטען.

www.libtool.com.cn


און נאָך מער האָט זי געליטען פון איר מאַנ'ס גלייכגילטיגקייט, פון זיין גראָבער באַנעמונג.

— צו וואָס האָט ער שוין אַזוי שנעל באַדאַרפט האָבען אַ קינד? — האָט ער אָפּטמאָל מיט האַרטקייט און טעמפּקייט ווידערהאָלט, — ער איז נאָך יונג און האָט נאָך זיין יונגען לעבען ניט אויסגעלעבט.

ער וויל נאָך לעבען, געניסען.

לעבט ער טאַקע און געניסט אויף זיין יונגער פרוי'ס חשבון. ווערט ער פאַרפאַלען גאַנצע אָוועגטען. — ער איז ניט מחויב, זאָגט ער, צו זיצען און איר צו היטען...

— צו וואָס האָט ער חתונה געהאַט? — ווייסט ער טאַקע ניט. אַ בייזע שעה אַזאַ אויף אים געקומען... ניט געוואוסט, אַז עס װעט זיין אַזוי ערנסט...

און דאָס, וואָס זי, זיין פרוי, איז נאָך אויך יונג דאָס איז גאָר נישט. אַז מען ווערט אַ מאַמע, איז מען שוין מער ניט יונג. און ער איז נאָך צו יונג זיך שוין צו שפּילען אין טאַטע־מאַמע..

* * *

דער איינציגער וואָס פילט און ליידעט מיט איר מיט, איז בערגער. איר יעדער קרעכץ צושניידט אים דאָס האַרץ. און איר יעדער ווייַ טרייסעלט אים אויף... און אירע שטומע בליקען פאַר־שאַפען אים אומרואיגע טעג און שלאָפלאָזע נעכט.

איר מאַן איז ער אַ שונא... ניט אַזוי פאַר אָפּנעמען זי ביי אים ווי פאַר זיין גרינגשעצען איר.

אפילו אים, איר אַמאָליגען געליבטען נעמט ער אַזוי לייכט... איז אפילו אויף אים ניט אייפערזיכטיג...

— נעמט, — זאָגט ער, — מיין ווייב — און גייט מיט איר אין די מואווינג פּיקטשורס.

— וואָס אַ גראָבען יונג קען איינפאַלען! אין די מואווינג פּיקטשורס גאָר! הפנים פון קיין שענערע און בעסערע זאַכען ווייס ער ניט.

זיין חוצפּה טרייבט אים שיר ניט פון זינען.

אט וואָס זי האָט אויסגעפירט!

www.libtool.com.cn



דעם לעצטען מאָל האָט איר בערגער געטראָפען ווען זי האָט זיך שוין גערעכענט אָט... אָט...

אָנגעטאָן אין אַ לאַנגען און ברייטען „קייפּ“ איז זי געזעסען אין פּאַרק אויף אַ באַנק נאָענט אַנטקעגען איבער איר הויז...

בערגער האָט באַמערקט ווי זי איז היינט פיל רואיגער און געפאַסטער.

אויף איר פּנים, וואָס איז ערטערווייז געווען באַצוינגען מיט קליינע טונקעלע פלעקען, האָט גערוט אַ פאַרבאָרגענער שמייכעל... אַ שמייכעל, וואָס קומט פון אינערליכען באַהאַלטענעם גליק און פרייד, נאָך טעג און חדשים, פאַרשטיקטע, טרויעריגע, איבער־לעבונגען און ערפאַרונגען... און אָט קומט דער סוף ווען דאָס אַלץ וועט אַנטפּלעקט ווערען אין עפּעס, וואָס זי איז נאָך דערווייל אַליין ניט זיכער... אָבער, וואָס באַדאַרף דאָך באַלד קומען און פאַרווירקליכען דאָס, וואָס זי האָט ביז אַהער בלויז געפילט אין זיך, אין אירע געדאַנקען און געפילען... אין אירע ווייטאָגען...

אָרום איר איז געלעגען אויסגעשפּרייט אַ גראָז אַ יונגער, אַ פרילינגדיגער... יונגע און אַלטע בוימער האָבען געבליט. און זון־שטראַלען האָבען זיך אויסגעמישט מיט פרילינגס־ריחות און דערקוויקט איר האַרץ, אַריינגעשטראָמט נייע האָפנונגען און כחות אין איר שטאַרק אויסגעמוטשעטען גייסטיגען און פיזישען וועזען.

בערגער איז געזעסען און געשוויגען. ניט געוואָלט איבער־שלאָגען אירע געדאַנקען... געטראַכט וועגען דעם, ווי זי וועט באַלד זיין אַ מאַמע... אַ קינד, אַ קליינס, און אַ שיינס, וועט ליגען ביי אירע בריסט און מיט ליפּעלאַך דינע און שמאַלע זויגען... זויגען... און אַרויסזויגען פון איר אַלע ווייטאָגען און פּיין... אַ קוש איבער'ן קינד'ס שטערענדעל און אַלע נעבלען וועלען ווערען צורונען... אַ גלעט איבער'ן קינד'ס בעקעלע, און דער טרויער וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פרייד... אפילו איר האַרצלאָזען מאַן וועט זי נאָך אפשר מער ליב באַקומען... וועט זיך אפשר צו אים מער צוגעוואוינען... און אפשר וועט איר מאַן צו איר אויך בעסער ווערען, זיי וועלען זיך איינלעבען צוליב'ן קינד...

www.libtool.com.cn


און ער בערגער, וועמען דאס הארץ גייט אויס נאך איר יעדען טראט — ער וועט שוין קיינמאל גליקליך ניט זיין... ער וועט בלייבען א זייטיגער, וואס וועט שטענדיג מוזען שטיין פון דער־ווייטענס ווי פאר א צוגעמאכטער טיר און בלויז ווי א גנב דורכ'ן שליסעל לאך כאפען א קוק אין א פרעמדער הויז. — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווארען פארנאכט.

די זון האט זיך מיט יעדע מינוט אנגעהויבען אלץ מער צו דערווייטערען... טונקעלע שאטענס האבען זיך גענומען אויס־שפרייטען אויפ'ן גראז און דאס גרינע גראז, האט זיך געדאכט, איז מיט אמאל איבערגעפארבט געווארען... אנגענומען אן אומבאשטימטען קאליר... און די יונגע און אלטע בוימער האבען אזוי פארנאכטיג־שטיל זיך אנגעהויבען וויגען... און עס האט זיך געדאכט, אז די אלטע בוימער ווילען די יונגע איבערבויגען, איבערברעכען... — — — — — — — — — — —

— קומט, לאמיר גיין! — איז זי פלוצלונג אויפגעשפרונגען

— איר זעט, בערגער, עס איז שוין נאכט. און מיר האבען עס גארניט באמערקט. עפעס שרעקט מיר שטארק דאס הארץ, איך וויל דא מער ניט זיין!

בערגער האט גענומען איר ארעם און מיט ציטערדיגער לייכטקייט איר געהאלפען ארונטערגיין דאס קליינע בערגעל אויפ'ן וועג אהיים.

— וואס האט איר זיך מיט אמאל דערשראקען? — האט איר בערגער געפרעגט.

— כ'ווייס ניט, די לעצטע צייט קען איך מער קיין פינסטערניש ניט פארטראגען, אזוי שנעל ווי עס ווערט טונקעל, נעם איך מיר שרעקען און עס ווערט מיר שווער אויפ'ן הארצען...

— עס איז אזא איינריידעניש, ווייל...

— רעדט ניט, רעדט ניט דערפון! — האט זי אים איבערגעשלאגען.

זי איז געגאנגען מיט שווערע און אפגעהאקטע טריט, ווי זי וואלט מיט אירע טריט מורא געהאט אנצורירען די פינסטערניש.

www.libtool.com.cn


וועלכע האָט זיי פאַרכאַפּט דעם וועג און זיך געשוואַרצט פאַר זייערע אויגען...

— און טאַמער שטאַרב איך? — האָט זי פּלוצלונג אַרויס־גערעדט — אַזויפיל פּרויען שטאַרבען דאָך פון קינד־בעט!...

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטען, וואָס איך פאַלט איין!..

— מיר איז אַלץ איינס...— האָט זי ווייטער גערעדט אין אַ טאָן, וואָס האָט געקלונגען מיט אַזאַ פאַרצווייפעלטע פאַרלאָ־רענקייט. — מיר איז אַלץ איינס... אָבער דאָס קינד... וואָס וועט זיין מיט'ן קינד?...

בערגער איז געוועזען אויסער זיך.

— וואָס הייסט, וואָס האָט איר זיך מיט אַמאָל אַזוי צורעדט?

— האָט ער זיך אויף איר צושריען אין אַ נאַענטען און היימישען טאָן, און טיף אין זיך געפילט ווי דאָס האַרץ פאַלט אים שיר אַרויס..

— איך פאַרשטייט, בערגער, — האָט זי פאַרגעזעצט, — אויף קיין גוטס איין לעבען האָף איך שוין ניט... עס וועט זיך שוין עפּעס אַזוי דרייען ניט אַהער און ניט אַהין... מיין לעבען איז פאַרשפּילט, איך בין עפּעס פאַרכאַפּט און פאַרנאַרט געוואָרען... און איצט זעט איר דאָך שוין אַליין, אַז עס איז צו שפּעט... וואָלט אפשר ניט גלייכער געוועזען...

— הערט אויף אַזוי צו ריידען! — האָט זיך בערגער געבעטען.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז.

— גייט איצט ניט אַרויף, איך וויל איצט זיין אַליין... און אפשר איז שוין מיין מאַן גאָר דאָ אין דער היים...

זי האָט אים דערלאַנגט שנעל די האַנט, אַ ליבען קוק געטאָן אויף אים און פאַרשוואונדען אין האָל איבער די טרעפּ...

בערגער איז געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט, געפילט, אַז ער קען ניט אוועקגיין... עפּעס האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט, אַז מיט איר וועט עפּעס געשען... עס האָט אים געצויגען אַרויפצוגיין צו איר אין הויז כאָטש נאָך איין מאָל אַ קוק צו טאָן אויף איר. ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטען. געפילט ווי זיינע פיס וואַקלען זיך פון זיך אַליין ערגעץ וואו אוועק, אַז אַ ציל און אַז אַ וועג... — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# איר שוועסטער'ס חתן

יעדען מאָל ווען בערמאַן, איר שוועסטער'ס חתן, פלעגט קומען צו זיין כלה, פלעגט לינאַ'ן אַ טיאַכקע טאָן אין האַרצען. דער געדאַנק, אַז סאָפיאַ, איר אינגערע שוועסטער, אַ לייכטזיניג מיידעל, איז די כלה פון אַזאַ וואויל געלערענטען, שטילען און איידעלען יונגענמאַן, האָט איר פאַרשאַפט ניט ווייניג ליידען און שלאַפלאָזע נעכט.

ניט קיין קנאה צו איר שוועסטער האָט איר געמאַכט אַזוי פילען. עס וואָלט איר שטאַרק ווי געטאָן ווען עס וואָלט אַזוי געווען. זי וואָלט עס באַטראַכט פאַר קליינליך און פאַרעטעריש פון איר זייט צו האָבען אַזאַ נידעריגען געפיל געגען איר אייגענע שוועסטער, וועלכע איז דאָך נאָך אַלעמען ניט שולדיג, וואָס זי האָט אַ בעסערען מזל און איז אין לעבען גליקליכער פון איר, און וואָס זי איז אינגער, שענער, און האָט געקראָגען אַזאַ פיינעם חתן.

פאַרדראָסען האָט איר די ניט גלייכהייט, דער שפּאַס פונ'ם לעבען, וואָס צוטיילט גליק אויף אַן אומגעלומפּערטען שטייגער. איר, לינאַ'ן, די ערנסטע, די פאַרשטענדיגע, וואָס וואָלט זיך זייער גוט געפּאַסט פאַר איר שוועסטער'ס חתן וועלכער איז אויך אַן ערנסטער, אַ געשטעלטער מענש און איז אין אירע יאָרען, איר האָט גראָד דאָס מזל פאַרזען. צוגעטיילט געוואָרען איז ער גאָר צו איר יונגער, לייכטזיניגער שוועסטער'ל, וועלכע ווייסט גאָרניט ווי אַזאַ יונגענ־מאַן אָפּצושאַצען. וואָס טראָגט זיך אַרום מיט פּוסטע געדאַנקען אין קאָפּ וועגען ראָמאַנסלעך, „דעיטס" און „אויסגיין" מיט אַזעלכע יונגעלייטלעך, וואָס זיינען פּונקט אַזוי לייכטזיניג ווי זי...

פאַר וואָס אַזאַ שטילער און באַשיידענער יונגערמאַן האָט דוקא אויסגעקליבען סאָפיאַ'ן און ניט איר, קען זי, לינאַ, אויף קיין פאַל ניט פאַרשטיין. זיי זיינען דאָך דאַן, אויף דעם קאָנצערט

וואו זיי האבען זיך מיט אים באקענט, געוועןביידע צוזאמען. באדארפט האט דאך גאר זיין פארקערט, ער האט זיך גאר באדארפט פאראינטערעסירען אין איר, ווייל זי באזיצט דאך כמעט די זעלבע איינענשאפטען וואס ער, מיט איר קען ער דאך ריידען, זי הערט זיך דאך צו, לויפט ניט און שפרינגט ניט ארום. זי קען זיך דאך ערנסט פארטראכטען און נאכדענקען וועגען אלץ. וואס מען רעדט צו איר, זי פארשטייט דאך מענשען און זי וואלט אים, בערמאנ'ען אזוי גוט פארשטאנען...

צונעקלעפט פון דער ערשטער מינוט אז איז ער גאר געווארען צו סאפיא'ן, וועלכע האט אפילו קיין גערולד ניט געהאט אויס־צוהערען וואס ער רעדט צו איר... וואס האט אין זיין נעגענווארט „ארומגעפלוירטעוועט" מיט אכטצען אנדערע יונגעלייט... דוקא איר האט ער ליב געקראגען. און נאך איר איז ער פארכאפט געווארען...

ס'איז פאר איר באמת א רעטעניש... אבער דער פאקט איז, אז סאפיא האט נאך שווערע מי און אפפער פון זיין זייט איינ־געוויליגט צו ווערען זיין כלה. ניט אזוי לייכט איז עס אים אנגעקומען. ער האט זיך ביי איר געגוג געבעטען און איר געגעבען אלערליי גרעסערע און קלענערע פרעזענטען.

קיין גרויס נחת האט ער ניט פון זיין כלה. ניט איינמאל לאזט זי אים ווארטען און ווערט פארשוואונדען פאר שעה'ן לאנג... און ער, דער חתן, זיצט מיט אומעטיגע ארונטערגעלאזענע אויגען און ווארט... ווארט לאנג, גערולדיג... און באווייזט זיך זיין כלה, איז ער שטיל, גוטמוטיג, און פארגעביג. ער מאכט איר ניט די קלענסטע פארוויפע... די אויגען גיבען ביי אים א לויכט פון גליק און פון פרייד יעדען מאל, ווען סאפיא גיט א קוק אויף אים.

זי, לינא, קען ניט פארטראגען, ווי איר שוועסטער באהאנדעלט אים און שפילט זיך מיט אים ארום, ווי ער וואלט געווען א אינגעלע און זי איז דאס די דערוואקסענע... ס'האט איר באליידיגט און זיי געטאן, ווייל... יא, ווייל זי האט אין דער שטיל איר שוועסטער'ס חתן שטארק געליבט...

אפטמאל, ווען די שוועסטער פלעגט ניט זיין, פלעגט לינא

www.libtool.com.cn



אַנווענדען אַלערליי מיטלען בערמאַן זאָל איר בעמערקען... זי האָט פּרובירט צו אים ריידען, אַריינציען אים אין אַן ערנסטען שמועס וועגען לעבען און מענשען; אפשר ווען ער וועט זיך פאַרטראַכטען און צוריק באַקומען זיין גערדאַנק, ווערען ניכטער און נעמען קוקען מיט אָפענע אויגען, וועט ער זיך כאַפּען וואו און מיט וועמען ער איז פאַרגאַנגען... גלייכצייטיג וועט ער דערזען דעם אונטערשייד פון איר און איר שוועסטער... קיין פיל אויפמערקזאַמקייט האָט ער איר אָבער ניט געשאָנקען. אויף אירע אַלע רייד האָט ער בלויז געענטפערט מיט אַ שטומען שאָקעל מיט'ן קאָפּ וואָס מען האָט געקענט אויסטייטשען, ווי מען וויל... ס'האָט געקענט מיינען, אַז ער הערט זיך אין גאַנצען צו איר ניט צו, און אויב יאָ, זאָל זי בעסער אויפהערען...

מיט אַ פאַרקלעמטען געפיל פלעגט לינאַ פון אים אָפּטרעטען... עס פלעגען נאָכדעם פאַרגיין טעג, ווי זי האָט אים אויסגעמידען. זי האָט אים אָבער ניט אויפגעהערט ליב צו האָבען... פאַרקערט, איר ליבע צו אים איז מיט יעדען טאָג געוואָרען הייסער און שטאַרקער... שטאַרקער דערפאַר, ווייל זי האָט צו קיינעם פון איר ליבע ניט געקענט ריידען. זי האָט זיך מיט איר ליבע געמוזט שטיקען אין דער שטיל, מיט זיך אַליין, מיט איר אייגענעם צואווייטאָגטען און פאַרברענטען געפיל...

---

פון דעם שידוך צווישען אים און איר שוועסטער האָט זיך סוף כל סוף גאָר ניט אויסגעלאָזען. סאָפיאַ האָט זיך ערגעץ באַקאַנט מיט אַ „באָי" פון אירע „באָיעס" און זיי האָבען זיך פאַרליבט... עס האָט ניט געהאָלפען בערמאַנ'ס בעטען זיך ביי איר, און פאַלען צו אירע פיס און טענה'ן, אַז ער קען אָן איר ניט לעבען. סאָפיאַ איז געבליבען איינגעשפּאַרט. „זי קען מיט אים ניט הייראַטען — האָט זי גע'טענה'ט — ווייל זי „מאַכט ליבע" צו אַן אַנדערען און דער אַנדער „פעלער" „מאַכט ליבע" צו איר, און מיט וואָס, — האָט זי מיט רעכט גע'טענה'ט — שטייט זיין ליבע צו איר העכער ווי איר ליבע צו יענעם? אַי די פּרעזענטען? דער דאַימאָנד רינג? גיט זי עס אים אַלץ אַוועק!"

www.libtool.com.cn



דאָס זאָגענדיג האָט זי צונויפגעקליבען אַלע זיינע פּרעזענטען, אַראָפּגענומען דעם דאימאַנד רינג פון איר פינגער און דאָס אַלץ אוועקגעלייגט לעבען אים.

בערמאַן, דער ערנסטער און טיף־פילענדער, האָט זיך פון ווייטאָג אַזש שיר ניט צואוויינט...

לינאַ איז געשטאַנען פון ווייטען און אין געהיים זיך צוגעקוקט צו דער סצענע און אין איר האַרץ איז אויפגעגאַנגען אַ נייע האָפנונג... אפשר איצט... אפשר איצט?...

איצט, ווען דער וועג איז געווען פריי און קיין שטערונג פון דער שוועסטער'ס זייט איז מער ניט געווען, האָט זי געמענט ערוואַרטען, אַז ער וועט זיך אַ קער טאָן צו איר. אַז ער וועט ענדליך איינזען, אַז זי פּאַסט זיך פאַר אים מער, ווי איר שוועסטער. עס קען דאָך ניט זיין ער זאָל זיין אַזוי בלינד און דאָס ניט באַמערקען...

ס'איז אָבער צו דעם ניט געקומען. ער האָט זיך נאָך איר שוועסטער'ס אָפּזאָג מער ניט באַוויזען. ער איז גלייך ערגעץ אוועקגעפאָרען און מען האָט פון אים מער ניט געהערט.

---

עטליכע יאָר זיינען אוועק.

סאָפיא האָט שוין לאַנג געהייראַט, געהאַט אַ פּאָר קינדער, און אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז אַ מענש, וועמען מען האָט גערופען בערמאַן איז אַמאָל פאַרבייגעגאַנגען איר לעבען, און דער דאָזיגער מענש האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, און אַז צוליב זיין ליבע צו איר איז ער געטריבען געוואָרען צו פירען אַ גלות־לעבען, אַרומוואַנ־דערענדיג ערגעץ אין דער פרעמד...

לינאַ האָט נאָך אַלץ ניט חתונה געהאַט. זי האָט זיך אין קיין אַנדערע יונגעלייט ניט אינטערעסירט. בערמאַן איז איר געבליבען איינגעבאַקען אין האַרצען... זי האָט פון אים שטענדיג געטראַכט, און ניט אויפגעהערט נאָך אים צו בענקען...

---

איינמאָל איז לינאַ אוועקגעפאָרען צו גאַסט צו אירע אַ פריינדין אין אַן אַנדער שטאָט.

www.libtool.com.cn



שפאצירענדיג מיט איר פריינדין האט זי זיך פלוצלונג באגעגענט מיט בערמאנ׳ען, איר שוועסטער׳ס געוועזענעם חתן — איר הארצענס געליבטען.

ער האט זיך זייער דערפרייט מיט דער באגעגעניש, און איר הארציג און פריינטליך באגריסט;

— א, וואס פאר א גליקליכער צוזאמענטרעפען! — האט ער מיט פרייד אויסגערופען און ווארים געדריקט איר האנט...

לינא׳ס האנט האט געציטערט... געפילט ווי דאס הארץ פאלט איר שיר ארויס פון איבערראשונג און פרייד...

זי האט אים שטום אנגעקוקט... באמערקט ווי ער האט זיך שרעקליך געענדערט... געווארען גרוי, פארעלטערט... מיט שארפע קנייטשען ארום שטערען... אן אומעט, א טיפער, אן איינגעגע־סענער, האט ארויסגעקוקט פון זיינע אומעטיגע אויגען...

זי איז קוים אומשטאנד געווען אים צו ענטפערען אווארט... זי האט פאר אים פארגעשטעלט איר פריינדין, אים געגעבען דעם אדרעס, און אים געבעטען זי צו באזוכען.

זייט דאן בערמאן האט איר אפט באזוכט. ארויסגעוויזען איר פיל פריינטשאפט, געזוכט מיט איר צו זיין וואס נעענטער און צוגעלאזענער, אפט מיט איר שפאצירט, גערעדט, און זיך באקלאגט אויף דער גרויסער עלענטקייט פונ׳ם לעבען... אויף דער שטענדיגער פוסטקייט וואס רינגלט אים ארום; אויף חלומות וואס ווערען ניט פארווירקליכט, ווערען צושטערט ווי דורך א געהיימער האנט פונ׳ם ביטערען שיקזאל...

לינא האט זיין נאענט ווערען מיט איר אנגענומען פאר א גוטען סימן... אירע האפנונגען, אז זיינע באציאונגען צו איר האבען זיך איצט, אין יארען ארום, געענדערט צום גוטען, האבען אין איר איבעראנייעם אויפגעלעבט, זיך צובליט ווי א טרוקען פעלד נאך א לאנג געגארטען רעגען...

ס׳איז געווען נאענט צו הערבסט. לינא׳ס גאסט־צייט האט זיך געענדיגט און זי האט זיך געקליבען צו פארען א היים...

זי איז געזעסען מיט בערמאנ׳ען אינ׳ם שטאטישען פארק.

www.libtool.com.cn



ביידע שטיל... זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט ער זאָל איר עפּעס זאָגען...

זיינע פינגער האָבען נערוועז געצופּט אַן אַראָפּגעפאַלענע פּאַרדאַרט בלעטעל... זיין געזיכט האָט בלייך און שאַטענדיג געצוקט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אַן שווערע, פּיינליכע איבערלעבונגען...

— ווי זאַכען ענדערען זיך — האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבען — דאָס לעבען, די צייט, די מענשען, אַלץ, אַלץ, האָט זיך איר צייט, איר פּאַרמע... אָט נעמט אַ שטיינגער דאָס בלעטעל וואָס איך האַלט אין האַנט. געווען יונג, גרין, שטאָלץ, געהאַנגען אויף'ן בוים. אָבער איצט, זעט, ווי פאַרענדערט עס איז... דאַר, פאַרוועלקט, פון בוים אָרונטערגעפאַלען... ער, לעבען... לעבען!...

— יאָ, אַלץ ענדערט זיך, אַפילו די ליבע... — האָט לינא באַמערקט.

— די ליבע? אַ, ניין! — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַזש אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט — די ליבע, דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס בלייבט און לעבט אייביג... איין מאָל געליבט, אַלעמאָל געליבט...

— איר זעט, — האָט ער פּלוצלונג אַרויסגעצויגען פון ברוסט־קעשענע אַ קאָנווערט און אַרויסגעוויקעלט פון בלויען זייד אַ בילד — איר זעט אָט דאָס בילד? ס'איז אייך גוט באַקאַנט!

— מיין שוועסטער! — האָט זיך ביי לינא'ן אַרויסגעריסען און איר גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ בויג געטאָן אַן אַ זייט ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגעל, וועלכען מען האָט איבערגעבראָכען אַ פליגעל...

— יאָ, אייער שוועסטער, מיין געוועזענע כלה, כ'ליב נאָך אַלץ אָט דאָס נאַריש, צולאָזען, לייכטזיניג מיידעלע, און וועל זי ליבען ביז מיין טויט...

לינא האָט מיט פאַרגליווערטע בליקען אים אָנגעקוקט...

www.libtool.com.cn

# איר געוועזענער לערער

אויף א פארוויילונג האבען זיך אין יארען ארום צופעליג נעטראפען די שילעריז מיט איר געוועזענעם לערער. עס איז זיי ניט אנגעקומען אזוי לייכט איינע די אנדערע צו דערקענען, אזוי פארענדערט זיינען זיי ביידע געווארען.

און האבען זיי זיך דערקענט, האבען זיי זיך אנגעקוקט איינע די אנדערע פארוואונדערט. אים, מיסטער סימאנס, האט זיך קוים געגלויבט אז דאס איז זי, זיין געוועזענע שילעריז, וועלכע ער געדענקט אלס א יונגע שיינע מיידעל פון א יאר אכטצען, א דינינקע, א בלאסליכע; סיי קערפערליך, סיי גייסטיג ווייניג ענטוויקעלט.

איצט איז פאר אים געשטאנען א פאלקאמענע ענטוויקעלטע פרוי, א שיינע, א שטאלצע. פון אירע וואונדערליכע פרויען־אויגען האט ארויסגעבליצט איר גייסטיגע דערהויבונג, און אין איר גאנצע האלטונג האט זיך באמערקט דער גרויסער פארטשריט. וואס זי האט דורך דער צייט געמאכט אין יעדער הינזיכט.

און זי, פרידא, האט זיך קוים געקענט פארשטעלען, אז אט דער פארעלטערטער מאן, וועמעס האר עס זיינען שוין באלד אין גאנצען גרוי, איז איר געוועזענער לערער, וועמען זי האט אין דער יונגענט אזוי פארגעטערט און אין דער שטיל אזוי ליב געהאט.

און ווי האט מען זיך דעמאלט ניט געקענט פארליבען אין אים, אז ער, דער לערער זייערער, איז געווען אזא שיינער, אזא וואונדערבארער מענש און דערצו נאך אומפארהייראט.

אמת, ער איז שוין דעמאלט אויך ניט געווען אזוי יונג, א יאר פינף־און־דרייסיג, אבער זיין אויסזען, זיינע קלוגע אויגען, זיין

www.libtool.com.cn


שיינער קאָפּ שוואַרצע־געקרייזעלטע האָר, זיין אינטעליגענץ, זיינע אײדעלע מענשליכע שטריכען, האָבען געפאַנגען די הערצער פון כמעט אַלע זיינע יונגע שילערינס.

פרידאַ האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ העכערען מענשען. אין וועמענס לערנען עס איז דאָ אַן אידעע, אַ טיפערער געפיל, אַ לעבענס־אידעאַל.

זי איז אין אים געווען פאַרליבט מער ווי אַלע אַנדערע פון זיינע שילערינס, אפשר דערפאַר ווייל זי האָט געמענט ווייניגער האָפען פון אַלע אַנדערע, ווייל זי איז געווען אַ פּשוט'ע אַרבייטער־מיידעל. אמת, מיט אַ גרויסען פאַרלאַנג צום לערנען, אָבער מיט אַזוי ווייניג קענטעניש. ווי האָט זי גאָר געקענט טראַכטען אים אַפילו צו לאָזען פילען ווי שטאַרק פאַרליבט זי איז אין אים. זי וואָלט עס קיין מאָל ניט געוואַגט.

האָט זי איר ליבע באַגראָבען טיף אין איר האַרצען, געליטען אין דער שטיל און זיך געפּלאָגט און געפּייניגט אין איר ליבעס־ווײ...

זייט דאַן זיינען אַוועק יאָרען.

דאָס שווערע מזל וואָס האָט פרידאַ'ן פאַרפאָלגט אַלס מיידעל איז פון איר אָפּגעטראָטען. זי האָט געהייראַט מיט אַ יונגענמאַן, וועלכען זי האָט געקענט נאָך פון די שילער־יאָרען און וועלכער האָט נאָכדעם געענדיגט דאָקטאָר, און ס'איז איר געווען זייער גוט.

פרידאַ האָט נאָך איר חתונה ערשט אָנגעהויבען אויפסניי צו לערנען, ווייל זי האָט געהאַט מער צייט, מעגליכקייטען און מיטלען. זי האָט אַ סך געלעזען און איז מיט דער צייט געוואָרען אַ געבילדעטע פרוי מיט וויסען און קענטעניש און מיט אַ שיינעם און הויכען באַגריף וועגען אַלץ וואָס מאַכט דאָס לעבען שיין און ערהאבען...

---

זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר אַמאָליגען לערער וועלכער איז אַזוי שטאַרק פאַרענדערט געוואָרען, און ניט געוואוסט פון וואָס אָנצוהויבען צו אים ריידען. זי האָט געוואָרט ער זאָל אָנהויבען.

www.libtool.com.cn


— ווי די צייט ענדערט זיך... איך האָב אייך קוים דערקענט

— האָט ער נאָך אַ לענגערע ווײַלע איר אָנקוקענדיג פּאַרוואונדערט ארויסגערעדט. — ווי לאַנג איז עס, ווען איר זייט געווען מיין שילערין? אַזוי יונג און קינדעריש, און היינט...

— און היינט שוין אַן אַלטע אידענע... — האָט זי שפּאַסיג באמערקט.

— אָ, ניין. כ׳מיין פאַרקערט...

— אַ דאַנק. און ווי גייט עס אייך? — האָט זי מיט גרויס דרך ארץ פאַראינטערעסירט געפרעגט.

— כ׳מיין... ווי זאָל עס גיין... מען ארבייט און מען מאַכט אַ לעבען...

פרידאַ׳ן האָט דער ענטפער אַ גרילץ געטאָן אין די אויערען און אַ שלאָג געטאָן צום הארצען... „מען ארבייט און מען מאַכט אַ לעבען!“. וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן — דאָס איז דאָך דער זעלבער ענטפער וואָס יעדער פּשוט׳ער ארבייטער גיט. זי געדענקט נאָך דעם ענטפער פון אירע אַמאָליגע מיידעלשע ארבייטס־יאָרען.

און געוואָלט האָט זי דאָך מיט איר אַמאָליגען געבילדעטען לערער איצט אַזוי פיל ריידען. אודאי וואָלט זי אים אפילו נאָך איצט אויך ניט דערציילט וועגען איר אַמאָליגען געפיל צו אים, אָבער מיט אים צו ריידען וועגען שיינע און הויכע ענינים וואָלט איר פאַרשאַפט גרויס גליק און פרייד.

און מיט אַמאָל אַזאַ געוויינליכער ענטפער... „מען ארבייט און „מ׳מאַכט אַ לעבען“... גלייך ווי זיין גאַנץ לעבען וואָלט איצט באַשטאַנען אין „מאַכען אַ לעבען“. און זיין מח וואָלט זיך ניט באַשעפטיגט מיט קיין אַנדערע פראַגען ווי נאָר מיט דער ברויט־פראַגע...

זי האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער מיט אים צו ריידען. זי איז געשטאַנען שטיל און געטראַכט וואָס פון אים איז געוואָרען. און זיך געוואונדערט וואָס עס האָט מיט אים דורך דער צייט פּאַסירט, וואָס ער איז געוואָרען אַזאַ מאַטעריאַליסט; וואָס איז

www.libtool.com.cn

אין זיין לעבען געשען, וואס האט אזוי געענדערט סיי זיין אויס־זען, סיי זיין גייסטיגען צושטאנד?

א מיטעל־יאריגע אומפריינטליכע פרוי, ניט קיין שיינע, מיט א בייזען פנים איז מיט אמאל צו אים צוגעקומען און אין אן אומפריינטליכען טאן צו אים א זאג געטאן:

— דאוויד, וואס האסטו זיך אוועקגעשטעלט טענה׳ן? ס׳איז שוין שפעט. ס׳איז צייט צו גיין אהיים!

זיין פנים האט זיך א קנייטש געטאן ווי ביי איינעם וואס דערפילט א פלוצלונגען ווייטאג, און ווארפענדיג א פארלארענעם בליק אויף זיין געוועזענע שילערין האט ער ניט פארשטעלענדיג זי פאר זיין פרוי א שטומען דריק געטאן איר האנט און אן איינגעבויגענער, א ביסעל וואקלענדיג, גענומען זיך שארען ביי זיין פרוי׳ס זייט...

איצט האט פרידא אלץ פארשטאנען... און זי האט אים נאכגעקוקט מיט באדויערענדע און רחמנות׳דיגע בליקען...

www.libtool.com.cn

# שפּילט ניט מער

פלאָרענס'עס ליבע האָט זיך אָנגעהויבען ווען זי איז אַלט געווען אַכצען יאָר, פון יענער צייט, ווען צו זיי אין הויז האָט זיך אַריינגעצויגען דיינאָוו, אַ יונגערמאַן אין אירע יאָרען, אַ שיינער, אַ סימפּאַטישער, און מיט אַ טאַלאַנט צו שרייבען, פּאָעזיע.

פלאָרענס, כאָטש ניט קיין דיכטערין מיט דער פען, האָט אירע מיידעלשע חלומות אויסגע־חלום'ט אויף דער פּיאַנאָ, צו וואָס זי האָט געהאַט אַ פיינעם טאַלאַנט. יעדער טאָן איז געווען אַ חלום פון יונג־מיידעלשען באַגער, אַ געפיל, וואָס קען נאָר איבערגעגעבען ווערען מיט פּיאַנאָ־קלאַנגען דורך די צאַרטע פינגער פון איינער, וואָס איז אין בליענדען פרילינג פון לעבען.

דיינאָוו האָט מיט זיין פּאָעטישען חוש גלייך דערפילט די ציטערענדע מיידעלשע בענקשאַפט, און זיין פּאָעטיש האַרץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן. האָט ער טאַקע באַלד אָנגעשריבען אַ ליד וואָס האָט געהייסען „דאָס שפּיל־פויגעלע", וועלכע ער האָט איר ביי דער ערשטער געלעגענהייט פאָרגעלעזען.

דערנאָך האָט ער ווענען איר געשריבען אַ סך, אַ סך לידער, און זיי אַלע פאַר איר פאָרגעלעזען. און נאָך יעדער פאָרלעזונג פון אַ ליד האָט פלאָרענס אָפטער, שענער און נאָך האַרציגער געשפּילט... און דיינאָוו האָט אַלץ מער דערפילט, אַז זיי זיינען שטאַרק פאַרליבט איינע אין די אַנדערע.

---

פלאָרענס'עס עלטערען זיינען געווען פּשוט'ע גראָסערי־לייט.ביידע האָבען געאַרבייט שווער און ביטער, געשטאַנען ביז שפּעט אין דער נאַכט אין סטאָר, זעלטען ווען געהאַט הנאה פון זיין אַ פּאָר שטונדען אין דער היים, שטענדיג געווען פאַרנומען, פאַרביזי־נעוועט. דאָס איינציגע שטיקעל אָפּרו און אומבייטונג פון זייער גראָסערי־לעבען זיינען טאַקע געווען אָט די פּאָר שטונדען. אין

www.libtool.com.cn



די פּאָר שטונדען פלעגט די טאָכטער פּאַר זיי שפּילען אויף דער פּיאַנאָ, פון וואָס זיי האָבען שטאַרק הנאה געהאַט.

אמת, זיי וואָלטען נאָך מער הנאה געהאַט, ווען זי, די טאָכ־טער, וואָלט זיי געפאָלגט און געשפּילט די שטיקלאַך, וואָס זיי ווילען און וואָס איז זיי מער צום הארצען, אָבער אַז זי וויל ניט. מוז דאָס אויך רעכט זיין. קיין צופיל דעה ווילען זיי איר אין דעם ניט זאָגען. איר לערער פון מוזיק, וואָס נעמט פינף דאָלאַר פּאַר אַ לעסאָן, ווייסט מן הסתם בעסער, וואָס איר צו הייסען שפּילען, — מוזען זיי זיך שוין פאַרלאָזען אויף אים.

פלאָרענס'עס עלטערען האָבען אָפּגעשפּאָרט פון דאָס לעצטע און דעם לערער געצאָלט. די צוויי „באָיעס", אינגערע פון פלאָרענס, האָט זיי ניט געאַרט, אַז זיי וועלען ניט קענען שפּילען אויף קיין אינסטרומענט, אַז זיי וועלען זיין לאָיערס אָדער דאָקטאָרס אָן מוזיק מאַכט זיי אויך ניט אויס. זי אָבער, פלאָרענס. ווילען זיי, זאָל יאָ קענען, און טאַקע גוט קענען שפּילען. זי מוז זיך מיט עפּעס אויסצייכענען, אויב זי וויל קריגען אַ פיינעם יונגענמאַן, אַ „פּראָפעשאָנאַל", ניט חלילה קיין גראָסערימאַן.

און געטראַכט האָבען די עלטערען זייער אָפּט פון זייער קינד'ס צוקונפט און גליק. פלאָרענס איז ביי זיי געווען די איינציגע טאָכטער און זיי וואָלטען איר געוואָלט פאַרזאָרגען זי זאָל ניט האָבען אַזאַ שווער לעבען ווי זיי האָבען. ווען גאָט שיקט זיי צו פּאַר איר אַ „פּראָפעשאָנאַל", וואָלטען זיי אים אוועקגעגעבען אַלץ, וואָס זיי האָבען אָנגעקליבען דורך יאָרען פון שווערער אַרבייט: אפילו די איין־פאַמיליע־הויז, אין וועלכער זיי וואוינען. ער, דער מאַן אירער, וואָלט זיך דאָ געמאַכט אַן אָפיס, זאָל איר נאָר גאָט צושיקען דעם ריכטיגען זיווג.

איצט, ווען פלאָרענס איז אַלט געוואָרען אַכצען יאָר, איז זייער זאָרג וועגען אַ שידוך פּאַר זייער טאָכטער געוואָרען ערנסטער. זייער מיידעל, האָבען זיי געוואוסט, איז אַ שטיל און פאַרטראַכט קינד, וואָס זיצט די מערסטע צייט ביי דער פּיאַנאָ און „פּראַק־טיסט", לויפט ניט אַרום ווי אַנדערע מיידלאַך זוכען יונגעלייט. מוזען זיי, די עלטערען, פּאַר דעם זאָרגען.

www.libtool.com.cn


האָבען זיי טאַקע וועגען דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטען. שטייענדיג אין גראָסערי, האָבען זיי וועגען דעם אָפּט גערעדט צווישען זיך און אפילו צו זייערע קאַסטאָמערס ניט אויפגעהערט צו דערציילען וועגען זייער קינד'ס גרויסע מעלות, וועגען אירע „גאָלדענע הענט“ אויף דער פּיאַנאָ און אַנדערע מעלות.

— איר הערט, — פלעגט די מוטער פאַרענדיגען מיט שטאָלץ.

— אַזאַ טאָכטער ווי מיר האָבען איז ווייט צו זוכען. וואָס קען זי דען ניט? אפילו נייען און קאָכען! זאָל זיך נאָר מאַכען אַ רעכטער שידוך פאַר איר, וועט זיך יענער אסור נאַרען.

— אַ שידוך! שייך צו זאָגען אַ שידוך! — פלעגט דער פאָטער ניט זיין צופרידען מיט דעם אופן ווי זי לייגט פאַר פאַר די קאַסטאָמער אַזוי „פּליין“ דאָס וואָרט שידוך. — איר פאַר־שטייט — פלעגט ער פאַרריכטען, — מיר מיינען ניט סתם אַ שידוך, מיר מיינען אַ שידוך וואָס זאָל נעמען, וואָס זאָל האָבען אַ האַפּט... אַ „פּראָפעשאָנאַל“, מיינען מיר... אונזער טאָכטער איז עס ווערט. זי פאַרדינט עס סיי מיט איר שיינקייט און בריה'ז־שקייט, סיי מיט'ן שפּילען אויף דער פּיאַנאָ.

אָט אויף אַזאַ אופן האָבען טאַטע־מאַמע געזוכט צו פאַרזאָרגען זייער טאַלאַנטפולע טעכטער'ל, וואָס איז ביי זיי געווען דאָס אויג אין קאָפּ... ס'איז זיי קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו טראַכטען, אַז פלאָרענס איז שוין ניט מער קיין קינד, נאָר אַ דערוואַקסען מיידעל, וואָס האָט אויסער אירע מיידעלשע געפילען און פאַרלאַנגען אַז אַרטיסטישען טאַלאַנט מיט אַרטיסטישע נייגונגען צו עפּעס, וואָס איז נאָענט צו איר געפיל און גייסטיגער וועלט...

---

פלאָרענס'עס עלטערען, וועלכע זיינען זעלטען געווען אין דער היים, האָבען ניט באַמערקט ווי זייער טאָכטער איז שוין שטאַרק פאַרליבט אין זייער פּאַטעטישען „באָרדער“, וואָס האָט נאָך ניט דערוווייל, אויסער זיינע לידער, קיין שום מאַטעריעלע אויס־זיכטען אויף דער צוקונפט... פאַר פלאָרענס'ען זיינען אָבער זיינע לידער ווערט געווען אַ פאַרמעגען...

מיט דער גאַנצער ליבע און געטריישאַפט פון אירע עלטערען

www.libtool.com.cn



צו איר, איז פלאַרענס דאַך שטענדיג געווען אומצופרידען און אומרואיג. עס האָט איר עפּעס געפעהלט, און די עלטערענס ליבע האָט איר ניט געקענט גייסטיג באַפרידיגען. איר קינסטלעריש, אומרואיג בלוט האָט איר געצויגען ערגעץ; וואוהין האָט זי אַליין ניט געוואוסט. די אַרטיסטישע קרייזען זיינען איר געווען פרעמד. זי האָט קיינמאָל קיין געלעגענהייט ניט געהאַט אהין אריינצוקומען.

וואַד־אייך, וואַד־אוים, אַזוי שוין יאָרען, זיינען מוזיק־לערער געקומען צו איר אין הויז אריין געבען די „לעסאָנס", זי גערימט פאַר אירע עלטערען פאַר אירע פייאינקייטען, און דערביי איז דאָס געבליבען. קיין איינער פון אירע לערער און לערערינס האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט אין איר גייסטיגען לעבען, אין אירע בענקשאַפטען און איבערלעבונגען. אַפילו אירע חבר'טעס, מיט וועלכע זי איז צוזאַמען געגאַנגען און פאַרבראַכט, האָבען איר ניט פאַרשטאַנען, און זי האָט זיך שטענדיג געפילט עלענט, אַליין...

איר גאַנצע טרייסט איז געווען די פּיאַנאָ.

מיט דיינאַוו'ס אריינציען צו זיי אין הויז, (ביי זיי אין הויז האָט שטענדיג אימיצער געוואוינט צו פאַרלייכטערען די לאַסט פאַר אירע פּיאַנאָ־לעסאָנס), האָט זיך די לאַגע מיט אַמאָל געביטען. זי האָט דערפילט, אַז עס האָט זיך צו זיי אין הויז אריינגעצויגען אַ מענש גאַר פון ערגעץ אַן אַנדער לעבען און וועלט. אַ מענש וואָס פאַרשטייט איר און ווייסט, ווי אָפּצושעצען איר טאַלאַנט. ווען דיינאַוו פלעגט זיצען און זיך צוהערען צו איר שפּילען, האָט זי זיך עפּעס געפילט חשוב'ער, דערהויבענער, האָבען אירע פינגער גאַר אַנדערש זיך באַוועגט איבער די פּיאַנאָ־ביינדלאַך, האָט מיידעלשע פרייד און ליבעס־חלום ארויסגעציטערט פון די קלאַנגען...

---

לעבען פלאַרענס'עס עלטערענס גראָסערי־סטאָר האָט זיך געעפענט אַן האַרדוואַר־סטאָר. האָבען זיך די שכנים גלייך באַקאַנט, געוואָרען פריינטליך, זיך אויפגערעדט וועגען לעבען און וועגען קינדער.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז די האַרדוואַר־סטאָר בעל־הבתים האָבען אַ זוהן, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געענדיגט אויף דענטיסט. ער איז אַ שטילער און ערליכער יונגערמאַן, וואָס זוכט

www.libtool.com.cn


א תכלית. קיין געלט מיט וואס צו עפענען אן אפיס האט ער דערווייל ניט, און זיי, די עלטערען, קענען אים ניט העלפען, ווייל ער האט גענוג ארויסגעצויגען זייערע קרעפטען דורך דער צייט וואס ער האט געשטודירט. ארבייט ער דערווייל ביי יענעם, אבער ווען גאט העלפט און עס מאכט זיך פאר אים א וואויל מיידעל, וועמענס עלטערען עס וואלטען אים געהאלפען זיך שטעלען אויף די פיס, וואלט אודאי גוט געווען.

האבען ביי פלארענס'עס עלטערען אזש א גלאנץ געטאן די אויגען פון דעם גליקליכען צופאל, וואס ס'איז זיי מיט אמאל צוגע־שיקט געווארען.

— איז דאך פונקט גוט, וועלען מיר אפשר זיין מחותנים!

— האט דער גראסערימאן קוים איינהאלטענדיג די פרייד אויסגערופען.

— מהיכא תיתי!—אויב איר האט נאר עפעס א רעכט מיידעל פאר מיין דאקטאר, פארוואס ניט? — איז דער הארדוועראמאן צופרידען געווען.

— ווען איר וועט זען אונזער מיידעל און זי הערען שפילען אויף דער פיאנא, וועט איר אויסגעפינען וואס פאר אן אנטיקעל דאס איז! — האט דער גראסערימאן פארלויבט זיין טאכטער.

— מיט אלע מעלות! א שיין קינד, אן ערליך קינד, פאלגט טאטע־מאמע, און זייער געראטען — מיט גאלדענע פינגער... — האט דעם גראסערימאן'ס ווייב צוגעגעבען.

— און ווען איר וועט אנקוקען מיין זון, דעם דאקטאר, וועט איר ערשט זען, וואס פאר א לייט דאס איז! ניטא קיין סך אזעלכע צווישען היינטיגע יונגעלייט, — האט די פרוי פון הארדווער סטאר פארלויבט איר זון.

אט אזוי האבען ביידענס עלטערען צווישען זיך גערעדט און געלויבט זייערע קינדער אזוי לאנג, ביז דער שידוך איז כמעט צווישען זיי געשלאסען געווארען.

---

— פלארענס, מיר האבען פאר דיר א גוטען חתן! — האט דער פאטער מיט שטאלץ געמאלדען זיין טאכטער, — פארשטייסט, קינד, א פראפעשאנאל, א דאקטאר...

www.libtool.com.cn



— אזא יאָר שוין, טאַכטער, אויף מיר, וואָס פאַר אַ יונגערמאַן דאָס איז! מיר האָבען אים אַנגעקוקט און ער געפעלט אונז זייער. — האָט די מוטער צופרידען צוגעגעבען.

פלאָרענס, דערהערענדיג די בשורה, איז ווי צוטומעלט געוואָרען. זי האָט די עלטערען אַנגעקוקט פאַרוואונדערט און צושראָקען.

— וואָס קוקסטו מיר אַזוי אָן, טאָכטער? — האָט דער פאָטער ניט געקענט פאַרשטיין. — וואָס־זשע, ביזט אפשר ניט צופרידען פון שידוך? — פאַרגעס ניט, אַ דאָקטאָר!...

— און אַ שכן אונזערער פון נעקסט־דאָר. זייער וואוילע און ערליכע מענשען זיין טאַטע־מאַמע, — האָט די מוטער באַמערקט.

— אָבער איך בין נאָך יונג און דענק נאָך ניט פון חתונה האָבען! — האָט פלאָרענס קוים אַרויסגערעדט.

— „נעווער־מיינד" יונג! — איז דער פאָטער שוין געוואָרען שטרענגער. — אַז עס מאַכט זיך אַ גוטער שידוך, טאָר מען ניט אָפּלאָזען. עס וואַלגערען זיך עפּעס דאָקטוירים, וואָס?

— ס'איז, מיין קינד, אַ שטיק גליק פאַר דיר. ער וועט דאָך דיר אויף די הענט טראָגען, דער דאָקטאָר... — האָט די מוטער איר צוגעגעבען חשק.

פלאָרענס האָט ניט געענטפערט. וואָס האָט זי זיי געקענט ענטפערען? דערציילען זיי, אַז זי איז פאַרליבט אין דיינאָוו'ן וואָלט געווען נוצלאָז. זי וואָלט בלויז געבליבען אַ שלעכט קינד. און אים, דיינאָוו'ן, וואָלטען זיי גלייך אַרויסגעטריבען...

זי איז געווען צו גוט, צו היימיש ערצויגען און צופיל ליב געהאַט אירע עלטערען, זי זאָל זיך אַנטקעגען שטעלען...

---

פלאָרענס האָט חתונה געהאַט מיט'ן דאָקטאָר. אירע עלטערען האָבען זיך געפילט ווי אין זיבעטען הימעל. צו זייער גליק איז קיין גלייכען ניט געווען. זייער חלום, חתונה צו מאַכען זייער טאָכטער מיט אַ „פראָפעשאָנאַל", איז פאַרווירקליכט געוואָרען, און די מי און געלט, וואָס זיי האָבען אויף איר „געספּענט", איז ניט געווען אומזיסט.

www.libtool.com.cn


מען האט דעם דאקטאר גלייך איינגעשטעלט אז אפים, און ס'איז אים אוועק גוט. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דער דאקטאר איז א גוטער ביזנעסמאן, פארשטייט זיין פאך און ווייסט ווי צו מאכען א דאלאר.

ער איז געווען א גוטער מאן, אבער פונקט אזוי גוט וואלט ער געווען ווען ער וואלט חתונה געהאט מיט אן אנדער פרוי. וואס וואלט ניט געהאט פלארענס'עס מוזיקאלישע איינגעשאפטען. זי שפילט אויף דער פיאנא, מהיכי תיתי, ס'איז גוט אז מען קען. איבערהויפט קומט דאס שפילען צוניץ, ווען עס איז דא קאמפאניע... ער פערזענליך וואלט געקענט אויסקומען אן דעם.

ער איז געווען, ווי מען זאגט, א גוטער פארזארגער. געווען מיט לייב און לעבען אריינגעטאן אין זיין „פראפעשאן", געזוכט צו פארדינען וואס מער געלט, געזען אז זיין פרוי זאל ניט פעלען קיין שיינע קליידער, זי זאל האבען א שיינע היים, א דינסט, און אלץ וואס איז נויטיג פאר דער באקוועמליכקייט, אום א פרוי זאל צופרידען זיין. מער האט ער ניט פארשטאנען און ניט געזוכט צו פארשטיין.

פלארענס'עס לעבען איז געווען פוסט און טרוקען. עס האט איר געפעלט די באגייסטערונג, די אפשאצונג פון איר טאלאנט פון א נאענטען מענשען, וואס זאל איר דערהויבען און וואס זאל דערהויבען ווערען גלייך מיט איר, וואס זאל איר הינרייסען. און אליין מיטגעריסען ווערען מיט דעם שטראם פון אירע טענער... ס'איז איר אזוי שווער געווען צו זיין אליין, ווען די געפילען זיינען אזוי רייך און די בענקשאפט אזוי גרויס...

זי האט אפט געטראכט פון דיינאוו'ן, דעם ארימען פאעט, מיט וואס פאר א באגייסטערונג ער פלעגט עס זיצען און זיך צוהערען צו איר שפילען! די פיאנא קלאנגען פלעגען אים הינרייסען, און זי פלעגט מיטגעריסען ווערען פון זיין מוזיקאלישע געפיל, פון זיין טיפער „אפשעצונג" און גרויסער פארגעטערונג פון איר טאלאנט...

---

ס'איז געווען אין אווענט.

פלארענס איז געזעסען אליין אינ'ם רייך־פארפוצטען פארלאר.

www.libtool.com.cn


באטראכט מיט אומעט איר שיינע און רייכע הײם און א טיפען זיפץ געטאָן...

„וואס האט זי פון דעם אלץ ? — האט זי מיט ווײ געטראכט.
— אז דאס אלץ גיט איר קיין גליק ניט, אז ס'איז איר אומעטיג, און אין הארץ איז אזוי פוסט... און ער, איר מאן ?..“

ווידער איז איר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען דייגאָוו. און ס'איז איר באפאלען אזא בענקשאפט, און איר הארץ האט זיך עפעס אנגעהויבען רירען, און טרערען האבען איר אנגעהייבען צו שטיקען...

זי איז צוגעפאלען צו דער פיאנא און געשפילט — און געשפילט... — — — — — — — — — — — — — —

— אט אזוי, אזוי טאכטער! — זיינען אירע טאטע־מאמע מיט אמאל ארייגעפאלען, — דו שפילסט דאך היינט עפעס גאר פיין ! ס'איז דאך א מחיה צו הערען !

פלארענס'עם קערפער האט זיך געגעבען א טרייסעל. אירע פינגער האבען א ציטער געטאָן... א ווילדער, אומגעלומפערטער קלאנג האט א בייזען הילך געטאָן איבער'ן הויז...

---

זייט דאן האט זיך פלארענס מער ניט צוגערירט צו דער פיאנא. וויפיל מען האט זיך ביי איר ניט צובעטען, זי זאל עפעס שפילען, האט ניט געהאלפען.

אירע עלטערען האבען זיך פון דעם זייער שטארק געערגערט. זיי האבען אויף קיין פאל ניט געקענט פארשטיין פארוואס זי האט מיט אמאל געווארפען אזא אומ'חן אויף דער פיאנא.

— טאכטערשע, פארוואס שפילסטו ניט ? — זיינען זיי אמאל געוואָרען צודרינגליך. — וואס איז געוואָרען מיט דיר ? וואס פעלט דיר ? האסט דאך געקראָגען אזא גוטען מאַן, א פארדינער, א דאקטאר... באדארפסט זיך דאך שעצען גליקליך ! ס'איז דאך דיר גוט און וואויל... שפיל, שפיל עפעס, קינד, אויף דער פיאנא. זאלען לייט הערען וואס דו קענסט.

— איך קען ניט. איך וועל מער קיינמאל ניט שפילען ! — האט פלארענס נקמה'דיג אויסגערופען און זיך היסטעריש צעוויינט.

און זי האט מער קיינמאל ניט געשפילט...

www.libtool.com.cn

# די האָפנונג

אכצען יאָר איז ליליען גאָלדבערג אַלט געווען ווען זי האָט געהייראַט. געהייראַט אין אירע בעסטע בליענדיגע יאָרען, אַבער קיין פרילינג האָט ליליען ניט איבערגעלעבט; דער זיסער טעם פון ליבע איז איר געבליבען פרעמד. זי האָט מיט איר מאַן ניט געהייראַט אויס ליבע, און אירע ניט אויסגעלעבטע ליבעס־געפילען זיינען יאָרען־לאַנג געבליבען ליגען באַגראָבען טיף אין איר האַרצען.

צוואַנציג יאָר זיינען זייט דאַן אַוועק. איר לעבען האָט זיך געצויגען ווי אַ ווינטער, טרוקענער וועג. זי האָט געהאַט עטליכע קינדער, דורכגעמאַכט אַלע ליידען און פריידען פון זייער ערציאונג, אָבער אירע מאַמע־געפילען זיינען שטענדיג געבליבען אָפגעטיילט פון אירע אייגענע געפילען, וועלכע זיינען ווי פאַרגליווערט געלעגען אין זייער באַהעלטעניש.

זייט אָבער פיינטהאַל האָט אָנגעהויבען אַריינצוקומען צו זיי אין הויז, האָבען זיך די געפילען אין איר אָנגעהויבען רירען. אַרויסטויבען ווי בליאונג נאָך אַ לאַנגען, קאַלטען ווינטער אונטער פראָסט און שניי.

פיינטהאַל איז אַלט געווען אַ יאָר פערציג. ער האָט געהאַט אַ שיינעם אינטעליגענטען אויסזען, אַ פּאָר טיפע, פאַר׳חלומ׳טע אויגען, מיט פיינע, אַריסטאָקראַטישע מאַניערען און אַרטיסטישע, ראָמאַנטישע באַנעמונגען.

ער איז געווען אַ מוזיק און געזאַנג־לערער וואָס האָט זיך באַצויגען זייער ערנסט צו זיין פאַך. געווען אידיש געזאַנען, און ביי געלעגענהייט ניט פאַרפעלט צו זינגען אָדער שפּילען אַ אידישע מעלאָדיע אָדער ליד.

ער האָט געלערענט מיט ליליען׳ס עלטערע מיידעל שפּילען פּיאַנאָ. און זי, ליליען, פלעגט זיצען פון וויטען און זיך צוהערען. ניט אַרונטערנעמענדיג פון איהם די אויגען... „אַט פון אַזאַ פערזאָן האָט זי דאָך אַלע אירע יאָרען גע׳חלומ׳ט" — האָט זי זיצענדיג

www.libtool.com.cn



און קוקענדיג אויף אים געטראכט, און עפּעס אַזאַ זיסע װאַרימקייט האָט זיך װי זיסער װיין צוגאָסען אין אַלע אירע גלידער.

איינמאָל נאָכ'ן לעסאָן, האָט אים די מאַדאַם גאָלדבערג געבעטען ער זאָל עפּעס זינגען, אויב ס'איז אים ניט שווער.

שווער, װי פּאַלט עס איר גאָר איין? ער זעט דאָך װי טיף פאַראינטערעסירט זי איז אין מוזיק, אַז זי זיצט כמעט ביי יעדען לעסאָן, װאָס ער גיט איר טאָכטער אין קלאַסישע מוזיק, און הערט זיך צו מיט אַזאַ אינטערעס, אַז ער האָט פון איר גאָר אַ הויכע מיינונג אַלס מוזיק ליבהאָבערין. אָבער דאָס מאָל װעט ער מאַכען אַן אויסנאָם און זינגען פאַר איר אַ אידיש לידעל.

און אין אַ שיינער באַריטאָן שטימע האָט ער אָנגעהויבען:

לעבען, יוגענט פליט געשווינד,
װאַכזאַם זיי, מיין שיינעס קינד,
לאָז די יוגענט ניט פאַרגיין,
ליבסטו — ביזטו שטענדיג שיין.
ליבסטו — װערסטו קיינמאָל מיד,
זינגענדיג דיין ליבעס־ליד.
גליט אין דיר דער ליבעס־פונק,
בלייבסטו אַלע יאָרען יונג...

לאַנג נאָך פיינטהאָלם אַװעקגיין האָבען די װערטער: „לאָז די יוגענט ניט פאַרגיין" ניט אויפגעהערט צו קלינגען אין אירע אויערען. דאָס ליד האָט איר גערירט, אויפגעװעקט אין איר לאַנג פאַרגאַנגענע בענקשאַפט און פאַרלאַנגען... „לאָז די יוגענט ניט פאַרגיין" — האָט זי עטליכע מאָל צו זיך אַליין איבערגערעדט די װערטער — און אָט האַלט איר יוגענט שוין באַלד ביים פאַרגיין. זי איז שוין נאָענט צו פערציג... און װאָס? ... — — — — — — — — —

— איר װייסט — האָט זי איינמאָל געזאָגט צו פיינטהאָל'ן — דאָס ליד װאָס איר האָט דאַמאָלסט פאַר מיר געזונגען, האָט מיר שטאַרק גערירט. װי זינגט איר דאָרט?

— לעבען, יוגענט פליט געשווינד — האָט ער איר דערמאָנט.

— יאָ, אַלץ װאָס האָט צו טאָן מיט'ן פאַרגיין, איז רירענד.

— האָט זי פאַרטראַכט אַרויסגערעדט.

www.libtool.com.cn


— נו, מיר זיינען נאָך ניט אַזוי אַלט — האָט ער מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

— ס׳וואונדט זיך ווי מען פאַרלעבט די יאָרען... — האָט זי מיט אַ זיפץ פאַרענדיגט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר ווייכע און מילדע בליקען און גענומען אָנטאָן דעם מאַנטעל גרייטענדיג זיך צו גיין. — — — —

דערנאָך האָט ליליען אַ סך פון אים געטראַכט, נאָכגעדענקט וועגען אַלץ, וואָס ער האָט צו איר גערעדט. און ס׳איז ביי איר אויסגעקומען, אַז זיין יעדער וואָרט האָט עפּעס אַ באַדייטונג, אַן אָנצוהערעניש, פון זיין ניט גלייכגילטיגקייט צו איר. איבערהויפּט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויפ׳ן „מיר". „מיר זיינען נאָך ניט אַזוי אַלט" — האָט ער געזאָגט. און ס׳איז ביי איר קיין ספק ניט געווען, אַז ער האָט דעם „מיר" ניט געזאָגט סתם אַזוי אין דער וועלט, נאָר עס האָט עפּעס אַ שייכות מיט איר, מיט זייער באַקאַנט־שאַפט, וואָס ווערט איר אַלע מאָל נעענטער און ליבער...

עס איז איר איינגעפאַלען, אַז זי זאָל אַליין אָנהויבען צו נעמען לעסאָנס אין פּיאַנאָ. זי זעט ניט איין פאַרוואָס זי זאָל עס ניט טאָן. צייט האָט זי גענוג, קיין געלט פּיילט איר ניט. ס׳איז איר נאָר אַ וואונדער וואָס עס איז איר ביז איצט ניט איינגעפאַלען זיך צו לערנען שפּילען.

זי האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פּיאַנאָ מיט גרוים חשק. מיט אומגעדולד האָט זי ערוואַרטעט די מינוט דער לערער זאָל שוין קומען. אין זיין אַנוועזענהייט האָבען אירע פינגער יונג און שטיפעריש אַרומגעטאַנצט איבער די ביינדלאַך, ווי זי וואָלט געווען אַ יונג מיידעלע מיט יונגע האָפנונגען אין איר האַרץ, וואָס האָט מיטגעטאַנצט צום טאַנץ פון די ביינדלאַך...

פון צייט צו צייט פלעגט דעם לערער אויסקומען אָנצונעמען אירע פינגער און מיט זיי באַוועגען איבער די ביינדלאַך. ער האָט עס געטאָן אויף אַ לייכטען, פריינטליכען שטייגער, ווי עס פאָדערט זיין פאַך. זי האָט אָבער אין דעם אַריינגעטייטשט מער ווי געוויינליכע פאַך־איידעלקייט. זי האָט געגלויבט, אַז ער טוט עס

www.libtool.com.cn


מיט א כיוו, און יעדען מאָל וואָס ער האָט באַרירט אירע פינגער, האָט זיך עפּעס א ריר געטאָן אין איר האַרצען, און ביי יעדען ציטער פון די ביינדלאַך האָט אין איר א ציטער געטאָן א נייער געפיל צו אים... — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָט ער איר פּלוצלונג ערקלערט, אַז ער מוז די לעסאָנס אויפגעבען, ווייל ער האָט באַקומען א וויכטיגע מוזיקאַלישע שטעלע אין אַן אנדער שטאָט, און ער מוז אוועקפאָרען.

ווען ליליען האָט עס דערהערט, האָט זי א שטילען ציטער געטאָן. אירע פּיס האָבען זיך אָנגעהויבען בויגען, זי האָט זיך געמוזט צוריקהאַלטען, זי זאָל ניט אומפאַלען.

— אַזוי... איר... איר פאַרלאָזט אונז גאַר! — האָט זי נאָך א לענגערען שווייגען קוים אַרויסגערעדט און איר פּנים האָט זיך געבלייכט.

ער האָט אויף איר א קוק געטאָן מיט ליבע און באַדויערענדע בליקען און הארציג אַרויסגערעדט:

— איך וועל אייך שרייבען פון דאָרט, וואו איך וועל זיין.

— און ער האָט וואַרעם געדריקט איר האַנט. — — — — — — — — —

---

ליליען האָט נאָך פיינטהאָל'ס אוועקפאָרען דורכגעלעבט שווערע טעג און נעכט. זי האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אים און וועגען זיין פּלוצלונגען פאַרשווינדען.

א ביטערער צווייפעל האָט ניט אויפגעהערט צו נאָגען איר האַרץ און דריקען איר געמיט. זאָל מעגליך זיין, אַז זי האָט אין גאַנצען געמאַכט א טעות, אַז ער האָט איר גאַרניט ליב געהאַט און איר האָט זיך בלויז אויסגעוויזען, אַז ער האָט איר ליב? — האָט איר געבוירערט א געדאַנק, וואָס האָט איר שיר ניט משוגע געמאַכט — איז וואָס איז ליבע? ווי אַזוי האָט מען ליב?

ניט איין אומרואיגען טאָג און שלאָפלאָזע נאַכט האָט זי פאַרבראַכט זוכענדיג אַן ענטפער פאַר איר פאַרוואונדעט האַרץ און ניט געפונען.

נאָר אָט איז איר אָנגעקומען פון אים א פּאָסטעל־קאַרד מיט עטליכע ווערטער אָנגעשריבען אויף דעם. ס'זיינען, דאַכט זיך, געווען פּשוט'ע עטליכע ווערטער, ווי מען שרייבט געוויינליך צו

www.libtool.com.cn


באקאנטע. אויף איר אבער האבען די עטליכע פשוט'ע ווערטער געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק. אזעלכע געוויינליכע ווערטער, ווי „איך האף אז מיר וועלען זיך נאך אמאל זען" האבען גלייך מיט א וואונדערבארען כח אפגעשטויסען אלע פריערדיגע צווייפעל־האפטע געדאנקען וועגען אים, און א טיפער גלויבען, אז זי האט ניט געמאכט קיין טעות, אז ער איז טאקע אמת און טריי פארליבט אין איר האט זיך א שפאר געטאן צו אירע געפילען וועלכע האבען זיך ווי וועלקענדיגע בלעטלעך שוין אנגעהויבען ארונטערצובויגען און מיט איין גלעט פון איר ניי אויפגעלויכטענעם גלויבען האבען זיי זיך צוריק אויסגעגלייכט.

וואס מער זי האט געקוקט אויף די עטליכע ווערטער, אונטער וועלכע עס איז מיט גרעסערע בוכשטאבען געווען אונטערגעשריבען זיין נאמען, אלץ מער איז פון איר אוועק דער צווייפעל אין זיין ליבע צו איר. יעדער ווארט האט איר פארשאפט דעם זעלבען געפיל ווי דאמאלסט, ווען ער האט מיט זיין האנט ארומגעפירט אירע פינגער איבער די ביינדלאך. יעדער אות האט צו איר גערעדט, איר גענלעט מיט זיינע אומזיכטבארע געפילען. זי איז געווען זיכער אז זיי ליגען דארט פארבארגען אונטער'ן שווארצען טינט מיט וואס די עטליכע ווערטער זיינען געשריבען.

איצט איז זי געווען אין גאנצען בארואיגט. געוואוסט אז זי וועט קענען ווייטער אנגיין מיט איר לעבען האבענדיג דעם וואונדערבארען געפיל וועגען אים, אז זי האט קיין טעות ניט געמאכט, אז ער האט זי ליב, אז זיי „וועלען זיך נאך אמאל זען". ווען? וואס איז דען דער אונטערשייד? אבי דער געפיל איז דא, גליט און ברענט מיט ניט פארלאשענעם האפנונגס־פייער, ער וועט שוין קומען, ער וועט מוזען קומען!..

געבענשט זאל זיין דאס ליד, וואס ער האט איר אויסגעלערענט, איידער ער איז אוועקגעפארען. און זי זינגט עס יעדען מאל, ווען עס באפאלט איר אזא שווערער אומעט און בענקשאפט: — —

לעבען, יוגענט פליט געשווינד,
וואכזאם זיי, מיין שיינעם קינד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# אייביגע זאָרג...

אויפ׳ן זומער־פּלאַץ האָט מען זיי שטענדיג געזען צוזאַמען. די מוטער, אַן עלטערע פרוי, איז פון דער טאָכטער ניט אָפּגע־טראָטען, איר געהאָלפען אויפּפּאַסען אויפ׳ן קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אכט, אַ שיינס, אַ שוואַרצ׳חנ׳עוודיג׳ס, מיט שוואַרצע לאָקעלעך, פריילין און שטיפעריש.

ביידע, אי די מאַמע אי די באָבע, האָבען דאָס קינד פון אויג ניט אָפּגעלאָזען, אומעטום איז מען עס נאָכגעגאַנגען, געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווי דאָס לעבען זייערס.

די מאַמע פונ׳ם קינד, אַ פרוי פון אַ יאָר פינף־און־דרייסיג, איז געוועזען ניט קיין שיינע, האָט געהאַט אַן אומעטיג, פאַרזאָרגט פּנים און אַ שטילער און טיפער אומעט האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגען.

ס׳איז געווען מאָדנע צו קוקען ווי דאָס קינד לויפט, שטיפט, קערט איבער אַ וועלט, און די מאַמע מיט דער באָבען גייען איר נאָך שטילע, פאַר׳צער׳טע, ווי דאָס קינד וואָלט חס ושלום קראַנק געווען און זיי גייען צו דעם רופען אַ דאָקטאָר.

פון מאָל צו מאָל, פלעגט די מוטער פון איין זייט, און די באָבע פון דער צווייטער זייט, דאָס קינד אַ כאַפּ טאָן און עס קושען מיט אַזאַ פרייד, ווי עס פרייען זיך מענשען מיט עפּעס וואָס איז זיי טייערער פון אַלץ אין דער וועלט. — אַ פרייד געמישט מיט פּחד, אַז דאָס וואָס זיי האָבען אַזוי ליב זאָל פון זיי חס ושלום ניט פאַרלאָרען גיין, ווייל אין דעם ענגט אָפּ זייער גליק, זייער לעבען.

---

דעם שבת איז די פרוי אויפגעשטאַנען פריער ווי געוויינליך.

www.libtool.com.cn


זי האָט אויסגעוויזען נערוועז, דאָס פּנים פאַרצויגען מיט אַ בלאַסקייט, ווי זי וואָלט די נאַכט ניט געשלאָפען. די בלאַסקייט האָט איר צוגעגעבען אַ קראַנקען חן און אַרויסגערופען צו איר סימפּאַטי און מיטגעפיל.

אַנגעטאָן איז זי געווען שיין און עלעגאַנט, ווי זי וואָלט זיך באַמיט היינט אויסצוזען וואָס בעסער. דאָס האָט זי זיך געגרייט צו פאַרען באַגעגענען איר מאַן, וואָס האָט באַדאַרפט אָנקומען פאַר דעם "וויקענד". ס'איז נאָך געווען גענוג צייט, אָבער די פרוי האָט זיך געאיילט, געווען אומרואיג, אַרומגעלאָפען אַ צוטראַגענע אַהער, אַהין, ניט געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט...

אַ ביסעל שפּעטער איז אָראָפּגעקומען די באָבע מיט'ן אייניקעל. דאָס מיידעלע אַן אויסגעפּוצטע, אַן אויסגעצוואָגענע, האָט געלויכטען מיט קינדערשער ליכטיגקייט... זי האָט זיך געפרייט און אונטער־געטאַנצט פון שמחה וואָס זי פאָרט מיט דער מוטער באַגעגענען דעם פּאַפּאַ.

---

ווען דער מאַן האָט זיך שפּעטער באַוויזען מיט זיין פרוי ביים טיש צו מיטאָג, האָט זיין ערשיינען אַרויסגערופען גרויס באַוואונדערונג. ער איז געווען אַ פעסט געבויטער שלאַנקער יונגערמאַן, מיט אַ לעבהאַפטע שוואַרץ־חנ'עוודיגע יונגע אויגען, אַ פּאָר שוואַרצע, ווי קויל־גליענדע אויגען, וואָס האָט געקענט אַנצינדען ניט איין פרויען־האַרץ.

אַנגעטאָן איז ער געווען אין „ניקערס", געטראָגען אַ ווייסע זיידענע העמד מיט אַן אָפּענעם האַלז. די שוואַרצע האַלב גע־קרויזטע ווי זיידענע האָר שיין פאַרקעמט, און אַ גוטמוטיגער, קלוגער שמייכעל איז אים ניט אַראָפּ פון די זאַפטיגע ליפּען.

די גאַנצע צייט וואָס ער איז געזעסען ביים טיש האָבען די פרויען פון אים די אויגען ניט אַרונטערגענומען, אים געשלונגען מיט די בליקען, מקנא געווען דער פרוי, וואָס זי, אַזאַ ניט שיינע און ניט יונגע האָט אַזאַ שיינעם, יונגען מאַן.

דעם גאַנצען טאָג איז ער געווען דער, וואָס האָט געצויגען די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען. איבערהויפּט האָבען זיך

www.libtool.com.cn



אין אים געשפּיגעלט די פרויען, זיך גאָר פון אים ניט געקענט אָפּרייסען, ווי ער וואָלט מיט זיין ערשיינונג אין זיי אויפגעוועקט אַלטע און נייע פאַרלאַנגען...

אין אַ שיינער, און קלאָרער שפּראַך האָט ער פאַר זיי דערציילט פאַרשיידענע פּאַסירונגען פונ'ם וואַנדער לעבען, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיינע פריייע, בחור'שע יאָרען, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער לעבט אָט די וואַנדער־געפילען ווידער דורך, אַז ס'ציט אים נאָך אַלץ צו אַ לעבען פון פרייען וואַנדערען איבער שטעט און לענדער, פעלדער און וועלדער...

די פרוי און מוטער האָבען ניט ליב ווען ער דערציילט אָט די געשיכטען. עפּעס הויבען זיי זיך אָן שרעקען פאַר דער אומבאַקאַנטער וועלט, וואו דער מאַן און איידעם האָט אַמאָל געלעבט. האָבען מורא עס זאָל ווידער אַמאָל ניט אויפלעבען אין אים די וואַנדער־לוסט. און ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט באַוואָרענען פון דער געפאַר ער זאָל פּלוצלונג ניט פאַרשווינדען, שטייען זיי ביידע ביי זיין זייט און דאָס קינד אין מיטען פון טאַטען מיט דער מאַמען ווי אַ צעמענט וואָס האַלט זיי פעסט צוזאַמען און וואָס דערלאָזט ניט איינעם פון אַנדערען זיך אָפּצורייסען.

דאָס טעכטערל האָט דער פאָטער זייער ליב געהאַט. ער האָט זי פון זיך ניט אָפּגעלאָזען. מיט ליבשאַפט געקוקט אויף איר שיין פּנים'ל און געפילט, אַז זי איז „ער" מיט די ביינער, סיי אין איר אויסזען, סיי מיט איר פרייער, שטיפערישער נאַטור. עס דאַכט אים אָפּט, אַז ער זעט אין איר זיך, ווי ער איז געווען און אויסגעוויזען אין זיין קינדהייט.

אויך דער פרוי האָט ער אַרויסגעוויזען פיל ליבע און איבער־געבענהייט, געשאַנקען איר אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט וויפיל עס איז נאָר געווען מעגליך, זיך געמאַטערט איר צו מאַכען פילען גוט און אָנגענעם.

עס איז אָבער געווען קענטיג, אַז די פרוי ליידעט, אַז אין דער שטיל טראָגט זי זיך אַרום מיט אַ געהיימען שרעק, וואָס פאַרשאַפט איר ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט, און ציט אַרויס ניט איין טרער פון אירע אויגען.

www.libtool.com.cn


זי איז אין זיך ניט גענארט. זי ווייס, אז זי איז ניט קיין שיינע, פיל, פיל עלטער פון איר מאן, און אז יעדערער וואונדערט זיך, וואס זיי, אזוינע קאנטראסטען, זיינען מאן און ווייב.

דעם אמת געזאגט, האט זי דעמאלט, ווען זי האט זיך מיט אים באקאנט, אליין אויך זיך געוואונדערט וואס ער איז צו איר געווארען אזוי צוגעקלעפט. און ווען זי טראכט פון זייער ערשטער באקאנטשאפט, קען זי נאך ביז היינט ניט פארשטיין ווי אזוי דאס האט פאסירט.

זי איז דעמאלט געווען שוין ניט קיין יונג מיידעל, אבער פול מיט פיזישער ענערגיע; אפגעגעבען זיך מיט אלערליי „ספארט־גיימס", געשפילט אין „טעניס", באל, געשפרונגען, געשוואומען. אויסגעלערענט את די אלע „געימס" האט זי זיך פון אירע ברידער, וועלכע זיינען ערצויגען געווארען דא אינ'ם לאנד און געווען פאר־קאכט אין די אמעריקאנער שפילען.

איין מאל אין פארק, נאכדעם ווי זי האט פאר אירע חבר'טעס באוויזען א קונץ אריבערצושפרינגען א העכערען דראטענעם צוים, איז א באי וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען פון וויטענס און זיך צוגעקוקט, צו איר צוגעקומען, איר דערלאנגט די האנט און צו איר געזאגט:

„איך גראטוליר אייך, מיסס, פאר אייער געוואגטקייט! ס'געפעלט מיר. און איך ווייס עם ווי אפצושעצען".

פאר איר איז געשטאנען א שטארק געבויטער יונגערמאן פון א יאר אכצען, מיט א טונקעלען פון זון־פארברענטען פנים, אויגען שווארצע, גליענדע, און ראמאנטיש־צוציענדע... קליידער האט ער געטראגען אלטע, פון וועג אפגענוצטע, ווי ער וואלט איצט געקומען פון א וויטע רייזע.

זיי האבען זיך אויפגערעדט, געווארען באקאנט, פריינט, ער האט אנגעהויבען אריינצוקומען צו איר אין הויז, און ענדליך איר פארגעשלאגען מיט אים צו הייראטען.

איר מאמע איז דעמאלט געווען שטארק דאגעגען, ניט דער־לאזט, אז זי זאל מיט אים חתונה האבען. „ווער קען אזוינעם געטרויען? — האט זי געטענה'ט? — ווער קען אים, ווער ווייס

www.libtool.com.cn


אים? א מענטש פון דער וועלט, א הפקר יונג, אן א היים, און דערצו נאך אזוי יונג! און זי זאל ניט פארגעסען, אז זי איז ניט קיין גרויסע פארשוין און א סך עלטער פון אים, ער וועט זי אוועק־ווארפען און זי וועט ניט וויסען וואו ער איז אהין געקומען. זאל זי איר, דער מאמען, בעסער פאלגען און אים לאזען לויפען".

„אים לאזען לויפען?" איין קלייניגקייט! זי איז שוין געווען אין אים פארליבט צום שטארבען און אפרייסען זיך פון אים האט זי שוין ניט געקענט.

זיי האבען חתונה געהאט. צום גליק האט די מאמע אירע א טעות געהאט. נאך דער חתונה איז ער דוקא געווארען א פאר־אנטווארטליכער מענש. געווארען ערנסטער, געשטעלטער, געזוכט צו מאכען א לעבען, זיך איינגעלעבט מיט דער היים, ארויסגעוויזען זיין פרוי א סך געטריישאפט און ליבע.

ווען זי האט אים געבוירען דאס קינד, איז צו זיין פרייד קיין גלייכען ניט געווען. ער, א טאטע! ער, דער וואגלער, וואס איז, ווי יונג ער איז געווען, שוין אויסגעווען א וועלט. ער איז א פאטער פון א קינד, א מאן פון א פרוי מיט א שיינע היים. ס'האט זיך אים גאר ניט געוואלט גלויבען. ער איז געווען ווי בארוישט פון גליק.

אזוי זיינען אוועק עטליכע יאר. פון איר האבען די עטליכע יאר אוועקגענומען דעם מיידעלשען גלאנץ, איר שפילעוודיגקייט. זי שפילט ניט מער אין קיין „געימס" און שפרינגט ניט מער איבער קיין דראטענע צוימען, זי איז געווארען א געוויינליכע מאמע.

ער, איר מאן, האט זיך איצט מענערליך צובליט, אים האבען די יארען צוגעגעבען פעסטקייט, זיכערקייט, שיינקייט, און ליידנ־שאפטליכען רייץ... פרויען האבען אים ליב, זיינען פון אים ענטציקט, לויפען אים נאך, און פארפאלגען אים.

און אט דאס איז עס, פאר וואס זי מיט דער מאמען שרעקען זיך... שלאפען קיין נעכט ניט, ווערען גרוי און אלט טראכטענדיג, טאמער....

זייער איינציגע באווארעניש איז דאס קינד, דאס שיין און זיס טעכטערל. אויף איר ליגט זייער האפנונג, אז זי וועט זיי

www.libtool.com.cn


באהיטען און באשירעמען פון אלעם בייז. אז זי איז דאס גוט מלאד"ל, וואס וועט דעם טאטען אפהאלטען פון צו מאכען חס ושלום א פאלשען שריט וואס קען צושטערען זייער היים, און צוברעכען זייער לעבען.

---

אין אווענט איז פארגעקומען א „דענס", דער „דענס האל" איז געווען שיין דעקארירט, מוזיק האט געשפילט, און די געסט, וועלכע זיינען מייסטענס באשטאנען פון יונגע מענשען, האבען פרייליך און זארגלאז געטאנצט.

די פרוי איז געזעסען און געקוקט ווי איר מאן טאנצט יעדען מאל מיט אן אנדערע, — און א טיפער וויטאג, א באהאלטענע שרעק האט איר ארומגענומען. יעדען מאל וואס ער האט פארביי־געשוועבט פאר אירע אויגען מיט אן אנדער „ליידי" אין זיינע ארעמס האט זי געפילט ווי אין הארצען רייסט זיך עפעס אפ, ס'ווערט איר ענג און שווער, און א געוויין רייסט זיך פון דער טיף פון איר נשמה.

ווען דאס טאנצען האט זיך געענדיגט איז ער צו איר צוגע־קומען, זיך אוועקגעזעצט, זי ארומגענומען, ווי ער וואלט איר מיט דעם געוואלט פארגיטיגען פאר איר צער און ווייזען פאר אלעמען אז זי, די פרוי זיינע, איז ביי אים פארט די איינציגע, טייערע פון אלע אנדערע.

די פרוי האט פארשטאנען זיין אבזיכט, האט זי צו אים אויפגעהויבען אירע דאנקבארע פייכטע בליקען און ווי זי וואלט מורא געהאט זי זאל זיך אין אלעמענס אנוועזענהייט פאר פרייד און פאר צער ניט צואויינען, האט זי אוועקגעלייגט איר קאפ אויף זיין אקסעל, און זיך צו אים געטוליעט ווי אן איבערגע־שראקען קינד.

ער האט צארט געגלעט אירע האר, ווי ער וואלט איר געוואלט בארואיגען. אבער דער שרעק־געפיל איז פארט פארבליבען אין איר הארצען, און איר שטילערהייט געמאטערט און געפייניגט:

די אייביגע שרעק...

www.libtool.com.cn

# פרויען־טרערען

ס׳איז געווען אין אווענט.

אין הויז ביי דער יונגער און שיינער מיסעס קליין האט אלץ אויסגעוויזען ווי געוועז. אלץ איז געשטאנען אויפ׳ן זעלבען ארט; די מעבעל, די גרויסע שאפעס מיט ביכער, די וואזאנעס, אפילו דאס בילד פון מרס. און מר. קליין, וואו זיי שטייען צוזאמען אין אזא נאענטער און ליבליכער פאזע — איז געהאנגען אויפ׳ן זעלבען ארט, ווי גארניט וואלט פאסירט.

די עלעקטרישע לאמפען האבען געווארפען רויטע און ראזעווע שיין איבער׳ן הויז, געוועקט פארבענקטע געפילען און שארפער געמאכט דעם אומעט, וואס איז געלעגען איינגעגעסען אין יעדען ווינקעלע — אן אומעט וואס בלייבט נאכדעם ווי אימיצער וואס איז מיט׳ן הויז געווען אזוי היימיש, איז מיט אמאל ארויסגעריסען געווארען פון דארטען און איבערגעלאזט בלויז זיין ניט זעעוודיג־קייט, זיין אויסגעהויכטע אטעם...

די קינדער, א אינגעלע פיר יאר און א מיידעלע צוויי יאר אלט, זיינען געשלאפען אין זייער צימער, און די מוטער, א נערוועזע, א צוטראגענע, האט זיך ארומגעדרייט איבער די גרויסע צימערען און ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך.

עס האט זיך געהערט א קלונג. די פרוי האט א נערוועזען ציטער געטאן. דער פלוצלונגער קלונג האט זי דערשראקען. אויפגעטרייסעלט איר ווענען, וואס איז פול געווען מיט אזוי פיל צער און פיין, מיט אזוי פיל עלענט און נערוועזיטעט...

— ווער איז דאס? — האט זי, צוגייענדיג צום טיר געפרעגט.

— אראן! — האט א שטימע פון הינטער׳ן טיר אפגעענטפערט.

— א, אראן! — האט די פרוי ווי מיט פרייד אויסגערופען

— קאם אין!

www.libtool.com.cn


אראן, א פארהייראטעטער מאן, און א פריינט פון דער פאמיליע, איז אריינגעקומען, דערלאנגט מיסעם קליין די האנט און זיך היימיש אוועקגעזעצט.

— זייער גוט וואס איר זייט געקומען — האט די פרוי באמערקט — עס קומען לעצטענס צו אונז אזוי זעלטען מענשען.

— פאר וואס עפעס? וואס איז, איר נעמט דען ניט אויף אייערע פריינט, ווי געוועז?

— אזוי איז דאס שוין, מיין פריינט! ווען דער מאן לאזט איבער די הויז, נעמען זיך די פריינט דערווייטערען...

— כ'מיין פארקערט, דוקא איצט, ווען איר זייט אליין, און ס'איז אייך אפשר אביסעל אומעטיגלעך, האבען די פריינט באדארפט קומען אפטער צו אייך.

— מענשען קומען נאר דארט וואו ס'איז פרייליך און מען קען גוט פארברייננגען די צייט... חוץ דעם, דארפט איר ניט פארגעסען, אז די פרויען זיינען גארניט אזוי גערן צו באזוכען מיט זייערע מענער א פרוי, וועמען דער מאן האט פארלאזען. זיי האבען מורא טאמער וועט דעם מאן זייערען אמאל אויך אריינ־פאלען א געדאנק זיי איבערצולאזען...

אראן האט געשמייכעלט:

— ס'איז ניט אזוי געפערליך, ניט אלע מענער זיינען די זעלבע, און די פרויען האבען זיך ניט וואס צו שרעקען.

— און אלע פרויען זיינען דען יא, די זעלבע, פונדעסטוועגען שרעקען זיי זיך... און אז מען וויל צוריקשמועסען, זיינען זיי אפשר גערעכט מיט זייער שרעק — האט די יונגע פרוי דערענדיגט מיט א זיפץ.

— גערעכט! מיט וואס זיינען זיי דאס אזוי גערעכט? און אויב יא, קען דאך ניט זיין, אז אלע מענער זיינען שטענדיג אומגערעכט מיט דעם וואס זיי פארלאזען די פרויען.

— אומגערעכט פון אנהויב ביז'ן סוף! — האט די פרוי אויסגעשריען אין א טאן פון האס און פאראכטונג — איר הערט? יעדער מאן איז גרייט צו פארלאזען זיין פרוי ביי דער ערשטער געלעגענהייט. אט נעמט א שטיינער מיך. איר זייט א פריינט

www.libtool.com.cn


פון אונזער הויז זינט מיר זיינען פארהייראט, איר קומט אריין צו אונז אָפט, האָט איר ווען באמערקט, אז איך זאָל מיין מאן באהאנדלען אזוי, אז ער זאָל מיך בעדארפען פארלאזען ? אדרבה, זאָגט !...

אראן איז געווען אין א פארלעגענהייט :

— ס׳הייסט יאָ... כ׳מיין... אין מיין אנוועזענהייט האט זיך ניט ארויסגעוויזען עפּעם וואָס זאָל געבען א גרונט פאר דעם... איבעריגענס, ווער ווייסט וואָס צווישען מאן און ווייב קומט פאר אונטער פיר אויגען, ווען קיינער איז ניטא ?... איך בין דאך עפּעם אליין אויך א פארהייראטער מאן, און דאס פאמיליען־לעבען איז מיר ניט פרעמד...

— ווייל איך טאקע, אז איר, אלס פריינט פון אונזער הויז, זאָלט איצט, ניט האבען דעם מינדעסטען צווייפעל, אז ס׳איז ניט געווען מיין שולד, וואס מיין מאן האט מיך איבערגעלאזען, נאר זיינע... זיינע...

— פארוואס, עפּעם דורכאויס זיינע ?... אויב ס׳איז מיר ערלויבט צו פרעגען.

— אָ, איר ווייסט גאר ניט, ווי איך האב שטילערהייד גע־ליטען — האט די פרוי געעפענט איר הארץ — ס׳איז געווען א קייט פון פארוויקעלטע ליידען פון א פרוי, וועמענס געפילען עם ווערען פון דעם מאן ניט אָפּגעשעצט... איר פארשטייט, פריינט, וואס קען זיין ערגער פאר א פרוי, וואס שאפט פאר׳ן מאן א גוטע היים, א ליבליכע היימישע, אינטעליגענטע אטמאספערע, מיט ביכער, מוזיק, מיט נאענטער און הארציגער ווארימקייט און אויפ־פאסונג... היינט די צוויי שיינע קינדערלעך אונזערע ?... און ער...

— ער איז, דאכט זיך, פון דעם אלעמען געווען צופרידען — האט אראן באמערקט.

— צופרידען ? א שיינע צופרידענקייט ! בלויז ווען ס׳זיינען געווען מענשען אין הויז, האט ער זיך געסטארעט צו ווייזען א צופרידענעם פנים. אזוי שנעל אבער ווי מיר זיינען געבליבען אליין, איז ער געווארען דער אומרואיגסטער, דער אומצופרידענסטער מענש אויף גאט׳ס וועלט... די הויז האט פאר אים גארניט

www.libtool.com.cn

געמיינט... איך, מיט די קינדער, ווייזט אויס, אויך זייער ווייניג... ס'האט אים כסדר געצויגען צו דער גאס... לעצטענס האט ער שוין נאר אנגעהויבען צו קומען אזוי שפעט אהיים, אז ס'וואלט שוין גלייכער געווען ווען ער קומט שוין גארניט... כ'האב עס שוין מער ניט געקענט איבערטראגען און געמאכט א סוף...

— איצט וועט אין מיר כאטש דאס הארץ מער ניט פלאצען...— האט די פרוי נאך א ווײַלע שווייגען ארויסגערעדט און איז גע־בליבען זיצען שטיל אנגעשפארט דעם קאפ אויף ביידע הענט. טרערען זיינען איר גערונען פון די אויגען.

— נו, איר באדארפט זיך עס אזוי שטארק ניט נעמען צום הארצען — איז אראן צוגעגאנגען צו איר נעענטער און האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף איר אקסעל.

זי איז געבליבען זיצען אין דער זעלבער פאזע.

— וויינט ניט, איר הערט, — האט ער ווייטער גערעדט מיט געפיל — כ'קען ניט זען ווי א פרוי ליידעט, איך ווער פשוט פארצווייפעלט ווען איך דערזע פרויען־טרערען...

דאס זאגענדיג, האט ער ארויסגענומען א זיידען טיכעל פון זיין אויבערשטער קעשענע און מיט לייכטער באַרירעוודיגקייט אפגעווישט די טרערען פון אירע אויגען.

— און אין אמת'ען, צו וואס דאס וויינען? — האט ער פארטגעזעצט גלעטענדיג אירע סאמעט שווארצע האר, וועלכע זיינען ווי זיידענע פעדים אריבערגעפאלען איבער און צווישען זיינע פינגער און זיי אזוי ווייך געגלעט — ס'לוינט זיך אסור צו פארגיסען איין טרער פאר א מאן, וואס ווייסט ניט ווי צו שעצען אזא פרוי ווי איר...

— גייט, אלע, אלע מענער זייט איר אזוי!... האט זי אויפ־הויבענדיג דעם קאפ ארויסגערעדט און אים פון זיך לייכט אפגעשטויסען... גלייכצייטיג האט זיך אבער אין אירע ווערטער און אין איר לייכטען אפשטויס געפילט א ווארימע דאנקבארקייט צו אים, וואס ער א מאן, א פריינט פון זיי ביידען, האט אזוי פיל סימפאטי מיט איר. זי האט אין דעם געפילט א גרויסע טרייסט, א פארלייכטערונג אין איר שווערען געמיט.

ס׳איז שוין געווען שפעט. אָבער דער מיסעם קליין איז גאָרניט איינגעפּאַלען אַ טראַכט צו טאָן, אַז דער פריינט איז אַליין אויך אַ פאַרהייראַטער מאַן, און אַז דאָרט אין זיין היים וואַרט אויף אים אַ פרוי מיט אַ קינד... זי האָט בלויז געפילט, אַז ער איז איר איצט נויטיג, זיינע גוטע ווערטער צושטרייען איר, און זיינע צאַרטע באַנעמונגען ערמוטיגען איר, פאַרקלענערען דעם אומעט אין איר האַרצען...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפ׳ן זייגער, ס׳איז געווען צוויי. ס׳האָט אים אַ הויב געטאָן פון אָרט. ער איז אָבער געבליבען זיצען. מיט פאַר׳שכור׳טע הנאה געקוקט אויף דער פרוי, וועלכע האָט אים איצט אויסגעזען פיל אינטערעסאַנטער...

אַלץ, אַלץ האָט אים איצט אויסגעוויזען עפּעס אַזוי אַנדערש און ניי ; די אויסערגעוויינליכע שטילקייט, דאָס רויטע און ראָזאָווע ליכט, וואָס האָט אָפּגעשלאָגען איבער די ווייכע קאַר־פעטס, די קאָלירטע גאַרדינען אויף די פענסטער. ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי ער וואָלט דאָ, אין דעם הויז איצט געווען דאָס ערשטע מאָל, און צום ערשטען מאָל מיט איר, מיט דער ווירטען פונ׳ם הויז, זיך באַקאַנט...

ער האָט זיך געפילט דערפרישט, באַנייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער זייגער איז שוין געווען דריי...

www.libtool.com.cn

# די פאַרלאָזענע

עס איז געווען א קורצע צייט נאָכדעם ווי איר מאַן האָט זי פאַרלאָזען און איז אַוועק וואוינען מיט אַן אַנדערע. דאָס האַרץ האָט איר געוויייטיגט און געבלוטיגט, די וואונד איז נאָך געווען פריש, די באַליידיגונג טיף, און דער שמערץ ניט איבערצוטראָגען. האָט טאַקע דאָרא ניט געקענט אויסהאַלטען. זי איז צוזאַמענגעבראָכען פון פיין און פאַרדרוס, אַוועקגעפאַלען ווי א בוים נאָך א שטאַרקען שטורם...

א פאָר וואָכען איז דאָרא אָפּגעלעגען א קראַנקע, א נערוועזע, א צובראָכענע. ווען זי איז אביסעל געקומען צו זיך, האָט איר דער דאָקטאָר געראַטען אַוועקצופאָרען ערגעץ אין א ווינטער־פּלאַץ זיך צו ערהאָלען.

---

דאָרט אין ווינטער־פּלאַץ האָט זי זיך דאָס טאַקע באַגעגענט מיט ליפּשיצ'ן. עס איז זיי צופעליג אויסגעקומען צו זיצען איינע לעבען די אַנדערע ביי איין טיש, און ליפּשיץ האָט זיך געגעבען די גרעסטע מי איר באַהילפיג צו זיין מיט אַליץ, וואָס ער האָט נאָר געקענט.

דאָרא האָט אים אָבער ניט נאָר ניט געשאַנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט, נאָר זיין שיינע האַלטונג האָט איר ארויסגעבראַכט פון געדולד. ווען זי וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר די אַנדערע געסט, וואָלט זי אומגעביטען דעם פּלאַץ אויף אַן'אַנדערען. עס וואָלט איר ניט געאַרט ער זאָל זיך אפילו באַליידיגען.

און געפילט האָט זי אַזוי נישט דערפאַר ווייל ער איז איר ניט געפעלען. פאַרקערט, ער איז איר דוקא יאָ געפעלען. ער האָט געמאַכט א סימפּאַטישען איינדרוק סיי מיט זיין אויסזען.

www.libtool.com.cn


סיי מיט זיינע באנעמונגען. אלע ביים טיש האבען פון אים געהאט די בעסטע מיינונג און מיט אים גערען פארבראכט.

איז וואס עס איז שייך זיין פערזאן האט זי, דארא, צו אים גארניט געקענט האבען. זי איז אבער איצט, אין דעם צושטאנד וואס זי האט זיך געפונען, ניט געוועזן אויפגעלייגט פאר געזעל־שאפט. ניט געהאט קיין געדולד זיך אפצוגעבען מיט אים. אלע וואס זי האט געוואלט איז, מען זאל זי צורו לאזען און ניט באלעסטיגען.

איבערהויפט האט זי איצט ניט געקענט פארטראגען די געזעלשאפט פון מענער. זייער אנוועזענהייט האט איר צורייצט און געמאכט אויפציטערען מיט דעם ציטער וואס באפאלט איינעם ווען מען איז שטארק אין כעס, און דער צארן צוברענט זיך אזוי שטארק, אז עס וואלט זיך וועלען נעמען ביטערע נקמה...

„פאררעטער! אלע זיינען זיי פאררעטער!" — האט זי אין געדאנק געשימפט און פארדאמט אלע מענער, וועלכע זיינען איר געקומען אין וועג...

---

— איר ווייזט אויס אזוי בלאס, איר וואלט באדארפט אביסעל מער שפאצירען — האט ליפשיץ צו דארא'ן איינמאל א זאג געטאן נאכדעם ווי זיי האבען געענדיגט עסען און זיך אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער.

— הם... — האט דארא א ברום געטאן, ווי מען וואלט איר פלוצלונג א טראט געטאן אויפ'ן הינער־אויג, און זי האט אויף אים אן אומפריינטליכען קוק געטאן.

— איך בעט אייך ענטשולדיגונג, אפשר האב איך עס אייך נישט באדארפט זאגען — האט ליפשיץ באמערקענדיג איר אומפריינטליכען בליק, זיך געזוכט צו פארענטפערען.

— אודאי וואלט איר זיך פריער באדארפט אליין אנקוקען אין שפיגעל איידער איר זאגט עפעס ווענען א צווייטען — האט זי שטעכיג ארויסגערעדט.

— ווען איך וואלט געווען אזוי שיין און חנ'עוודיג ווי איר, אפילו מיט אייער בלאסקייט, וואלט איך ניט אויפגעהערט צו

www.libtool.com.cn

קוקען אין שפיגעל — האט ער לאכענדיג באמערקט, דורכנעמענדיג זי מיט זיינע בליקען.

— א שיינעם דאנק אייך פאר'ן קאמפלימענט! כאטש איך הויב ניט אן גלויבען אין מענערשע קאמפלימענטען. אלע זייט איר...

געוואלט האט זי זאגען: אלע זייט איר פארדעטער! דער־ענדיגט האט זי אבער:

— אלע זייט איר ניט קארג אויף קאמפלימענטען...

— איך מאך נאר קאמפלימענטען דארט וואו זיי פאסען זיך — האט ליפשיץ גוטמוטיג אפגעענטפערט.

— זייט איר, הייסט עס, דער אויסנאם! — האט זי טראציג, סארקאסטיש ארויסגערעדט.

— מעגליך אז יא... אבער צו וואס די איבעריגע רייד? קומט, לאמיר בעסער נעמען א גרויסען שפאציר, אדער גאר נעמען א שליטעל! — האט ער איר פלוצלונג א כאפ געטאן פאר'ן האנט.

— איר זעט, — איז ער געווארען פאעטיש פילאזאפיש גע־שטימט. — קוקט ארויס אין גאס, וואס פאר א ווייסער גלאטער שניי! שליטעלאך יאגען זיך און דער שניי סקריפעט גאר ווי אין דער אלטער היים... עך, די היים, דער היימישער שניי, — וויפיל עראינערונגען עס רופט ארויס!

און ער האט זיך צוזונגען:

שניי אויף בארג, שניי אויף טאל,
שניי אויף אלע וועגען,
קומען קינדער אן א צאל,
מיט שליטעלאך אנטקעגן...

שטייען מיר אין מיטען וועג
און עס קלינגען גלעקלאך
און דער שניי פאלט און פאלט
עס רויטלען זיך די בעקלאך...

ווען ליפשיץ האט געענדיגט זינגען האט ער זיך הארציג צולאכט, צולאכט מיט דעם נעלעכטער פון א קליינעם אינגעל.

www.libtool.com.cn



וואָס האָט געמאַכט אַ געלונגענעם גליטש באַרג אַראָפּ... ער האָט זיך אָבער אינמיטען לאַכען פאַרכאַפּט, זיך דערמאָנט, אַז ער שטייט לעבען אַ פרוי, וואָס איז נאָך דערוויילע ניט איבעריגס פריינטליך צו אים...

ער האָט אויף איר אַ ניט־זיכערען קוק געטאָן...

דאָרט איז געשטאַנען אַן ערנסטע, אַ פאַרטראַכטע, מיט פייכטע און פאַרבענקטע בליקען... דאָס ליד האָט איר הפנים פאַר־כאַפּט, אויפגעוועקט אין איר ווייטע, קינדערשע, אפשר גליקליכע ערינערונגען... — — — — — — — — — — — —

---

זייט דאַן איז דאָרט צו ליפּשיצ'ן שוין מער ניט געווען אַזוי שטרענג און האַרט. זי איז געוואָרען צו אים פיל פריינטליכער און צוגעלאָזענער, גענומען מיט אים צוזאַמען לאַנגע שפּאַצירען. און ס'האָט איר געוואונדערט, וואָס זי, אַ דערשלאָגענע, אַ אָפּגענאַרטע, לאָזט זיך שוין ווידער פאַרנאַרען, און ווערט שוין ווידער אַ מחותן מיט די מענער. פּונקט איצט ווען זי דאַרף ווייכען פון זיי...

„אַט אַ נאַרישע פרוי! — האָט זי זיך אַליין געמאַכט פאַרוואָרפע. — אַ מאָל האָט איר אַ זינג געטאָן אַ לידעלע, און זי איז שוין אַן אַנדערע. פאַרגעסען די ווייטאָגען און פּיין, וואָס זי האָט ניט לאַנג דורכגעמאַכט צוליב אַ מאַן..."

ס'איז איר ניט איינגעפאַלען, אַז ס'איז ניט געווען בלויז דאָס לידעלע... אַז ס'איז געווען דאָס געפיל, וואָס גאַרט, בענקט און ליידט און וויל פאַרהיילען מיט עפּעס די טיפע וואונד, וואָס דאָס לעבען האָט געמאַכט. און דער, וואָס האָט דאָס ליד געזונגען, האָט דאָס געפיל אין איר אַרויסגערופען... — — — — — — — —

---

מאָרגען וועט זיין דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָרט האָט, שוין זייענדיג אין ניו יאָרק, זיך באַדאַרפט באַגעגענען מיט ליפּשיצ'ן. האָט דאָרט די גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפען. זי איז געלעגען אויפ'ן געלעגער און געטראַכט. צו וואָס זייער באַגע־געניש וועט פירען.

www.libtool.com.cn


זי האָט שוין געוואוסט, אַז ליפשיץ איז אַ פאַרהייראַטער מאַן און אַז ער האָט איר שטאַרק ליב געקראַגען. זי אים האָט אויך ניט פיינט... זאָל זי, דאַרף, הייסט עס, האַנדלען פונקט אַזוי מיאוס און געמיין ווי יענע, וואָס האָט ביי איר צוגענומען איר מאַן?...

ניין, דאָס טאָר זי ניט טאָן! זי, וואָס ווייס און האָט שוין געפילט דעם ביטערען טעם, און די טיפע, ביז'ן ביין באַליידיגונג, ווען מען האָט ביי איר צוגענומען איר מאַן, באַדאַרף זי עס ניט טאָן צו אַן אַנדערע...

„אַן אַנדערע!" — האָט עס אין איר אַ ברי געטאָן, ווי מען וואָלט צו איר צוגעליינגט אַ צינדר־העלצעל, — אַן אַנדערע! און ווער איז דאָס די אַנדערע? אויך אַ מענש, אַ פרוי, אַזוי ווי זי, דאַרף, מיט די זעלבע געפילען און ליידען, האָט אַן אַנדערע ביי איר יאָ געמאַגט צונעמען איר מאַן, און זי טאָר ניט? פאַרוואָס טאָר זי ניט? פאַרוואָס זאָל זי זיין בעסער פאַר יענער אַנדערער? מען האָט צוגענומען ביי איר, מעג זי צונעמען ביי יענער... אויב ס'לעבען איז אַ שפּיל פון „כאַפּען און נעמען", מוז זי שפּילען. אויב ניט, וועט זי אינגאַנצען אַרויספאַלען פון קאָן און בלייבען ס'גאַנצע לעבען אַליין"...

דאַרף האָט זיך פּלוצלונג אַ שטאַרקען וואָרף געטאָן אויפ'ן געלעגער, ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פאַר'ן אייגענעם ניט שיינעם און ניט ריינעם געדאַנק...

זי האָט דערפילט ווי דאָס בעט וואָלט מיטאַמאָל געוואָרען ענג און שמאָל... זי האָט זיך איינגעקאַרטשעט און איינגראָבענדיג דעם קאָפּ טיף אין קישען האָט זי זיך שטאַרק צוואוויינט...

אין דער שפּעטער נאַכט־שעה האָט דאָס געוויין אָפּגעקלונגען אַזוי עלענט־טרויעריג, אַזוי פאַרצווייפעלט, הילפלאָז...

www.libtool.com.cn

# ווי אַמאָל...

עטליכע יאָר האָט זיך זעלדין אַרומגעדרייט אַרום מירא'ן. געקומען און אָפט אָפּגעזעסען שטונדען אין איר צימער. אפשר האָט ער זי אין דער שטיל ליב געהאַט, ער האָט עס איר אָבער קיינמאָל ניט געזאָגט.

ווען ער וואָלט זיך איר ערקלערט אין ליבע און איר געמאַכט אַ הייראַטס פאָרשלאַג, וואָלט זי מעגליך מיט אים חתונה געהאַט, כאָטש איר איינדרוק ווענען אים איז שטענדיג געווען, אַז זי איז צו אים מער צוגעוואוינט ווי פאַרליבט.

איז ער אָבער געווען עפּעס אַזאַ מאָדנער מענש, אַזאַ ניט גלויביגער אין זיך אַליין, אַזאַ ניט זיכערער אין זיינע אייגענע כחות, אַז ער פלעגט מיט זיין טרויעריגען טאָן אויף איר אָנוואַרפען אַ פחד.

— איר הערט — האָט ער אָפט צו איר געזאָגט — איך בין ניט אַזאַ, וועלכער וועט אַמאָל גליקליך זיין; און גליקליך מאַכען אַנדערע אודאי ניט.

— פאַרוואָס זאָלט איר אַזוי דענקען? וואָס זייט איר אַ קאַליקע, וואָס איר האָט ווענען זיך אַזאַ מיינונג? — פלעגט מירא אים גוטמוטיג ענטפערען — איר האָט פונקט אַזוינע גוטע געלעגענהייטען ווי אַנדערע יונגעלייט. פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַזוי אַראָפּגעפאַלען ביי זיך?

— איר זאָגט אַראָפּגעפאַלען — פלעגט ער ענטפערען אַ טרויעריגער — איז ווי מיינט איר, קען עס אַנדערש זיין? איך קענט דאָך מיר שוין ניט פון היינט, און וואָס? גאָרניט! שטענדיג דערזעלבער לאָ יוצלח, עפּעס ליגט אויף מיר אַ שווערע האַנט

www.libtool.com.cn


און דריקט מיין לעבען... איז וואס אייגענטליך וועט זיין דער תכלית מיט מיר, הא, וואס זאגט איר ?...

— דאס איז דערפאר, ווייל איר זייט א גרויסער צווייפלער, איר האט ניט קיין מוט אין לעבען — פלעגט זי אים ענטפערען ווי פארדריסליך.

— מוט... איר זאגט מוט... אבער וואס העלפט עס, אז דער וועג איז פארשטעלט, פארצוימט...

— כ׳וויים ניט וואס איר ווילט און וואס איר זוכט: כ׳פארשטיי אייך ניט! — פלעגט מירא אויף אים א קוק טאן מיט יאוש׳דיגען בליק ווי זי וואלט זאגען: „ס׳וועט שוין פון אייך קיין לייט ניט זיין!" — און זיך גענומען גרייטען אוועקצוגיין.

זעלדין פלעגט אראפבויגען דעם קאפ און בלייבען זיצען א טרויעריג־פארטראכטער, ווי לאנג, לאנג נאך איר אוועקגיין אזוי זיצען אין דער זעלבער פאזע און טראכטען... — — — — — — —

---

מירא׳ן איז ענדליך מיאום געווארען צו הערען פון זעלדינ׳ען טאג־איין טאג־אוים די זעלבע טענות וועגען זיין דורכפאל אין לעבען. ס׳האט זיך איר געמאכט א שידוך, האט זי חתונה געהאט.

חתונה געהאט וויסענדיג, אז זי איז אין דעם, וועמען זי גייט הייראטען, ניט פארליבט. זי האט זיך אבער בעסער ניט געקענט העלפען. זי איז שוין געווען א מיידעל פון א יאר דרייסיג און זי האט לייגגער ניט געקענט ווארטען.

זעלדין האט זיך נאך איר חתונה מער ניט באוויזען. זי האט ניט געוואוסט וואו ער איז מיט אמאל אהינגעקומען. אודאי האט איר זיין אנוועזענהייט אפטמאל אויסגעפיילט, פארט צוגעוואוינט געווען צו אים פון אזא לאנגע צייט. אבער גיין אים זוכען אדער פרעגען זיך אויף אים וועט זי דאך ניט, איבערהויפט איצט ווען זי איז געווען פארהייראט. — — — — — — — — — — — — —

---

צען יאר האט מירא אפגעלעבט מיט איר מאן. געהאט א פאר קינדער און געלעבט א טרויעריג, אומגליקליך לעבען.

זי איז איצט אלט געווען א יאר פערציג, אבער אויסגעזען

www.libtool.com.cn



האט זי מיט צען יאר עלטער. איבער איר חנ׳עווריג פנים האבען זיך איינגעקריצט פארבארגענע קנייטשען, און אין אירע שווארצע האר האט זיך ארייגגע׳גנב׳עט א ווייסקייט.

א טיפער, א ליידענדער אויסדרוק האט ארויסגעקוקט פון אירע אויגען און דערציילט אזוי פיל טרויעריגע געשיכטעס פון איר פארהייראטען לעבען.

איר מאן, פארקערט, האט נאך אויסגעזען יונג און געזונט, און פילענדיג, אז זיין פרוי איז אין אים קיינמאל ניט געווען פארליבט, האט ער געזוכט ליבע ערגעץ אנדערש. זיך ארומ־געשלעפט מיט פרעמדע פרויען.

לעצטענס האט ער זי אין גאנצען איבערגעלאזען און איז אוועק וואוינען מיט אן אנדערע.

אויף מירא׳ן האט איר מאנ׳ס אוועקגיין ניט געמאכט קיין באזונדערען איינדרוק. אין איר געפיל איז ער צו איר געווען א פרעמדער אלע יארען פון זייער צוזאמענלעבען און זי האט מיט זיין אוועקגיין גארניט פארלארען. איר מיט די קינדער האט ער פארזארגט, מעג ער זיין וואו און מיט וועמען ער וויל.

זי האט אפט געטראכט פון זעלדינ׳ען. „וואו איז ער איצט? וואס איז מיט אים געווארען? איז ער שוין פארהייראט?“ — און עס פלעגט איר ארומכאפען עפעס אזא בענקשאפט אים צו זען. ער איז איר דאך געווען אזא איבערגעגעבענער פריינט.

איצט אין איר איינזאמקייט, ווען זי נויטיגט זיך אזוי שטארק אין א מענשען, פאר וועמען אויסצורעדען א ווארט, וואלט זיין אנוועזענהייט פאר איר אזוי נויטיג געווען.

און ווי וואלט ער אויף איר איצט געקוקט? איצט ווען זי זעט אוים אזוי פארענדערט, צובראכען.

זי פלעגט בלייבען שטיין ביים שפיגעל, זיך פארטראכטען און א טיפער אומעט פלעגט איר ארומנעמען זעענדיג וואס די עטליכע יאר האבען פון איר געמאכט.

---

איינמאל ווען מען האט מירא׳ן אפגערופען אויפ׳ן טעלעפאן, איז זי געווארען ערשטוינט צו הערען, אז דאס איז זעלדין, וואס וויל איר זען.

www.libtool.com.cn


זי האָט אַ ציטער געטאָן, עפּעס האָט זיך אין איר אַ ריר געטאָן אַז אַלט געפיל און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבען קלאַפּען פון ערוואַרטונג.

זי האָט זיך געגרייט אים צו באַגעגענען, געשטאַנען לענגער ביים שפּיגעל, געפּרואווט פאַרבאַרגען אירע גרויע האָר, אויס־גלעטען די קנייטשען אויף איר פּנים. זי האָט גאָר באַקומען אַן אַנדער אויסזען.

ווען ער האָט אָנגעקלאַפּט און זי האָט פאַר אים געעפענט די טיר, האָט זי אים קוים דערקענט. זי האָט פאַר זיך דערזען אַן עלטערען מענשען מיט אַ קרענקליכען אויסזען. דאָס פּנים איינגעפאַלען, די האָר פאַרוויסט און זיין גאַנצער גוף האָט זיך געבויגען ווי הינטער אַ שווערע לאַסט.

אַ ווייל איז זי געשטאַנען און אים אָנגעקוקט ווי פאַר־שטאַרט. זי איז אָבער גלייך געקומען צו זיך און אויסגערופען:

— זעלדין! וואָס פאַר אַ גאַסט!

זי האָט מיט פרייד אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט און אים מיט־געצויגען מיט זיך:

— אָ, וואָס פאַר אַ גאַסט! וואָס פאַר אַ גאַסט!

ער איז שטיל נאָכגעגאַנגען מיט זיינע געוויינליכע שווערע טריט, ניט אַרויסווייזענדיג קיין שום איבעראַשונג פון אַלץ וואָס קומט מיט אים די מינוט פאַר, ווי אַלץ וואָלט זיך געצויגען נאָך פון אַמאָל מיט צען יאָר צוריק, ווי ער וואָלט ערשט נעכטען אוועקגעגאַנגען און היינט איז ער געקומען מיט'ן אַלטען געוויינ־ליכען וועג, ווי ס'וואָלט דורך דער צייט גאָרניט געשען.

— וואָס מאַכט איר, ווי איז עס אייך געגאַנגען? רעדט. דערציילט עפּעס. וואו זייט איר געווען אַזוי לאַנג? — האָט אים מירא נאָכדעם ווי ער האָט זיך אוועקגעזעצט פאַרוואָרפען מיט פראַגען.

זעלדין האָט זיך ניט געאיילט צו ענטפערען, לאַנגזאַם האָט ער אַרויסגעצויגען זיין אַלט באַקאַנטע ליולקע, אָנגעפילט מיט טאַבאַק און פאַררויכערט.

— וואָס־זשע, איר האָט גאָר מיט מיר ניט וואָס צו ריידען

www.libtool.com.cn



און וואָס מיר צו דערציילען? מיר האָבען זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט געזען.

— ניטאָ קיין שום נייעס, אַלץ ווי געווען. וואָס אייגענטליך האָט איר דען ערוואַרטעט פון מיר צו הערען? — האָט ער אַ פאַרכמורעטער אַרויסגערעדט.

— כ'מיין... כ'וויים... איז מירא צוטומעלט געוואָרען פון זיין ענטפער. — צען יאָר איז אַ סך צייט. אין צען יאָר פּאַסירען אַ סך זאַכען. ס'לעבען ענדערט זיך דאָך, אַט נעמט אַ שטייגער מיך, אַ, וויפיל איך האָב שוין דורך דער צייט דורכגעמאַכט...

זי האָט פאַר אים געוואָלט עפענען איר האַרץ, ווי פאַר אַ נאָענטען פריינט, זיך אויסריידען, דערציילען אַלץ וואָס מיט איר האָט דורך דער צייט פּאַסירט.

זעלדין אָבער האָט איר איבערגעשלאָגען מיט אַ גלייכגילטיגען שאָקעל מיט'ן קאָפּ:

— ס'ענדערט זיך... געוויס ענדערט זיך... אָבער דער לאַ־יוצלח בלייבט שטענדיג אַ לאַ־יוצלח. אפשר ניט, האַ?

מירא האָט זיך קוים איינגעהאַלטען זי זאָל ניט אַרויספּלאַצען מיט אַ טרויעריג ביטערען געלעכטער. „דער זעלבער זעלדין. ער האָט זיך אין גאָר ניט געענדערט", איז איר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק און וואַרפענדיג אויף אים אַ ביטול'דיגען בליק האָט זי ווי מיט פאַרוואורף צו אים אַ זאָג געטאָן:

— הייסט עס, אַז איר האַלט זיך נאָך אַלץ פאַר אַ לאַ־יוצלח. די צייט האָט אייך נאָך אַלץ ניט אויסגעלערענט צו קוקען אויף זיך מיט העלערע אויגען.

— די צייט... וואָס איז דען אַזוינס די צייט? — האָט זעלדין אַ ברוגז'ן ברום געטאָן — די צייט, דאָס איז אַ גרויזאַמע חיה וואָס מאַטערט און פייניגט, פאַרשאָלטען זאָל זי ווערען די צייט!

מירא האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט צער און באַדויערען. אַ שאָד, אַ שאָד — האָט זי געטראַכט — וואָס ער איז נאָך אַלץ אַזוי און ניט אַנדערש. ס'וואָלט דאָך איר געווען אַזוי גוט מיט אים ווען ער וואָלט ניט פאַרבליבען אַזוי ווי ער איז. זי האָט אים ניט פיינט.... און זי נויטיגט זיך דאָך אַזוי שטאַרק איצט אין אַ פריינט.

www.libtool.com.cn



אָבער אַזוי ווי ער איז, קען ער איר גאָר ניט העלפען. ניט ער איז דער מענש, וואָס קען אַריינברייגנען אביסעל פרייד אין איר צובראָכען לעבען. פאַרקערט, מיט אַזעלכען ווי ער גייט מען אונטער, און זי איז נאָך פאַרהעלטניסמעסיג יונג, זי וויל נאָך לעבען און האָפען אויף גליק. — — — — — — — — — — — — —

א פּאָר יונגע קינדערשע קול'כעלעך האָבען מיט אַמאָל א קלונג געטאָן איבער'ן הויז און א רוף געטאָן: מאַמע!

מירא האָט זיך א כאַפּ געטאָן.

— אַ, מיינע קינדער זיינען שוין דאָ פון סקול, ענטשולדיגט. כ'מוז זיי גיין געבען עסען. — האָט מירא מיט שטאָלץ און מיט ליבע אַרויסגערעדט „מיינע קינדער", ווי זי וואָלט אים מיט דעם געגעבען אָנצוהערען, אַז זי איז דאָך ניט פאַרבליבען אַזוי עלענט ווי ער — זי איז א מאַמע פון קינדער.

— און אייך... וועל איך דערלאַנגען טיי — האָט זי פאַר־ענדיגט אין אַן אָפּיציעלען טאָן. מיט וועלכען מען נעמט געוויינליך אויף געסט, פון וועלכע מען איז ניט שטאַרק צופרידען און מען וויל זיי אויף גיך אַרויס'פּטר'ן...

זעלדין האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און ווי אַלע מאָל געבליבען זיצען אומבאַוועגליך א שטילער, א פאַרטראַכטער, נאָר אביסעל מער איינגעקאָרטשעט ווי אַמאָל.

www.libtool.com.cn

# אַוועק...

די אנגענעמסטע צייט פאַר סאָפּיאַ'ן איז געווען איר זומער־וואַקיישאַן ביים ים. זי האָט אויף דער צייט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד, כאָטש אין דער היים האָט איר גאָרניט געפעהלט. זי האָט געלעבט אַ רייך, באַקוועם לעבען.

סאָפּיאַ איז איצט אַלט אַ יאָר פערציג. שוין צוואַנציג יאָר אַז זי איז פאַרהייראַט, האָט צוויי דערוואַקסענע קינדער, אַ מיידעל אַכצען און אַ באָי זעכצען יאָר אַלט, גליקליך אָבער איז זי ניט.

ווען זי וואָלט געקענט לעבען מיט דער ליבע פון אירע קינדער, וואָלט איר געווען זייער גוט, און ווען זי וואָלט געקענט לעבען פאַר דעם גליק פון אירע קינדער, וואָלט זי געווען די גליקליכסטע מוטער אויף דער וועלט. קען זי דאָס אָבער ניט, ווייל איר אייגען לעבען איז ניט אויסגעפילט, עפּעס פעלט איר, און נאָך עפּעס גאָרט זי אַלע אירע יאָרען, און איר האַרץ הערט ניט אויף צו בענקען...

דאַמאָלסט, מיט צוואַנציג יאָר צוריק, ווען זי האָט געהייראַט, האָט זי ניט געהייראַט אויס ליבע, נאָר צוליב נויט. זי איז אַריבערגעקומען אַהער אַ יונג מיידעל, מיטברייענגענדיג מיט זיך אירע יונג־מיידעלשע האָפנונגען און ליבע־חלומות. — אָבער דער קאַמף פאַר'ן לעבען האָט איר לאַנג ניט געלאָזט טרוימען איר מיידעלשען טרוים. — דאָס לעבען איז איר געוואָרען שווער, דער עלענד האָט איר געדריקט, האָט זי חתונה געהאַט.

איר מאַן האָט זיך אַרויפגעאַרבייט. ער איז רייך, אָבער וואָס האָט זי דערפון, אַז זי האָט אים ניט ליב. זי האָט אים קיין מאָל ניט ליב געהאַט, און איר לעבען איז פוסט און טרוקען; און אָפּגעבען איר לעבען פאַר די קינדער, איז נאָך צו־פרי. — זי האָט דאָך נאָך אַליין קיין יוגענט ניט געהאַט, אפילו קיין ליבעס־ערפאַהרונג איז איר פון איר יוגענט ניט פאַרבליבען. — דערפאַר איז זי שטענדיג אומרואיג, זי געפינט זיך קיין אָרט ניט. די היים שטיקט איר, ס'איז איר ענג.

www.libtool.com.cn


די צייט וואס זי געפינט זיך אויף איר וואקיישאן, איז ביי איר א יום־טוב: זי שפאצירט א סך ביים ברעג ים, שטייט שטונדען לאנג און הערט זיך צו צום רוישען פון די כוואליעס, און חלומ'ט דערביי פון די מיידעלשע יארען, מיידעלשע האפענונגען, וועלכע זיינען קיין מאל ניט ערפילט געווארען.

ס'איז איר אומעטיג צו זיין אליין. די קינדער זיינען ערגעץ אין א קעמפ, און דאך איז איר דער אומעט ליב, — ס'פארשאפט איר א זיס־פיינליכען געפיל, א געפיל, וואס פילט אן איר וועזען מיט צארטער בענקשאפט, מיט ציטערדיגען, ליבע־געגארטען ווייי...

היינטיגען וואקיישאן האט איר געטראפען א גרויס גליק... זי האט זיך באקאנט מיט א יונגענמאן, אן ארטיסט, א הויכען, א שיינעם, מיט א פאר ליידענשאפטליכע, גליענדע אויגען.

„לישא" — האט מען דעם יונגענמאן גערופען — ער האט אויסגעוויזען זייער ארים, געטראגען ארימע קליידער, ער האט אבער געקענט שיין ריידען, געווען פול מיט ראמאנטישען פייער.

זיי האבען זיך אפט געטראפען, שפאצירט און פארבראכט צוזאמען שטונדען־לאנג. ער האט איר געמאכט א סך קאמפלימענטען, און צו איר גערעדט שיינע ווערטער.

סאפיא איז געווען אין זיבעטען הימעל פאר גליק. דאס לעבען האט מיט אמאל א ליכט געטאן פאר איר מיט טויזענטער פארבען. דאס, וואס אזא שיינער יונגערמאן, און נאך דערצו אן ארטיסט, האט זיך אין איר אזוי פאראינטערעסירט, האט אינגאנצען צוטרייסעלט איר גלייכגעוויכט. זי האט זיך מיט אמאל דערזען אין אן אנדער ליכט. זי האט דערפילט ווי די יוגענט, וואס איז אין איר לאנגע יארען געלעגען פארוועלקט, האט מיט אמאל צוריק אויפגעבליט, — איר פנים האט זיך אויסגעלייטערט, געווארען אינגער און שענער. — איר טראט לייכטער, איר גאנג באוועגליכער; אפילו קליידער האט זי אנגעהויבען טראגען אנדערע, אפענערע, רייצענדערע, ווי איר לייב וואלט זיך באפרייט פון א לאנג־יאריגען אייז־באצויגענעם צודעק.

זי האט פלוצלונג דערפילט א שטארקע לוסט צום לעבען. איר פארשמאכט הארץ, וואס איז שיר פארברענט געווארען פון

www.libtool.com.cn



דורשט נאָך אַ ביסעלע ליבע, האָט זיך ווי אַ ווילדע צוגעכאַפּט צום קוואַל פון געַנוס, און געטרונקען ביז׳ן דעק.

אמת, דאָס פאַרבריינגען מיט לישאַ׳ן האָט איר געקאָסט געַנוג געלט, ווייל ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין סענט, און זי האָט פאַר אַלץ געמוזט צאָלען, און אים מיט אַלץ אויסהאַלטען. אָבער ווער טראַכט עס אין אַזאַ צייט פון געלט? געלט האָט איר קיין מאָל ניט באַפרידיגט און גליקליך געמאַכט. מיט אים, מיט לישאַ׳ן, איז זי גליקליך, און פאַר גליק דאַרף מען באַצאָלען — מעג עס קאָסטען ווי טייער... — — — — — — — — — — — — —

---

דעם גאַנצען זומער איז סאָפיאַ שיכור געווען פון גליק און פון ליבע. שטורעמדיגע טעג און תאווה׳דיגע נעכט האָבען געֿרעגט און געהויבען איר ברוסט און אָנגעפילט איר האַרץ מיט אויסער־געוויינליכע איבערלעבונגען.

זי איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין איר ניי־געפונענער פרייד, אַז זי האָט אַפילו ניט באַמערקט, ווי די ענדע פון איר וואַקיישאַן דערנעענטערט זיך. ווי די זומער־געסט הויבען אָן צו צופאָרען, און ביים ים ווערט קילער, אומעטיגער.

עס זיינען פלוצלונג אָנגעקומען פון קעמפּ אירע צוויי קינדער, וועלכע האָבען די לעצטע פּאָר וואָכען פון זייער וואַקיישאַן געוואָלט פאַרברייינגען מיט זייער מוטער. זיי זיינען געווען ערשטוינט צו טרעפען זייער מוטער עפּעס אין אַזאַ מאָדנער שטימונג. איר באַגעגעניש מיט זיי איז ניט געווען אַזעלכע ווי זיי האָבען ערוואַר־טעט. עפּעס האָט זי זיך געהאַלטען אַזוי ווייט און אָפּגעזונדערט פון זיי, ווי זיי וואָלטען געווען פרעמדע. דורך דער צייט וואָס זיי האָבען איר ניט געזען, איז זי געוואָרען אַ אַנדערע סיי אין איר האַלטונג, סיי אין אויסזען: אירע קליידער זיינען עפּעס געוואָרען קירצערע, איר האַלז און ברוסט ענטבלויזטער, ניט ווי זייער מאַמע.

סאָפיאַ איז געווען פאַרווירט פון אירע קינדער׳ס פלוצלונגען ערשיינען. עס איז איר געוואָרען זייער שווער. זי האָט געהאַט דאָס געפיל ווי איינער וואָס חלום׳ט אין שלאָף אַ שיינעם, זיסען חלום, און עס פאַלט מיט אַמאָל אַרויף עפּעס אַ שווערע משא און מען קען ניט אָטעמען.

www.libtool.com.cn


זי האָט זיך געפילט ווי אין אַ קלעם. פון איין זייט אירע קינדער, פאַר וועלכע זי האָט זיך איצט באַדאַרפט היטען, זיי זאָלען זיך ניט דערוויסען וועגען אירע באַציאונגען מיט איר געליבטען; פון דער צווייטער זייט לישא, וואָס איז פון דער גאַנצער מעשה מיט די קינדער גאָר ניט געווען צופרידען.

זי האָט מער ניט געקענט האַלטען אירע „אַפּאַינטמענטס" מיט אים אין צייט, און ער האָט איר אויפגעוואָרפען, אַז זי איז נאָך אַלעמען אַ „קאָנסערוואַטיווע" פרוי, וואָס קען זיך ניט אָפּריי־סען פון מאַן מיט די קינדער, און לעבען ווי זי וויל און פאַרשטייט.

און ער האָט דאָס ניט ליב — האָט ער גע'טענה'ט — ביי זיי, די אַרטיסטען, לעבט מען אַנדערש. ניטאָ ביי זיי קיין פליכטען. און — דאָס געלט, וואָס זי האָט אים לעצטענס געגעבען, גייט אים שוין אויך אויס; און זי איז אַזוי פאַרטאָן מיט די קינדער, אַז זי פאַרגעסט גאָר, אַז ער באַדאַרף לעבען.

---

איין מאָל אין אָווענט, ווען זי איז אים געקומען באַזוכען, איז זי געוואָר געוואָרען, אַז ער איז אַוועקגעפאָרען ניט איבערלאָ־זענדיג קיין אַדרעס.

זיין פּלוצלונגער פאַרשווינדען און דאָס וואָס ער האָט זיך אפילו ניט געזעגענט מיט איר, האָט איר שרעקליך וויי געטאָן; זי האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט, אָבער ניט ענטוישט.

„ וואָס האָט זי נאָך אַלעמען געקענט ערוואַרטען, זי, אַ פרוי אין די פערציגער, אַ מוטער פון צוויי דערוואַקסענע קינדער? זי האָט געהאַט אַ ליבע שעה, איצט איז איר האַרץ מער ניט טרוקען ווי אַ מדבר. — איצט מעג זי זיך אַ דערפרישטע אומקערען צו איר אַלטען געוויינליכען לעבען.

זי וועט בענקען. געוויס וועט זי בענקען, אָבער דאָס וועט זיין אַן אַנדער בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט נאָך אַ חלום, וואָס האָט איר איבערגעלאָזען זיסע עראינערונגען—".

אַזוי האָט סאָפיאַ געטראַכט, גייענדיג לאַנגזאַם פון געליבטענ'ס וואוינונג אַ טרויעריגע, אַ געבויגענע, און דער ים האָט מיט גרויל און פינסטערניש איר ווי אַריינגערוימט אין די אויערען: „אַוועק! אַוועק!..." — — — — — — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# ס'נאָך ניט נאָכ'ן באָל...

דזשעני, דאָס אַמאָליגע יונגע און שטיפערישע ווייבעל, וועמען עס האָט געצויגען צו פרעמדע יונגעלייט ווי אַ פליג צום פייער, האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ מידקייט אין אירע גלידער, און אַ באַגער צו שטילקייט און רו.

קומענדיג צו אַ באָל האָט זי מער אַזוי פיל ניט אַרומגעטאַנצט מיט יונגעלייט, כאָטש זיי האָבען זיך נאָך אַרומגעדרייט אַרום איר און געוואָלט מיט איר טאַנצען. אמת, שוין ניט אַזוי פיל יונגעלייט ווי אַמאָל, אָבער נאָך אַלץ אַ גענוגענדע צאָל. נאָר גיי טאַנץ אַז ס'פיילען אירע יונגע כחות.

האָט זי אָנגעהויבען „צוזיצען" צו ביסלעך ביי די טישלעך אַרום די ווינקלען פונ'ם זאַל אויף „צובייסען". די יונגעלייט זיינען דערפון ניט געווען צופרידען, זיך אָנגעהויבען פון איר אָפּטיילען, דערווייטערען, אַלע מאָל אַן אַנדערער.

דזשעני'ן האָט אַי געוואונדערט, אַי געשראָקען איר נייער צושטאַנד. ניט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם אַז זי איז שוין אין די פערציגער, אַז איר פיגור איז געוואָרען פולער, און דערפאַר שווערער און מידער... זי האָט זיך ניכער געוואָלט איינרעדען אַז איר געזונט איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, און זי האָט באַשלאָסען צו גיין צו אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט איר גוט באַטראַכט, אויסגעהערט און אַרויסגעגעבען זיין אורטייל:

— זיי לויפען צופיל אַרום, מאַדאַם, און נוצען אויס צופיל ענערגיע. אין די יאָרען מוז מען שוין ווערען אַ ביסעל רואיגער.

— וואָס מיינט איר, אין די יאָרען? — האָט זיך דזשעני אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן אונטערגעבריטע. — איך בין נאָך, דאָקטאָר, אַ יונגע פרוי, איננאַנצען איצט אַרום...

www.libtool.com.cn


דזשעני האָט זיך פאַרהאַקט... ניט געקענט א כאַפּ טאָן דיכטיג די צאָל פון אירע יאָרען און אין מח האָט זיך איר געבאָמ־בעלט: „יאָ, איך בין שוין דאַכט זיך, ניין און דרייסיג יאָר אַלט"...

— יאָ, ווער זאָגט דען? — האָט זיך דער דאָקטאָר געכאַפּט, אַז מיט זיין אָפענהערציגקייט קען ער נאָך פאַרלירען אַ פּאַציענט. — כ'מיין, זיי זען נאָך אויס גאַנץ יונג, אָבער ווי זיי האָבען מיר דערציילט, זיינען זיי אַ גרויסע שטיפערקע און טענצערקע, טאַנצען זיי אַביסעל וויניגער...

דזשעני האָט געשמייכעלט. אָבער אין דער שטיל האָבען זיך די „ניין און דרייסיג יאָר" ניט אויפגעהערט צו פּלאָנטערען אין איר מח: „איך בין שוין באַלד טאַקע אַ פערציגער" — האָט איר געעגבערט אַ געדאַנק, און אַ טיפער אומעט האָט איר מיט אַמאָל ארומגעכאַפּט און געגאַגט, און געגאַגט... — — — —

פון דאַמאָלסט אָן איז דזשעני געוואָרען אַן אַנדערע. זי האָט אָנגעהויבען צו זיצען מער אין הויז, געוואָרען פריינטליכער צו איר מאַן און זיך אָפּגעגעבען מער מיט אירע צוויי קינדער.

ווי פריער, האָט איר אויך איצט ניט צוגעבונדען צום מאַן קיין ליבע געפיל, זי האָט אָבער גענומען איינזען, אַז ס'איז געקו־מען די צייט ווען זי מוז ווערען צו אים מילדער, נאָענטער, צוגע־לאָזטער, ווייל... ווייל זי איז שוין ניט מער דאָס יונגע,פליענדיגע פויגעלע. אירע „פליגלען" ווערען שוואַכער און זי מוז איצט אָפּהיטען דאָס אייגען שטיקעלע נעסט.

זי האָט גוט געוואוסט, אַז איר מאַן האָט קיין מאָל ניט געוואָלט ליידען דעם אָרט לעבען וואָס זי פירט: איר אומרואיגע יאָגען זיך נאָך פריינט און אַמוזירונג, אירע אָפטע נייע באַקאַנט־שאַפטען מיט יונגעלייט, איר אַרומטאַנצען אויף די בעלער ביז שפּעט אין דער נאַכט. כאָטש ער האָט איר זעלטען געמאַכט פאָרווירפע, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז סוועט ניט העלפען. אַזוי איז זי שוין!

ווען אַ שטייגער, ער וואָלט דעמאָלט פון איר געפאָדערט זי זאָל ווערען אַנדערש, אויב ניט וועלען זיי זיך מוזען פאַנאַנדערגיין. וואָלט זי אים אויך ניט געפאָלגט. אַזאַ פאָדערונג וואָלט איר

www.libtool.com.cn



ווייניג וואָס איבערגעשראָקען. ניט פאַר אַזאַ פּרוי ווי זי קען מען פאָרשטעלען דעם וועג צום לעבען, איינצווימען אין די ענגע ראַמען פון אַ שטוב זיצעריין. אפילו אירע קינדער, וועלכע זי האָט ליב ווי דעם לעבען, האָבען עס ניט געקענט טאָן. ווער רעדט נאָך איר מאַן, אין וועמען זי איז ווייט פון צו זיין פאַרליבט, און וואוינט מיט אים בלויז צוליב די קינדער.

ווען זיי וואָלטען זיך דעמאָלסט פאַנאַנדערגעגאַנגען, איז זי זיכער, אַז זי וואָלט קיין זאָרג ניט געהאַט צו קריגען אַ יונגענמאַן וועמען זי וואָלט אפשר ליב געהאַט. מער ווי איין יונגערמאַן האָט איר ליב געהאַט, אפילו פאַרגעשלאָגען, אַז זי זאָל זיך שיידען פון איר מאַן און מיט אים חתונה האָבען. דאָס אָבער האָט זי ניט געוואָלט, זי האָט ניט געזוכט קיין שידוכים, זי האָט בלויז געגאַרט נאָך אַביסעל לייכטער צושטרייאונג.

איצט, ווען זי איז שוין באַלד פערציג, און די יאָרען הויבען זיך שוין אָן צו פילען, ווייסט זי, אַז ס'איז שוין צו שפּעט, זי קען ווייטער מיט איר לעבען אַזוי ניט אַנגיין, זי מוז זיך אַנהויבען צוריקציען טראָט ביי טראָט, אַזוי אַז איר מאַן זאָל עס ניט באַמערקען, ווייל אַז אַך און ווויי איז דער פרוי ווען דער מאַן באַמערקט איר פּריוווילעגען צוריקטריט. דאָס האָט זי גוט געוואוסט...

איין אָוונט, רופט זיך אָפּ איר מאַן:

— דזשעני, איך האָב מיט דיר עפּעס וויכטיגעס צו רעדען.

זיין קול האָט געקלונגען ערנסט, דורכגענומען מיט אַ טיפען וויי.

דזשעני האָט אַ שטילען ציטער געטאָן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס דערשראָקען, אָבער ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זי שרעקט זיך. צום ערשטען מאָל האָט זי געהאַט אַזאַ געפיל.

— נו גוט, איך הער! — האָט זי באַהערשענדיג זיך גלייכ־גילטיג אַרויסגערעדט.

— דו פאַרשטייסט, דזשעני, — האָט ער אָנגעהויבען שטאַמ־לענדיג — ס'איז מיר שווער, זייער שווער, דיר דאָס צו זאָגען...

— רעד, רעד וואָס דו ווילסט, — האָט דזשעני מיט אַ גע־

www.libtool.com.cn


מאכטען שמייכעל ארויסגערעדט, און אינווייניג האט זיך ביי איר ווי עפעס אפגעריסען.

— דו פארשטייסט, — האט ער נאכאמאל אנגעהויבען — שוין זעכצען יאר אז מיר זיינען פארהייראט, און מער ווי א פאר יאר, די ערשטע נאך אונזער חתונה, האב איך פון קיין לעבען מיט דיר ניט געוואוסט. ס'הייסט מיר האבען געוואוינט און געלעבט צוזאמען, דו ביזט אבער מיט'ן געפיל ניט געווען מיינע, דו האסט זיך געלעבט דיין אייגען וועלטעל, געהאט דיין אייגענע קאמפאני, דיינע פארגעניגענס, און איך בין געווען אליין, עלענט. א גליק נאר, וואס איך האב געהאט די קינדער, ווען ניט, וואלט איך אפשר משוגע געווארען פון איינזאמקייט.

ער האט זיך א ווייל אפגערוט, און ווייטער גערעדט:

— ס'פארשטייט זיך, אז איך האב גענוג געליטען, כ'האב גוט פארשטאנען, אז דו האסט מיך ניט ליב און איך בין ניט איינמאל געווען גרייט מיט דיר זיך צו שיידען, כ'האב אבער ניט געוואלט צוברעכען די היים צוליב די קינדער.

ער האט טיף אפגעאטעמט און פארטגעזעצט:

— א לאנגע צייט האב איך געווארט, אפשר וועסטו זיך ענדערען, פריער צוליב די קינדער און דערנאך אפשר צוליב זיך אליין אויב ניט צוליב מיר. איך האב ניט געזוכט קיין אנדערע פרויען, כאטש עס האט מיר זייער שטארק אויסגעפיילט א פריינט אין לעבען, איינע וואס זאל מיר פארשטיין און מיר ליבען.

ער האט פאררויכערט א סיגארעט, זיך געשטיקט מיט'ן רויך און קוים ארויסגעציטערט ווי פילענדיג זיך שולדיג אין א גרויס פארברעכען:

— דא ניט לאנג האב איך צופעליג אזא איינע באגעגענט. גלויב מיר, אז איך האב זי ניט געזוכט — האט ער זיך גענומען פארענטפערען — זי איז פלוצלונג, גאר אומערווארטעט, צו מיר ווי פון הימעל ארונטערגעפאלען. הפנים דער שיקזאל האט זיך אויף מיר דערבארימט און זי מיר צוגעשיקט. וואלסטו אנקוקען, דזשעני וואס פאר א פרוי דאס איז, א מלאך איז דאס, ניט קיין מענש — האט ער זיך פלוצלונג צוואווארימט פון באגייסטערונג

www.libtool.com.cn



— וואָלסטו זען ווי ליב און צאַרט זי נעמט מיך אַרום און קוקט מיר אַריין אין די אויגען ווען זי רעדט צו מיר. עפּעס פיל איך גאָר אַ ניי לעבען אין מיר זייט איך האָב זי דערקענט, איך בין געוואָרען פרייליכער און מוטיגער, אַ נייע נשמה האָט זי אין מיר אַריינגעגעבען מיט איר פריינטשאַפט.

ער האָט זיך אַ ווייל פאַרטראַכט מיט אַ פרייליך, פאַרליבטען אויסדרוק, ווי ער וואָלט נאָך געפילט אויף זיך יענער פרוי'ס ליבע און גלעטענדע בליקען. דאַן האָט ער זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן דערמאָנענדיג זיך, אַז ער האָלט אין ריידען מיט זיין פרוי, און אַ גלעט טאָענדיג מיט'ן האַנט איבער זיין קאָפּ, ווי ער וואָלט אַנטאָפּען דעם שנור פון זיינע געדאַנקען פאָרטגעזעצט:

— דו ווייסט, רזשעני, אַז איך בין ניט פון די מענער, וואָס קענען זיין פאַלש צו זייערע פרויען: אַז איך האָב דיר ניט געהאַט וואָס צו זאָגען, האָב איך געשוויגען. איצט אָבער, ווען ס'האָט זיך געמאַכט אַזאַ צופאַל, קום איך צו דיר און זאָג דיר: רזשעני, דו האָסט מיך סיי ווי ניט ליב, איז געקומען איינע וואָס האָט מיר יאָ ליב און וואָס פּאַסט זיך פאַר מיר און וואָס איך פּאַס זיך פאַר איר. דו מיט מיר ביזט ניט גליקליך, איך מיט איר וועלען אָבער יאָ גליקליך זיין, און איך מיין, אַז עס קומט מיר אַביסעל גליק פאַר אַלע יאָרען פון אונזער אומגליקליך פאַרהייראַט לעבען.

— איז וואָס פאַרלאַנגסטו, לאָמיר שוין הערען — האָט רזשעני, אַזוי רואיג ווי מעגליך, געזאָגט.

— כ'האָב באַשלאָסען, אַז מיר זאָלען זיך גט'ען!

רזשעני איז געבליבען ווי געפּלעפט. אויף אַזאַ משונה'דיגען סוף אין איר לעבען האָט זי זיך ניט גערעכט; זי האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז דער סוף פון זייער צוזאַמענלעבען וועט קומען אַזוי פּלוצלונג און דורך אים, איר מאַן, פּונקט איצט, ווען זי וואָלט געוואָלט אַז אַלע זאָל שוין בלייבען ווי געווען, ווייל זי אַליין איז דאָך שוין אויך ניט מער וואָס געווען, זי איז דאָך שוין אַנדערש...

ס'האָט זיך איר אַזוי ניט געוואָלט איצט אָנהויבען פון ס'ניי, איצט, ווען זי נויטיגט זיך אין אַביסעל רו, און וואו קען זי עס מער געפינען ווי אין איר אייגענער היים?

www.libtool.com.cn


זי וואָלט איצט, אייגענטליך, געקענט זאָגען צו איר מאַן:
„הער מיך אויס מיין מאַן, איך בין איצט ניט מער אַזוי ווי געווען. איך בין אַנדערש. איך האָב באַשלאָסען צו זיין מער אין דער היים מיט דיר און מיט די קינדער. איך וויל, הייסט עס, ווערען די פרוי און מוטער אין דעם זין ווי דו פאַרשטייסט עס". זי איז זיכער אַז ער וואָלט זיך צוטאַנצט פון שמחה און ער וואָלט יענע גלייך איבערגעלאָזען, ווייל זי ווייסט, אַז ער האָט איר, זיין פרוי, נאָך אַלץ ליב. דאָס אָבער קען זי ניט און וועט ניט טאָן. זי, דזשעני, וואָס האָט יאָרען לאַנג געלעבט אַן אייגענאַרטיגען לעבען, וועט זיך ניט אונטערגעבען, מעג זי אפילו וויסען, אַז זי וועט אונטערגיין.

— גוט! — האָט זי אויפהויבענדיג שטאָלץ דעם קאָפּ אַנקור־קענדיג אים מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל אַרויסגערעדט — דו מעגסט זיך זען מיט אַ לאַיער אפילו היינט. פון מיין זייט וועט קיין מניעה ניט זיין.

ער האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי איר ענטפער וואָלט אים שיר אומגעוואָרפען פון די פיס.

— און וואָס וועט זיין מיט די קינדער? — האָט ער אין אַ געבראָכענער שטימע געפרעגט.

— די קינדער זיינען שוין ניט מער קיין פּיצלעך ביים ברוסט. מיר וועלען שוין וועגען זיי באַשליסען. איבריגענס, האָסטו וועגען דעם באַדאַרפט פריער טראַכטען, איידער דו האָסט מיר דעם פאָרשלאָג געמאַכט. איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען, און מיט דעם ענדיגט זיך עס! — האָט זי שטרענג אַרויסגערעדט, אַפּקערענדיג איר פּנים פון אים...

לאַנג, לאַנג נאָך דעם, ווען איר מאַן איז שוין לעבען איר ניט געווען, איז דזשעני געשטאַנען ביים שפּיגעל און זיך באַטראַכט. איר פּנים איז געווען בלייך און די ווינקלען פון אירע ליפּען האָבען אַזוי נערוועז געצוקט... צווייפעל און שרעק איז געווען אָפּגעדריקט אויף איר געזיכט. דאָ און דאָרט האָט זי באַמערקט עטליכע קנייטשלאַך, און זי איז געוואָרען אומרואיג. ס'האָט זיך איר גע־דוכט, אַז איצט מער ווי אַלע מאָל פאַר דער לעצטער צייט, ווייזען

www.libtool.com.cn



זיי זיך ארוים. זי האט אזש א שוידער געטאן. זי האט זיך דער־שראקען פאר זיך אליין..

לאנג אבער פארבלייבען אין אט דעם פארטראכטע און פארצווייפעלטען צושטאנד האט זי זיך ניט געלאזען.

מען באדארף גאר גיין צו א באל איז איר מיט אמאל איינ־געפאלען, און א כאפ טוענדיג א צייטונג האט זי נערוועז אנגעהויבען צו זוכען אין דער אפטיילונג וואו עס ווערען אדווערטייזט די בעלער.

„אט צו דעם באל גיי איך, דארטען קען איך טרעפען א סך יונגעלייט פון אמאליגע באקאנטע — האט זי א פריידיגען טראכט געטאן און אירע אויגען האבען אזש א גלאנץ געטאן פון א נייער האפנונג און ערווארטונג. „און זאל עס דער טייוועל נעמען! דו, דזשעני, טארסט נאך ניט ליגען „איינגעלייגט", ביזט נאך אלץ ניט קיין פערציג, ביז פערציג איז נאך דא א יאר, און א יאר לעבען מיינט זייער א סך!" — האט זי א הימליכען זאג געטאן צו זיך אליין, און זיך אנגעהויבען וואשען, קעמען און זיך גרייטען צום באל, אונטערזינגענדיג שטיל א לידעל:

„ניין, ניין, עס איז נאך ניט נאכ'ן באל..."

www.libtool.com.cn

# צוליב אַ קוש

דאָס מזל האָט געוואָלט אַז מרים זאָל אַלס קליין מיידעל, ווען זי איז צען יאָר אַלט געווען, באַגליקט ווערען מיט אַ קוש פון דעם גרויסען אידישען דיכטער פירשטיין. דעם קוש האָט זי פון אים באַקומען ווען זי איז אויפגעטראָטען אַלס דעקלאַמאַטאָרין פאַר אַ וואוילטעטיגען צוועק וואו ער, פירשטיין, איז געווען פאָרזיצער. איר דעקלאַמירען, דערצו נאָך זיינס אַ ליד, איז דעם גרויסען דיכטער אַזוי געפעלען געוואָרען, אַז ווען זי האָט געענדיגט איז ער צו איר צוגעגאַנגען און איר אַ לייכטען קוש געטאָן אין קינ־דערשען שטערען.

דער גרויסער עולם וואָס האָט די סצענע צוגעזען איז געווען שטאַרק באַגייסטערט פון דעם אופן ווי דער דיכטער האָט אויס־געדריקט זיין אנערקענונג צו דעם דאַמאַלסדיגען קינדערשען טאַ־לאַנט, און האָבען שטאַרק אַפּלאָדירט. זי, מרים, איז אַזוי צומישט געוואָרען פון דעם דיכטער׳ס קוש, אַז זי איז אַ פאַרשעמטע, רויטלענדיג זיך, קוים אַרונטער פון דער בינע.

אויף מרים׳ן האָט דער קוש איבערגעלאָזען אַ געוואַלדיגען איינדרוק. מיט דעם וואוקס פון די יאָרען איז ניט נאָר דער איינדרוק ניט פאַרקלענערט געוואָרען, נאָר איז נאָך מער פאַר־שטאַרקט געוואָרען, באַגרייפענדיג וואָס פאַר אַ גרויסער כבוד עס איז פאַר איר דאַמאַלסט געווען געקושט צו ווערען פון אַזאַ באַרימטע פּערזענליכקייט, און זי איז ביי זיך געווען זייער געהויבען.

די געהויבענקייט האָט איר אָבער איצט, ווען זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע מיידעל, קיין גוטס ניט געטאָן. איר קינ־דערשען טאַלאַנט האָט זי שוין לאַנג פאַרלאָרען, און אַלס „גרויסע" האָט זי זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכענט. וואָס זאָל באַרעכטיגען

www.libtool.com.cn


איר געהויבענקייט. יענע פּאַסירונג פון די קינדערשע יאָרען איז שוין לאַנג פון אַלעמען פאַרגעסען געוואָרען, בלויז זי אַליין האָט עס ניט געקענט פאַרגעסען און ניט אויפגעהערט צו טראַכטען, צו חלום'ען, און צו שטאַלצירען מיט דעם קוש.

האָבענדיג דאָס געפיל אַז זי איז אַמאָל געקושט געוואָרען פון אַ גרויסער פּערזענליכקייט, איז איר ניט אָנגעשטאַנען צו אַרביי־טען אין אַ שאַפּ. די אַרבייט איז ביי איר פּשוט געווען אַז אַפּקר־מעניש און זי האָט פון דעם שטאַרק געליטען. זיצענדיג ביים מאַשין האָט זי זיך ניט אויפגעהערט צו באַדויערען און רחמנות האָבען אויף זיך, וואָס זי, אַ מיידעל מיט אַ „באַרוף" נאָך פון דער קינדהייט, באַדאַרף זיצען אָט דאָ־אָ און נייען דרעסעם, ווי זי וואָלט געווען גלייך מיט אַלע אַנדערע מיידלאַך...

דעם זעלבען געפיל האָט זי געהאַט ווען זי האָט זיך צוזאַ־מענגעטראָפען מיט אירע חבר'טעס, וועלכע זיינען געווען פּשוט'ע אַרבייטער־מיידלאַך. „ווי קומט זי, וואָס איז געקושט געוואָרען פון אַזאַ באַרימטען מענשען, זיך צו חבר'ן מיט אַזעלכע פּשוט'ע מיידלאַך?" — האָט זי זיך אין דער שטיל ניט אויפגעהערט צו יאָרען און זיך שיר ניט אויפגעגעסען אַ לעבעדיגע.

אָבער שווערער פון אַלץ איז איר געווען זיך צו באַגעגענען מיט יונגעלייט, וועלכע זיינען געוויינליך אַלע געווען שאַפּ־אַרבייטער. אויף אַזוי פיל זיך „אַרונטערלאָזען" האָט איר שוין פּשוט ניט געסטייעט קיין כחות. זי האָט זיך עס גאָרנישט געקענט מוחל זיין, אַז זי, אַ מיידעל, וועמעס שטערען עס האָבען אַמאָל באַרירט דעם גרויסען דיכטער פּירשטיינ'ס ליפּען, זאָל פאַרברענגען מיט אַזעלכע געוויינליכע יונגעלייט און נאָך אַזעלכע חוצפה'דיגע דערצו, וועלכע כאַפּען זיך כסדר קושען.

האָט טאַקע מרים, אַ פּאָר מאָל געמאַכט אַ פאַרזוך זיי, די יונגעלייט, אויסצומיידען. נאָר אַזוי ווי קיין אַנדערע פריינט האָט זי ניט געהאַט, און פון אַנדערע, אינטעליגענטערע קרייזען איז זי געווען פרעמד, איז זי געבליבען אַליין און ניט ווילענדיג, מיט אַ צובראָכען געמיט, זיך צוריק געמוזט אומקערען צו זיי.

זי איז געווען ניט קיין מיאוס מיידעל און איינער פון די

www.libtool.com.cn


יונגעלייט וואָלט מיר איר געווים געהייראַט. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט פאַרשטעלען, אַז זי, אויף ווערמענס פּנים עס גליט נאָך דער אַמאָליגער באַרימטער קוש, זאָל ביי זיך פּועל׳ן חתונה צו האָבען מיט אַזאַ געוויינליכען יונגען מאַן, וואָס פאַרשטייט אַפילו ניט די באַדייטונג פון אַזאַ קוש. גיי דערציי׳ל אַזאַ מענשען וועגען דעם, וועט ער זיך אפשר גאָר אויסלאַכען פון דעם, און, ווער ווייסט, ער קען נאָך אפשר בייז ווערען אויף יענעמ׳ס חוצפה אַ קוש צו טאָן זיין צוקונפטיגע כלה...

ווען מרים איז שוין אַלט געוואָרען אַ יאָר זעקס און צוואַנציג און קיין יונגערמאַן וואָס זאָל איר ווערט זיין האָט זיך נאָך ניט געמאַכט, איז זי געוואָרען אומרואיג. זי האָט זיך אָנגעהויבען שרעקען פאַר׳ן „פאַרזיצען“ און זי האָט באַשלאָסען: פאַרפאַלען. זי קען זיך ניט העלפען, זי מוז זיך אַ ביסעל אַרונטערלאָזען... עס וועט אַפילו זיין אַנטקעגען אירע געפילען, אָבער אַלץ בעסער ווי צו פאַרבלייבען אַן אַלטע מויד...

„וואָס זשע, אַז זי וועט אַפילו חתונה האָבען מיט איינעם ניט נאָך איר ווערט, וועט דען עפּעס אָפּקומען פון איר אייגענעם ווערט? — האָט זי געזוכט מיט זיך אַליין צו מאַכען אַ פּשרה — זי אַליין ווייסט דאָך אַז זי איז ניט אַבי ווער“...

---

מרים האָט ענדליך געהייראַט מיט אַ געוויינליכען יונגענמאַן, אַ גוטער און ערליכער. ער האָט געאַרבייט און געמאַכט אַ לעבען און זיך געסטאַרעט זיין ווייב צו פאַרזאָרגען מיט אַלץ וואָס איז נאָר מעגליך געווען אונטער די אומשטענדען פון אַן אַרבייטער לעבען.

אַן אַנדערע אויף איר אָרט, אַ געוויינליכע אַרבייטס מיידעל, וואָלט מיט איר הייראַט געווען אמת צופרידען, אָבער ניט זי, מרים. ביי איר איז אויסגעקומען, אַז זי האָט איר מאַן געטאָן די גרעסטע טובה מיט דעם, וואָס זי האָט מיט אים חתונה געהאַט און זי גע־פינט זיך מיט אים אין איין הויז.

ס׳איז איר געווען זייער אומעטיג. אודאי וואָלט זי געוואָלט אַז פריינט זאָלען צו איר קומען. וואו נעמט מען אָבער אַזוינע

www.libtool.com.cn


פריינט, וועלכע זאָלען פּאָרשטיין די באַדייטונג פון איר פּערזאָן און זאָלען קענען אָפּשעצען דעם פאַקט, וואָס זי איז די און די, וועלכע איז אַמאָל... נאָר וואָס איז דאָ צו ריידען, אַזעלכע פריינט האָט זי נאָך דערווייל ניט, און איינלאַדען סתם פריינט וויל זי ניט. איז זי טאַקע שטענדיג אַליין.

צום גליק איז מרים לעצטענס באַקאַנט געוואָרען מיט אַ יונגענמאַן, ביי וועמען זי האָט געקויפט אַ פּאָר ביכער פאַר דעם „בוק קעיס", וואָס זי האָט געדענקט אַריינצושטעלען אין איר היים. בוניו — האָט מען דעם יונגען מאַן גערופען — ער איז טאַקע געווען אַן אַגענט פון ביכער, וועלכער האָט איר גלייך פּאַרטרויט אַ סוד, אַז ער שרייבט לידער אויך. אַ דיכטער, הייסט עס...

דערהערט אַ דיכטער, האָט מרים'ס האַרץ אַזש אַ שפּרונג געטאָן פון פרייד. ענדליך — האָט אין איר אַ לויכט געטאָן אַ געדאַנק — איז איר פּאַרט צוגעשיקט געוואָרען אַמענש פון אָט יענע דיכטערישע קרייזען נאָך וועלכע זי האָט שטענדיג אַזוי געבענקט.

זי האָט אים גלייך דערציילט פון דעם שייכות, וואָס זי האָט נאָך פון קליינערהייט אַן צו זיינע מענשען... ווי דער באַרימטער דיכטער פירשטיין איז באַגייסטערט געוואָרען פון איר טאַלאַנט און פאַר אַלעמען אין די אויגען זי אַ קוש געטאָן.

ווען דער אַגענט־פּאָעט האָט עס דערהערט איז ער אַזש אויפגעשפּרונגען:

— ווער, זאָגט איר, האָט אייך אַ קוש געטאָן, פירשטיין?

— האָט ער אויסגערופען איבעראַשט.

— יאָ, פירשטיין — האָט מרים מיט שטאָלץ געענטפערט.

— דאָס איז ווירקליך אַ גרויסע עהרע...

מרים'ס געזיכט האָט אַזש אַ גלי געטאָן פון פרייד, וואָס ענדליך, נאָך אַזוי לאַנג וואַרטען, האָט זיך געפונען איינער וואָס ווייסט ווי אָפּצושעצען איר גרויסקייט... און זיך רויטלענדיג פון רחבה האָט זי צופרידען אַרויסגערעדט:

— אַ דאַנק פאַר אייער אָנערקענונג.

און פאַר גרויס גליק האָט זי גלייך ביי אים באַשטעלט

www.libtool.com.cn


א גאנצע סעט ביכער פאר דעם „בוק־קעים“ וואס זי דענקט אריינצונעמען.

זייט דאמאלסט איז בונין געווארען אן אפטער גאסט ביי מרים׳ען אין הויז, מיטברענגענדיג זיינע פריינט, דיכטער פון דעם זעלביגען שניט ווי ער...

זיי פלעגען אפזיצען שטונדען לאנג און פארברענגען צוזאמען, עסען, טרינקען, רויכערען און פארלעזען איינע פאר די אנדערע זייערע נייע לידער און ווענען זיי ניט אויפגעהערט צו ריידען און דיסקוטירען.

די הויז איז פול געווען מיט רויך און מיט טומעל. פאר מרים׳ן האט אבער דער רויך געשמעקט ווי גן־עדן־ריח, און דער טומעל האט איר געקלונגען ווי זיסע מוזיק. און ווען איינער פון די „דיכטער“ איז צו איר צוגעגאנגען און איר א גלעט געטאן, איז זי געווען א גליקליכע, און ווען א דיכטער האט זי בגנבה א קוש געטאן, איז זי געווען אין זיבעטען הימעל...

גאנץ אנדערש האט אבער אויף דעם געקוקט זעלווין, איר מאן. א מענש א פשוט׳ער, וואס האט דעם גאנצען טאג שווער געארבייט, „אט ער אין אוונט געוואלט האבען זיין היים, זיין אפרו, און אים איז אט די „גרויסארטיגע“ געזעלשאפט מיט זייערע טענות און פארלעזונגען אנגעגאנגען ווי דער פאראיאריגער שניי... פארקערט, זייט די „טומעל־מאכער“ — ווי ער האט זיי אין דער שטיל גערופען — האבען זיך אריינגענאדיעט צו אים אין הויז אריין, האבען זיי צושטערט זיין שטיל און רואיג לעבען און ער האט ניט געקענט פארשטיין פארוואס זיין פרוי קוועלט אזוי אן פון זיי..

ער האט געשוויגען, געמיינט אז דער טומעל וועט לאנג ניט אנהאלטען, אז די חברה וועלען אויפהערען צו קומען, עס וועט זיך איינשטילען, און אין הויז וועט ווידער ווערען רואיג ווי געווען.

ס׳איז אבער אוועק א לענגערע צייט און ס׳איז ניט נאר ניט געקומען צו קיין ענדע, נאר חברה האבען זיך מיט יעדען טאג דערפילט היימישער אין הויז, און נעענטער און צוגעלאזענער צו זיין פרוי...

וואס עס אנבאלאנגט אים, איז ער אין גאנצען געווען אויס־

www.libtool.com.cn



נעשלאָסען פון זייער געזעלשאַפט. זיי האָבען אויף אים געקוקט פון אויבען אַראָפּ און עס איז זיי ווייניג אָנגעגאַנגען צי ער איז יאָ דאָ אין הויז צי ניט. אפילו זי, זיין ווייב, איז עפּעס פון אים ווי אָפּגעפרעמדט געוואָרען...

האָט זיך זעלווין אַרומגעטראָגען מיט אַ שטילען פאַרדרוס און דאָס הארץ האָט אים געריסען פון ווייטאָג. אויף אַזאַ אַנשי־קעניש אין זיין לעבען האָט ער זיך ניט געריכט.

איין אָוונט איז דער רויך און טומעל אין הויז געווען באַזונדערס גרויס. חברה האָבען זיך געקאָכט ווענען אַ נייע, גרויסע פּאָעמע, וואָס איינער פון זייערע קאָלעגען האָט אָנגעשריבען און פאָרגעלייענט פאַר אַלעמען. עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיינונגען פאַר און דאַגעגען און די קולות האָבען אַזש דערגרייכט צום הימעל.

מרים איז געשטאַנען לעבען די „דיכטער“ אין גאַנצען אַ פאַר־כאַפּטע פון זייער ענטוזיאזם און ווי פערעל געכאַפּט יעדען איי־נעמ׳ס רייד פון מויל. איר פּנים איז געווען צופלאַמט פון פרייד און אירע אויגען האָבען נעגלאַנצט, ווי זי וואָלט געוואונען ס׳גרויסע געווינס.

דער „דיכטער“, וואָס האָט אָנגעשריבען די „פּאָעמע“ איז געוואָרען אַזוי באַגייסטערט פון דעם גרויסען אינטערעס, וואָס זי נעמט אין זיין נייסטער שאַפונג, אַז ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און איר אַ שטאַרקען קוש געטאָן...

זעלווין איז אויפגעשפּרונגען אַ צוקאָכטער, אַ נעם געטאָן דעם „קושער“ פאַר׳ן קאַרק, אַ שלעפּ געטאָן אים צום טיר און אַ געשריי געטאָן מיט׳ן גאַנצען ביטערניש, וואָס האָט זיך אין אים פאַר דער גאַנצער צייט אָנגעקליבען:

— אַרויס! אַלע אַרויס!

חברה זיינען מיט אַמאָל געבליבען שטיין ווי געפּלעפּטע. זיך שטיל איבערגעוואָרפען מיט די בליקען און איינע נאָך די אַנדערע זיך אָנגעהויבען אַרויסצושאַרען פונ׳ם הויז.

אויך מרים איז צוטומעלט געוואָרען פון איר מאַנ׳ס פּלוצ־לונגען אָנפאַל אויף אירע „גרויסע“ געסט. זי איז געשטאַנען אַ

www.libtool.com.cn


פארווירטע און געקוקט אויף איר מאַן מיט ברייט־צועפּענטע אויגען, וועלכע האבען אויסגעדריקט צאָרן און פאַרוואונדערונג.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האט זי זיך א בייזען קער געטאַן צו אים און מיט האס אַרויסגערעדט:

— אידיאַט!

אין זעלווינ'ען האט עס א ברען געטאַן. ס'ערשטע מאָל האט ער געהערט פון איר אַזא וואָרט, און אַרויסגעזען פון איר אַזא ווילדע רציחה.

— כ'וועל פון דיר אַוועקגיין! כ'קען מיט דיר מער אין הויז ניט זיין! — האט די פרוי כמעט היסטעריש געשריען — דו טרייבסט און באַליידיגסט מענשען! דו... דו... גראָבער יונג! דו נאַר!...

זעלווין האט געוואָלט צוריקשרייען, פרעגען ביי איר א סך קשיות, וועלכע האבען זיך ביי אים אָנגעקליבען פאר דער לעצטער צייט, ער האט אָבער געשוויגען, געווען פאַרקלעמט פון ווייטאָג.

געשוויגען און געטראַכט: אַז ס'איז גוט אַזוי, וואָס עס האט זיך אַזוי געמאַכט, איצט ווייסט ער, וואָס פאר א מענש זיין ווייב איז, אַז עס איז ביי איר רעכט צוליב זיי, אין גאַנצען פרעמדע מענשען, וועלכע ער קען אפילו ניט, זיך מיט אים צו קריגען, אים באַליידיגען און סטראַשען פון אים אַוועקצוגיין.

און קיין קינדער וויל זי אויך ניט האבען צו אַלדע שוואַרץ יאָר...

ניין, ער וועט מער ניט זיין קיין פערד און פאר איר מער ניט אַרבייטען, זאָל זי גיין צו זיי, די פרעמדע טומעל־מאַכער!

שטום, ניט אויסריידענדיג א וואָרט האט ער אָנגעטאַן זיין העט און מאַנטעל און גענומען גיין צום טיר.

מרים האָט אים נאָכגעקוקט מיט ביטול... און אַט מיט דעם א האָט זי דאָס חתונה געהאט — האט זי טרויעריג ביטער פאר זיך אַליין געשמייכעלט. — ווען פירשטיין וואָלט דאַמאָלט געוואוסט וואָס פאר א מאַן זי וועט נעמען, וואָלט ער איר אסור א קוש געטאַן...

www.libtool.com.cn

# אויף דער מאַמע׳ס וועג

די מוטער איז געשטאַנען פון דער ווייטען און א צושראָקענע זיך צוגעהערט ווי איר טאָכטער, א מיידעל אכצען יאר אלט, רעדט דורכ׳ן טעלעפאָן צו א יונגענמאַן.

„גוט אדלער, כ׳וועל קומען, ס׳וועט דאַרטען, זאָגסטו, זיין פריילּיך און מען וועט זיך גוט אמוזירען. דאָס ערוואַרטע איך דאָך! דערפאַר גייען מיר דאָך אהין! איז אוואו זאָגסטו זאָלען מיר זיך באַגעגענען? ביים פּאַרק? אָלרייט! כ׳וועל דאַרטען זיין פּונקט אכט אזייגער; גוט באַי!“

— אוואו גייסטו דאָס, מערי, היינט? — האָט די מוטער ביי איר געפרעגט נאָכדעם ווי זי האָט אויפגעהאַנגען דעם רעסיווער.

— כ׳גיי היינט אוים מיט א יונגען מאַן. — האָט מערי לוסטיג ארויסגערעדט.

— דאָס האָב איך געהערט. כ׳פּרעג דיך אוואו דו גייסט מיט אים?

— אוואו מיר גייען? הע, הע, ווילסטו דאָך שוין מאַמע צופיל וויסען... אזאַ מאָדערנע מאַמע האָט באַדאַרפט וואָס ווייניגער פרעגען, — האָט דאָס מיידעל אין שפּאַס געענטפערט.

— אָבער כ׳מעג דאָך וויסען אוואו דו גייסט און ווער עס איז דער יונגערמאַן — האָט די מוטער ארויסגערעדט ניט זיכער...

— דאָס אייגענע פרעגט דאָך אַז אַלט־מאָדישע מאַמע אויך.

— האָט מערי געלאַכט צוגייענדיג צו דער מוטער און ארומנע־מענדיג איר, — דו באַדאַרפסט עס ניט פרעגען.

— ווילסטו מיר, הייסט עס, ניט זאָגען! האָט די מוטער ברוגז׳לאָך איר לייכט אָפּגעשטויסען פון זיך.

— נו, גוט, כ׳וועל דיר זאָגען: כ׳גיי מיט׳ן יונגענמאַן צו

www.libtool.com.cn


א פּאַרטי. זיינער א פּריינט פאַרט אוועק, מאַכען זיינע פּריינט פּאַר אים א שטיקעל הוליאַנקע.

— און ווער איז דאָס דער פּריינט דיינער מיט וועמען דו גייסט? מעג איך וויסען ווער ער איז, און ווי לאַנג דו קענסט זיך מיט אים? און אוואו און ביי וועמען איז עס די פּאַרטי?

— דאָס, מאַמע, זעסטו, וואונדערט מיך שוין. וואָס הייסט, דו נעמסט מיך אויף אַזאַ שטרענגען „קרייץ־פאַרהער?" דאַכט זיך, געלערענט האָסטו מיך פּונקט פאַרקערט — האָט דאָס מיידעל א באַדייטענדען בליק געטאָן אויף איר מוטער.

— וואָס מיינסטו מיט דעם? — האָט די מוטער א פאַרווירטען בליק געטאָן אויף איר טאָכטער.

— כ'מיין, אַז מען קען דאָך א קינד ניט לערנען פון קליי־נערהייט ווי צו גיין און נאָכדעם עס פּאַר האַלטען, פאַרשטעלען דעם וועג...

— ווען, און וואו האָב איך דיך געלערענט אַזוי צו האַנדלען?

— האָט די מוטער ניט פאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיג.

— דו האָסט מיר ניט באַדאַרפט לערנען, מאַמע. כ'האָב אַלעס געזען און געהערט און אויך פאַרשטאַנען... מיינסטו, אַז איך בין געווען אַזוי קינדעריש ניט צו באַמערקען, ווי דו פלעגסט זיצען און פאַרברייינגען מיט יונגע לייט נאָכדעם ווי דו ביסט צושיידט גע־וואָרען מיט'ן פּאָטער? און אפילו פריער! אודאי האָט זיך דיר געדאַכט, אַז איך זע ניט און הער ניט. אַז איך בין ערגיץ אין צווייטען צימער, שלאָף, אָדער שפּיל זיך, אָדער כ'לייען די קינ־דערשע ביכלאַך וועלכע דו האָסט מיר געגעבען. אָבער איך האָב געהאַלטען מיינע קינדערשע אויגען און אויערען אָפען. כ'האָב זיך פון דער ווייטען צוגעהערט צו די געשפּרעכען, זיך צוגעקוקט צו דעם אָרט פאַרברייינגען פון די גרויסע... ס'איז געווען אינטערעסאַנט, מאַמע. אינטערעסאַנט זיינען געווען די געשפּרעכען וועגען פרייע ליבע, וועגען דעם נייעם מאָדערנעם לעבען, און איך האָב שטענדיג געטראַכט, אַז ווען איך וועל אויפוואַקסען און ווערען א גרויסע, וועל איך אויך זיין א מאָדערנע.

www.libtool.com.cn


די גאַנצע צייט, וואָס די טאַכטער האָט גערעדט, האָט זיך דער מוטער׳ס פּנים געקנייטשט פון ווייי... ווי מען וואָלט איר געריסען אַ צאָן... איר יעדער וואָרט האָט איר געשניטען ביים הארצען... זי האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלען אַז איר׳ס אַ קינד זאָל איר אַזוי פריי און אָפען אויפוואַרפען וועגען דעם פרייען לעבען וואָס זי האָט אַמאָל געפירט. זי האָט זיך גערדרייט אויפ׳ן שטול, ניט געקענט איינזיצען. זי איז שיר ניט אויפגעשפרונגען ס׳מיידעל אַנצולערנען פאַר אַזאַ חוצפּה. אָבער ווען זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אייגענטליך איז דאָך איר טאָכטער גערעכט. ס׳איז דאָך אַלץ אמת וואָס זי האָט דאַ געזאָגט... איז זי געבליבען זיצען אָפּהענדיג און נידערגעשלאָגען. נאָר כדי איר קינד זאָל זיך ניט אָנשטויסען וואָס זי דענקט און פילט האָט זי מיט אַ גע־מאַכטען כעס אַרויסגערעדט:

— דו ביסט פאַרריקט, מערי! דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט!

ס׳מיידעל האָט ניט געענטפערט. וואַרפענדיג פון דער ווייט אַ פול־באַדייטענדען בליק אויף דער מוטער, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוטע נאַכט, מאַמע! אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט איבער די ליפּען ווי זי וואָלט איר געקושט און פאַרלאָזען די הויז.

די מוטער איז געבליבען זיצען אַליין אַ טרויעריגע, אַ פאַרטראַכטע.

זי האָט איבערגעטראַכט אַלץ וואָס זי האָט דאָ ניט לאַנג פון איר טאָכטער געהערט און ס׳איז איר געוואָרען אַזוי שווער אויפ׳ן הארצען, אַזוי ווייִמוטיג אויפ׳ן געמיט.

ניט פאַר זיך אַליין האָט איר איצט וויי געטאָן. זי אַליין, האָט זי געוואוסט, איז שוין אַ פאַרשפּילטע... זי האָט פאַרשפּילט איר יונגען לעבען ווי אַ געמבלער אין קאָרטען... זי האָט געהאַט אַ גוטען, אַ געטרייען מאַן, וואָס האָט געאַרבייט שווער פאַר איר, מיט איר קינד, געמאַכט אַ פיינעם לעבען, איז איר אָבער ניט אָנגעשטאַנען איר פּשוט׳ער מאַן, איר באַלעבאַטיש היימיש לעבען, דאָס קאָכען, וואַשען, און זיך אָפּגעבען מיט הויז־ווירטשאַפט. עס האָט איר געצויגען צום גאַס צו די קאַפעען, רעסטאָראַנען,

www.libtool.com.cn


וואו ס׳קומען אריין די מאָדערנע, פרויען און מענער... וואו מען רויכערט און מען טרינקט און ס׳שפּילט מוזיק... און ס׳ברענען אַזעלכע קאָלירטע לעמפּעלאַך... און די טישלאַך זיינען אַזעלכע קליינע, שיינע, אָפּגעפאַרבטע...

זי האָט אָנגעהויבן אַהין אַריינצוקומען. אַ שיין יונג ווייבעל. האָט זי גלייך געקראָגן פּאַרעהערער. מען האָט איר אָנגעהויבן „טריטען", מאַכען קאָמפּלימענטען. זי איז געווען ווי באַרוישט...

קומענדיג פון אַזוינע פּלעצער צוריק אַהיים, האָט זי מער די הויז ניט געקענט אָנקוקען... איר מאַן האָט זי אָנגעהויבן האַסען: ס׳קינד, איר טעכטערל, איז ביי איר געוואָרען אַ לאַסט... ס׳איז ווי דער טאַטע. זי באַדאַרף שטענדיג האָבען דער מאַמען לעבען זיך, אַז זי גייט אַוועק וויינט זי...

אין הויז איז געווען חורבן... איר מאַן האָט זיך געבעטען ביי איר, געוויינט, זי זאָל זיצען אין דער היים זי זאָל אַזוי פיל ניט אַרומלויפען. אָבער זי האָט אים אויסגעלאַכט. איין טאָג האָט זי אים אין גאַנצען איבערגעלאָזען און איז מיט איר מיידעלע אַוועק וואוינען צו אירע אַ באַקאַנטע, אויך אַ מאָדערנע ווייבעל.

ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן צו לעבען אויפ׳ן אמת׳ן מאָדערנעם שטייגער. געגאַנגען אַרבייטען, און אין אָוונט זיינען צו איר געקומען יונגע לייט פון די מאָדערנע קרייזען. מען האָט געהוליעט, געשטיפּט און זיך אַמוזירט אויפ׳ן העכסט מאָדער־נעם שטייגער.

ס׳האָט איר אָבער לאַנג ניט גענומען אויסצוגעפינען אַז די גאַנצע מאָדערנע שפּיל איז ניט ווערט קיין זייפענבלאָז... די יונגעלייט האָבען זי ביסלעכווייז, איינע נאָך די אַנדערע, פאַרלאָזען. אין די קאַפעען האָט מען זיך אויף איר אָנגעהויבן ווייניגער אומ־צוקוקען. ווען זי פלעגט אַריינקומען פלעגט זי באַמערקען, אַז עם זיצען שוין נייע, שענערע און אינגערע פון איר... ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי איז פאַרבליבען, איינזאַם און פאַרלאָזען פון אַלעמען...

---

איצט, לעבענדיג פאַר אַ צייט צוריקגעצויגענע און אָפּגעזונדערט

www.libtool.com.cn


פון יענע קרייזן, איז איר גאַנצער וואונש געווען, אַז איר ביטערע ערפאַרונג וואָס זי האָט געהאַט, זאָל פאַר איר זיין אַ „לעסאָן“ ווי אַפּצוהיטען איר קינד איר שיין, אַכצען־יאָריג טעכטערל, עס זאָל ניט אַריינפאַלען און פאַרבלענדט ווערען פון די זעלבע פאַרפּי־רערישע אילוזיעס ווי אַמאָל זי, איר מאַמע... זי זאָל חתונה האָבען מיט אַ פּיינעם, ערליכען יונגען מאַן, וואָס וועט פאַר איר מאַכען אַ שיינעם לעבען... און צום סוף, אך, גאָט! זי פאַרגעמט זיך שוין, דאַכט זיך, אויף איר, דער מאַמע'ס וועג...

זי האָט שטענדיג געגלויבט, אַז איר קינד איז נאָך דאַמאָלסט געווען צו יונג צו וויסען צו פאַרשטיין, וואָס עס גייט פאַר אין איר מאַמע'ס לעבען, אָבער דאָס וואָס זי האָט היינט פון איר געהערט, האָט איר באַוויזען ווי נאַריש זי איז געווען צו מיינען, אַז קינדער האָבען זייער אייגענע קינדערשע וועלט אין וועלכע זיי זיינען פאַראינטערעסירט און די גרויסע גייען זיי ניט אָן...

יאָ, איר מיידעלע האָט צופיל געזען און געהערט און ס'איז מיטגעוואַקסען מיט איר שכל, מיט אירע געפילען, מיט אירע פרויען־ליידענשאַפטען... און פרויען־אינסטינקטען...

וואָס קען זי איצט טאָן איר קינד צו העלפען, איר אָפּצוראַ־טעווען, פון אָט די פאַרפּירערישע, זייפען־בלאָז־געגוסען?...

ס'איז שוין געווען צוויי אַזייגער ביינאַכט. ס'טעכטערל איז נאָך אַלץ ניט געקומען. און די מוטער איז ווי אַ ווילדע אַרומגע־לאָפען איבער'ן צימער. צוגעלאָפען יעדע מינוט צום פענסטער און אַרויסגעקוקט צו זי גייט שוין. געבראָכען פאַרצווייפעלט מיט די הענט און ניט אויפגעהערט צו זיך אַליין צו ריידען און צו פרעגען:

„וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?“

www.libtool.com.cn

# געוואָרען פּראַקטיש

ביטרים איז אַלט געוועזן אַ יאָר אַכטצען. שיין און יונג־מיידעלש קאַפּריזנע. געאַרבייט און פאַרדינט פאַר זיך פאַר אַ לעבען. ניט געזאָרגט פאַר אַ צוקונפט, און נאָך ניט געטראַכט פון חתונה האָבען.

זי איז „אויסגעגאַנגען" מיט יעדען יונגענמאַן, וואָס איז איר נאָר געוועזן געפעלען און וואָס האָט געוואָלט און געקענט אויסשטיין אירע קאַפּריזען. זי פלעגט מיט זיי גיין צו בעלער, קאָנצערטען, אין טעאַטער, אוואו מען האָט זיך נאָר געקענט אַמוזירען.

געטאַנצט האָט זי ווי אַ פויגעלע, לייכט און זינגענדיג. ניט געוואוסט וואָס עס מיינט אַזוינס זאָרג. אין אירע האַנדלונגען און באַנעמונגען איז זי געוועזן קינדעריש: גערעדט קינדעריש, גע־טאַנצט קינדעריש, און געהאַט קאַפּריזען ווי אַ קינד...

ווען זי האָט עפּעס געוואָלט, עפּעס פאַרלאַנגט, האָט זי איר וואונש קיינמאָל ניט אויסגעדריקט אין ווערטער. זי פלעגט זיך בלויז קינדעריש פאַרטראַכטען, האַלטענדיג אירע בליקען געווענדעט צו דער זאַך, אַמאָל אַ צאַפּעל טאָן מיט ביידע הענטלאַך, און דער יונגערמאַן וואָס האָט מיט איר דאַן שפּאַצירט האָט שוין פאַר־שטאַנען וואָס זי מיינט און וויל...

און געוואָלט האָט זי ניט קיין סך... וויפיל קען דען אַ קינד פאַרלאַנגען? — אַ פּאַקעט־ביכעלע, אַ שנירעל קרעלען, אַ פינ־גערל, און נאָך אַזעלכע קלייניגקייטען וועלכע פלעגען איר פאַרשאַפען פאַרגעניגען, ווען מען פלעגט עס איר קויפען. לאַנג האָט זי זיך מיט דעם סיי ווי ניט אַרומגעטראָגען. עס פלעגט איר מיאוס ווערען און זי פלעגט עס ערגעץ איבערלאָזען, און ווידער זיך פאַרטראַכטען קינדעריש מיט אַזעלכע זשעדנע אויגעלאַך צו אַ נייער זאַך...

יונגעלייט האָבען פון איר, ווי פון יעדער קינד, געהאַט אי נחת, אי צרות. אפשר מער צרות ווי נחת... נאָר גיי האָב פאַר־

www.libtool.com.cn


איבעל אויף א קינד! מען קען דאך ניט פארלאנגען אז א קינד זאל זיין אנדערש?...

זי האט זיך קיינמאל ניט געקימערט וויפיל די יונגעלייט, וועלכע זי האט געקענט, פארדינען און וואס זיי טוען. צו וואס האט זי דאס באדארפט וויסען? וואס גייט עס איר אן, אזוי לאנג ווי זיי „טריטען" איר ווי דזשענטעללייט... איר האט איבערהויפט די געלט־פראגע ניט געקימערט, אבי זי האט וואס זי באדארף.

די יונגע לייט וואס האבען איר געקענט און מיט איר ארומ־געגאנגען האבען זייער באקאנטשאפט מיט איר ניט גענומען שטארק ערנסט. עס וואלט, למשל, זיי ניט איינגעפאלען צו מאכען איר א היראטס־פארשלאג. ס'וואלט אויסגעקומען אזוי מאדנע.

דערפאר ווען איינער פון אירע באקאנטע האט זיך איר ערקלערט אין ליבע און איר פארזיכערט, אז ער איז גרייט מיט איר חתונה צו האבען, ווייל זי געפעלט אים זייער, האט זי אויף אים אויס־געשטעלט א פאר פארוואונדערטע אויגען און אים אפגעענטפערט מיט א קינדערישען לאך...

דער יונגערמאן וואס האט זיך איר אזוי ערנסט ערקלערט אין ליבע און איז געווען גרייט מיט איר צו הייראטען, איז אין יארען דוקא שוין געווען עלטער פון איר. ער איז אלט געווען א יאר פינף־און־צוואנציג, אבער מיט'ן פראקטישען לעבען האט ער זיך אנגעקערט ווייניגער פון איר.

דאניע, ווי מען האט דעם יונגענמאן גערופען, איז געווען פון די יונגעלייט, וועלכע זארגען זיך ניט וועגען א תכלית. ער האט געלעבט א צופעליג אמאל געטאן עפעס אן צופעליג לעבען... ארבייט צו האבען אויף דאס נויטיגסטע. ער האט, צום ביישפיל, אין די זומער־חדשים געדינט אלס קעלנער אין א זומער־פלאץ, וואו ער האט אי געהאט צו עסען, אי פארדינט מיט וואס צו לעבען דאן, ווען ער טוט גארניט.

מען קען ניט זאגען אז ער איז געווען א „וואזשנער ווייטער". ווייל וואס פאר אן ארבייט עס זאל ניט זיין, איז עס ניט געווען פאר אים... וואלט ער אויף א פלאץ לאנג ניט געקענט שטיין: איז אים אבער בייגעשטאנען זיין אינטעליגענטער און אינטערע־סאנטער אויסזען.

www.libtool.com.cn


ער איז געווען העכער פון מיטעלען וואוקס, מיט א שיינעם קאפ שווארצע געקרייזעלטע האר, אויגען גלעטענדע און ראמאנטיש צוציענדע...

ער איז אין נאטור געווען א ראמאנטיקער. געקוקט אויף אלץ מיט ראמאנטישע אויגען. אפילו די הייראט האט ביי אים מיט קיין פראקטישקייט ניט געהאט צו טאן.

ער פלעגט לעזען א סך, מערסטענס ליבע־ראמאנען. ליבע־לידער און ליבעס ־בריף...

אליין פלעגט ער אויך שרייבען א סך ליבעס־בריף, געשריבען האט ער צו יעדע מיידעל, וועלכע האט אין אים ארויסגערופען א ראמאנטישען געפיל און זיי אלעמען פארשלאגען צו הייראטען... זיינע באקאנטע מיידלאך האבען אים שוין גוט געקענט און האבען אים ניט גענומען ערנסט... פאר א געליבטען איז ער פאר זיי ניט שלעכט געווען, פאר א מאן אבער ניט.

דאניע האט זיך אבער ווייניג־וואס אפגעגעסען דאס הארץ פון דעם. זיין ליבעס־געפיל האט פון דעם ניט געליטען... ביז — ביז ער האט זיך באקאנט מיט ביטרים.

אין ביטרים'ן האט ער באגעגענט א קינד א שטיפערישעס, א זארגלאזעס, פיל ענליך צו אים. האט עס אים צו איר א ציגעטאן מיט'ן גאנצען ברען פון זיין פארליבט הארץ און —

„קום, קינד, לאמיר חתונה האבען!“ א שפילכעלע אזא.

און ביטרים, ווי א קינד, ענטפערט אים אפ מיט א פריילִיך געלעכטערעל.

און אין איר מח פלאנטערט זיך שוין א נייע שפילכעלע — חתונה האבען — נייע און אינטערעסאנט.

און שיר־שיר ענטפערט זי אים: „יא, מיר וועלען חתונה האבען!“ זי באשליסט אבער פריער צו פרעגען ביי דער מאמען...

הערט איר די מאמע אויס און איבער איר מאמע־פנים צושפרייט זיך א זיסער נחת...

— פיין, פיין, מיין קינד! — ענטפערט איר די מאמע — עס איז שוין טאקע צייט זאלסט אויסטאן די קינדערשע קליידלאך און א טראכט טאן וועגען א תכלית. ביזט שוין, מיין קינד, אכצען

www.libtool.com.cn



יאָר געוואָרען... נענוג שוין צו שפּילען קאַטאָוועס מיט די יונגע־לייט... אָבער ווער, זאָג מיר, איז דאָס דער יונגערמאַן וואָס וויל מיט דיר חתונה האָבען — עפּעס אַ לייטישער? אַוואו האָסטו זיך מיט אים באַקענט? און ווי רופט מען אים?

— דו קענסט אים, מאַמע — רעדט ביטרים אַרוים פאַרשעמט און רויטעלט זיך — עס איז דאַניע...

— מיינסט דעם יונגענמאַן מיט די שוואַרצע קודלאַטע האָר, וואָס קומט אַמאָל אַהער אַרויף

— יעס...

— אָט דער לײדיגגייער! ווי קומט ער צו ווערען דיך הייראַ־טען. ער קען דען מאַכען אַ לעבען? ער אַרבעט דאָך קיינמאָל ניט!...

— ער איז דאָך אַזאַ שיינער, מאַמע, וואָס האָסטו צו אים?

— ביזט אַ קינד און ווייסט ניט וואָס דו רעדסט! — שרייט די מאַמע אויף איר אָן — און אַז אַ שיינער איז וואָס, וועסטו פון דעם האָבען צום עסען? און אַז מען האָט חתונה, באַדאַרף מען, מיין קינד, מאַכען אַ לעבען, ווי קען ער זיך דאָס אונטערנעמען, אַז ער טוט גאָרניט? שלאָג זיך אים אַרויס פון קאָפּ, און זוך זיך אויס אַן אַנדערען, אַ גוטען פאַרדינער — דער־ענדיגט די מוטער, גלעטענדיג די טאָכטער איבער'ן קאָפּ.

ביטרים ענטפערט ניט, ברוגז'ט זיך אויף דער מוטער וואָס וויל פון איר אַרויסרייסען אַזאַ פיין שפּילכעלע...

---

און דאַניע טרעט פון איר ניט אָפּ. רעדט צו איר אַזוי ליב, אַזוי האַרציג, מאָלט פאַר איר אַזעלכע שיינע און רייכע בילדער פון פאַמיליען־לעבען.

— האָב חתונה מיט מיר! — הערט ער איר ניט אויף צו בעטען — איך וועל מיט דיר זיין שטענדיג, אייביג... וועסט זען ווי שיין און ווי גוט עס וועט זיין, — רעדט ער איר צו ווי אַ קינד וואָס מען וויל אַז עס זאָל פאָלגען — מיר וועלען וואוינען אין אַ שיינע היים וואו עס וועט זיין ביכער, מוזיק, מיט לאָמפּען וואָס וועלען לייכטען מיט אַזעלכע פאַנטאַסטישע קאָלירען, און באַלייכטען אונזערע ליבעס־אָווענטען און ליבעס־גליק...

www.libtool.com.cn


ביטרים הערט זיך צו און שמייכעלט טרויעריג פארקלערט, דערמאָנט זיך אָן דער מאַמעס טענות און ענטפערט:

— און אוואו וועט מען דאָס אויף אַלעם נעמען?.. דאָס אַלץ קאָסט דאָך געלט...

ארויסגערעדט די ווערטער, האָט זי זיך פארשעמט פאַר זיך אַליין. עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס זי שטעלט וועמען אַזאַ פראַגע און זי פילט זיך זייער, זייער ניט אנגענעם, קען אים קוים קוקען גלייך אין די אויגען...

דאַניע ווערט פון איר פלוצלונגער געלט־פראַגע אַ ביסעל צוטור־מעלט, אָבער נאָר אויף אַ ווייַלע. ער פארגעסט זיך באַלד און רעדט ווייטער באַגייסטערט:

— דו וועסט זען, ביטרים, ווי אינטערעסאַנט עס וועט זיין — סיי ביי אונז אין דער היים, סיי אין געזעלשאַפט... יאָ, וועגען דער רייזע... עס וועט זיין, זאָג איך דיר, איינע פון די אינטערע־סאַנטסטע רייזעס, אונזער „האַנימון". מיר וועלען זיך אַוועקלאָזען קיין קאַליפאָרניע, מיר וועלען שפּאַצירען אויף די הויכע בערג וואו עס איז אַזוי שטיל און אנגענעם און מען קען זיצען רואיג, אומגעשטערט און זיך ליבען...

וואָס מער ער רעדט אַלץ מער הויבט ביטרים אָן צו באַגריי־פען, אַז דאָס זיינען בלויז ווערטער, שיינע ווערטער פון אַ פאַנטאַסטישען פארליבטען, וועלכע קענען אונטער די אומשטענדען קיינמאָל ניט פארווירקליכט ווערען. און ווידער קומען איר ארויף אויפ'ן זינען דער מאַמע'ס ווערטער: „אַז מען האָט חתונה באַדאַרף מען, מיין קינד, מאַכען אַ לעבען!" און ער, דאַ, רעדט וועגען פאַרען, וועגען בערג, קאַליפאָרניאַ, אָבער וועגען דאָס נויטיגסטע — עסען... וועגען דעם פאַלט אים גאָרניט איין אַ טראַכט צו טאָן...

זי דערמאָנט זיך ווי דאָ ניט לאַנג איז זי געווען ביי אירע אַ פארהייראַטע פריינדין, אַ געוועזענע שיינהייט, זי איז אינ־גאַנצען פארהייראַט אַ יאָר, אָבער ווי פארענדערט זי איז געוואָרען פונ'ם אָרימען לעבען וואָס זי פירט. איר מאַן, אַ געוועזענער „ספּאָרט" וואָס פלעגט גיין צו אַלע בעלער אין זיך דרעסען און טאַנצען אַזוי שיין, איז אַלס פארהייראַטער מאַן אַ דורכפאַל. זי,

www.libtool.com.cn


איר פריינדין, פלאגט זיך זייער, און דאס קינד, וואס זי האט ניט לאנג געבוירען, האט זייער לאנגע נאך פארערגערט.

האט טאקע די פריינדין, ווען זי איז ביי איר געווען אויף באזוך, איר געווארענט:

— לאז זיך, ביטרים, ניט פארפירען פון א שיינעם יונגענ־מאנ׳ס פנים און פון זיינע זיסע ריידעלאך!...

דאמאלסט האבען איר פריינדינ׳ס ווערטער אויף איר קיין ווירקונג ניט געמאכט. איצט אבער הויבט זי אן צו פארשטיין זייער באדייטונג...

און זי פילט ווי איר קינדערשער חלום הויבט אן צו פארגיין... די גראבע, גרוים־מענשישע ווירקליכקייט הויבט אן צו פארנעמען דעם פלאץ פון איר ביז אהעריגער יונגקייט און קינדערשע זארגלאזיגקייט...

דאס „קינד" האט געעפענט די אויגען און זיך פארטראכט, פארזארגט, ווי א גרויסער מענש...

אבער דאניע, דאס שפילכעלע איר׳ס מוז ביי איר בלייבען — ווייל זי האט אים אויף אן אמת ליב געקראגען...

---

און זי, ביטרים, דאס געוועזענע קינד, האט מיט איר גאנצען יונגען כח און ענערגיע גענומען פון אים מאכען א דערוואק־סענעם מענשען מיט פאראנטווארטליכקייטען און פליכטען...

פון א קינד איז זי מיט אמאל געווארען א מאמע, מיט א מאמעס זארגען און הארץ־קלעמעניסען... די ערציערין און אויפ־פאסערין פון איינעם, מיט וועמען עס האט זיך איר אמאל פארגלוסט זיך צו שפילען ווי קינדער... יא, דאמאלסט איז עס געווען א פרייד און א פארגעניגען — די זארגלאזע יוגענט האט איינע מיט די אנדערע געשפילט, ביז... ביז פון דער שפיל איז געווארען אן ערנסט...

און וואס קען זי איצט טאן? זי מוז ווייטער שפילען, כאטש זי ווייסט, אז די שפיל איז ניט מער קיין גלייכע... זי האט דערפילט די ערנסטקייט פון לעבען און איז געווארען אן אנדערע. ער אבער, איז געבליבען ווי געווען, און די גאנצע שווערינקייט וועט איצט פאלען אויף איר, אויף איר שוואכען און צארטען ווענען...

www.libtool.com.cn


פיר יאָר האָט ביטרים אַפּגעגעבען איר כח און איר ענערגיע צו ווירקען אויף איר געליבטען, ער זאָל זיך ענדערען, אויפהערען צו פליען אַזוי הויך אין די הימלען. ווערען פּראַקטישער, געפינען עפּעס אַ שטיקעל וועג אין לעבען, וואָס זאָל זיי געבען די מעג־ליכקייט זיך צו פאַראייניגען אין אַ פאַמיליען־לעבען. זי האָט געוואַרט, געוואַרט מיט געדולד, מיט זעלטענער אויפאָפּפערונג, געאַרבייט שווער און אים געהאָלפען מיט וואָס זי האָט נאָר געקענט. זי איז דורך דער צייט פיל פאַרעלטערט געוואָרען, פון דער אַמאָ־ליגער לוסטיגער מיידעלע איז געוואָרען אַן ערנסטע פרויענצימער מיט איבערלעבונגען און ערפאַרונגען פון אַ מאַמען, וואָס זעט איר קינד גיין ניט אויפ'ן גלייכען וועג...

פיר יאָר זיינען אַוועק.

דאַניע האָט זיך טאַקע געענדערט, אָבער אַנדערש ווי ביטרים האָט געוואָלט און געהאָפט.

זיין ראָמאַנטישע נאַטור האָט מער ניט געקענט פאַרטראָגען איר מוסר. ער האָט ניט געקענט פאַרליידען וואָס זי איז אוים־געוואַקסען געוואָרען אַזוי פּראַקטיש, אַזוי מוטערליך פאַרזאָרגט...

ניט אָט די ביטרים האָט ער דאָך דערקענט און ליב געקראָגען.. די ביטרים איז דאָך אַן אַנדערע... אַ מאַמע, וואָס רעדט צו אים שטענדיג וועגען תכלית.

און ער, דאַניע, זוכט ניט קיין תכלית. פאַר אים איז די גאַנצע וועלט פריי... וואו מען קומט, טרעפט מען אַזוינע שיינע און יונגענקע מיידלאַך, שטיפערישע און זאָרגלאָזע...

---

איין טאָג האָט זיך דאַניע פּלוצלונג אַוועקגעלאָזען „הייקען", איבערלאָזענדיג ביטרים'ן אַ צובראָכענע, אַ צוּוווייטאָגטע, מיט אַ טיפע וואונד אין הארצען... ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען אויף אַ ווייטען וועג.

און ערגעץ־וואו וועט זיך דאַניע מן הסתם ווידער טרעפען מיט אַ יונגענקער, און שייניגקער, פאַר וועלכער ער וועט זיך ערקלערען אין ליבע און טענה'ן:

— „איך בעט אייך, האָט חתונה מיט מיר, איך וועל מיט אייך זיין שטענדיג... אייביג..."

www.libtool.com.cn

# אָפּגענאַרט...

— גיי, מיין קינד, גיי, דיינע פריינט ווארטען אויף דיר!
— האט זיך די מוטער נעבעטען ביי איר טעכטערל.
— אָבער, ווי קען איך, מאמע, אוועקגייז און דיר איבער־לאָזען אַליין? — האט אסתר גע'טענה'ט צו איר מוטער.
— כ'וועל ניט זיין אַליין. עס וועט קומען צו מיר קאמפּאַניע.
— קאמפּאַניע! — האט אסתר אַ פּאר'צער'טען שמייכעל געטאָן, ווי זי וואלט געזאָגט:
— כ'פּארשטיי דיר, מאמע, ווילסט מיר מאכען פּילען גרינ־גער, דערציילסטו מיר אַ מעשה מיט קאמפּאַניע. אָבער איז אמת'ן ווייס איך, אַז דו וועסט זיין אַליין.
זי האט עס אָבער ניט געזאָגט. זי האט בלויז דער מאמען ארומגענומען, זיך שטום צוגעטוליעט צו איר און זי געקושט מיט אויסערגעוויינליכער ליבשאפט.
— נו, גיי שוין, קינד, — האט די מוטער איר אונטערגעגעבען חשק — דיינע פריינט וועלען נאך ווערען אומגעדולדיג. זיי קענען נאך בייז ווערען, וואס דו לאָזט זיי אזוי לאַנג ווארטען. פארגעס ניט קינד, אַז ס'איז היינט ס'ערשטע מאָל, וואס דו גייסט מיט זיי אויס צוזאמען.
— ס'איז אַלרייט, מאמע, זיי מעגען אביסעל ווארטען!—האט אסתר ניט אָפּגעלאָזט דער מוטער.
— אָבער לאָז מיך שוין אמאָל אָפּ! — האט זיך די מוטער גענעבען ביי איר טעכטערל, זיך כלומר'שט רייסענדיג פון איר.
— אי לאָוו יו, מאַטהער!—האט אסתר ניט אויפגעהערט זיך צו ערקלערען אין ליבע צו איר מוטער.

www.libtool.com.cn


— נו, ניי, הער שוין אויף מיט דיינע נארישקייטען. מיינסט נאך אלץ אז דו ביזט א קליין מיידעלע. פארגעסט, אז דו ביזט שוין א „יאנג לעידי". וואס גייט שוין אוים מיט יונגעלייט, און דו באנעמסט זיך ווי א אכט־יאריג מיידעלע! — האט איר די מוטער גוטמוטיג פארגעווארפען.

— שור בין איך נאך א קליין מיידעלע, און כ'וועל עס שטענדיג זיין, — האט זיך אסתר נאך מער צוגעטוליעט צו דער מוטער און זי נאך מער געקושט, ווי זי וואלט וועלען ארויסקושען דעם צער און דעם ווייטאג פון דער מאמע'ס עלענטען און איינזאמען לעבען.

— נו, אז דו ווערסט שוין א נאריש מיידעל, וועל איך זיך מוזען מיט דיר צוקריגען, — האט די מוטער צארט אפגעשטויסען איר טעכטערל פון זיך.

אסתר האט ענדליך דער מוטער אפגעלאזען, זיך מיט איר נאכאמאל צוקושט און פארלאזען די הויז.

די מוטער איז געבליבען אליין...

ערשט נאך איר טעכטערל'ס אוועקגיין האט זי אויף אן אמת דערפילט דעם טיפען אומעט און עלענט, וואס האט איר ארומגענומען.

„וואס טוט מען? וואס הויבט מען אן צו טאן? מען קען דאך משוגע ווערען צו זיצען דעם גאנצען טאג אליין אין הויז. ס'איז איצט צען אזייגער אינדערפרי און ווי צו להכעיס אזא שיינער, זוניגער זומער־טאג. א טאג וואס גלוסט זיך צו גיין, פארען, פארברייינגען אויף דער פרייער לופט. ס'איז דאך דער איינציגער טאג אין דער וואך, זונטאג, ווען זי איז פריי. א גאנצע וואך איז זי דאך פארנומען ארבייטענדיג אין שאפ, און דא מיט אמאל גאר אליין," — האט זי מיט ווייטאג געטראכט.

קיינמאל ביז היינט האט זיך אט די פראבלעם פון „אליין זיין" פאר איר ניט אוועקגעשטעלט אזוי שארף און ווייטאגדיג, ווי אט אין דער מינוט נאך איר טעכטערל'ס אוועקגיין. ביז היינט האט זי עס גאר ניט געפילט.

נאך דעם טויט פון איר מאן מיט צען יאר צוריק, האט זי

www.libtool.com.cn


בלויז געוואוסט איין זאַך, אַרבייטן און מאַכן אַ לעבן פאַר זיך מיט איר קינד, וואָס איז דאַמאָלסט אַלט געווען זיבן יאָר. איר מיידעלע, איר טעכטערל, איז געווען איר גאַנץ לעבן. פון קיין אַנדערע פאַרגעניגענס האָט זי ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען. וואָס גייט איר אָן די וועלט מיט אירע פאַרגעניגענס, אַז זי האָט נאָר איין אויפגאַבע: געבען איר קינד די בעסטע ערציאונג. וואָס איז נאָר מעגליך אונטער די אומשטענדען. ווען די מאַמע איז געצוואונגען גאַנצע טעג צו אַרבייטען אין אַ שאַפּ און בלויז אין די אָווענטען זיך אָפּגעבען מיט איר קינד.

אַזוי איז אַוועק צען יאָר.

און ניט צו פאַרזינדיגען. זי האָט זיך ניט צו באַקלאָגען.

אמת, זי אַליין האָט דורך די צען יאָר אַ סך דורכגעמאַכט. די אַרבייט אין שאַפּ האָט פון איר גענוג כחות אַרויסגעצויגען, איר פּנים פאַרעלטערט, אירע האָר פאַרווייסט. דערפאַר אָבער האָט זי אויפגעצויגען אַ טעכטערל, מיט וועלכער זי קען שטאָלצירען: שיין, געראָטען, געלערענט און סתם אַ וואויל קינד, אַ קינד וואָס איז צו איר אַ חבר, פאַרשטייט און פילט מיט דער מאַמע'ס שווערען לעבען און שעצט אָפּ מיט זעלטענער פאַרשטענדעניש דעם גרויסען אָפּפער וואָס זי ברייגנט פאַר איר.

ניט איינמאָל פאַלט איר מיידעלע'ס קאָפּ אַוועק אויף איר, דער מאַמע'ס, שוים און זי וויינט זיך שטאַרק פאַנאַנדער:

— מאַמע טייערע, דו אַרבייטסט אַזוי שווער, ס'טוט מיר ווי פאַר דיר.

באַמיט זי זיך צו שמייכלען פון איר קינד'ס געטריישאַפט און ענטפערט גערירט:

— זיי ניט קיין נאַר, מיין קינד. די אַרבייט פאַלט מיר ניט שווער, ווייל דאָס גיט מיר די מעגליכקייט אונז ביידען אויפצוהאַלטען.

— אָ־יאָ, מאַמע, מיר וועלען שטענדיג זיין צוזאַמען? — פרעגט דאָס טעכטערל זיך טוליענדיג צו דער מוטער.

— געוויס, קינד, — גלעט זי איר מיידעלע איבער די האָר — געוויס. וואָס פאַר אַ פראַגע! ווי קען דאָס דען אַנדערש זיין?

www.libtool.com.cn



און בשעת זי ענטפערט איר אזוי, מיינט זי גאר ניט אנדערש. געווים וועט זי מיט איר מיידעלע שטענדיג זיין צו־זאמען. ווי קען עס גאר אנדערש זיין! אז זי מיט איר טעכטערל זיינען ווי צוויי געטרייע חבר׳טעס. זי, די מאמע, גייט אין ערגעץ ניט אן איר טעכטערל, און איר טעכטערל וויל אין ערגעץ ניט גיין אן דער מאמען, ווען זיי זיינען צוזאמען איז זייביידען פרייליך און זיי פארברייינגען ביידע זייער גוט.

די מוטער האט קיינמאל ניט געפילט עלענט, קיינמאל ניט געווען אליין, ווען זי האט מיט זיך איר טעכטערל.

* * *

איינמאל, ווען דאס מיידעל איז געשטאנען ביים שפיגעל און זיך אזוי פאריכט די האר און די מוטער איז געלעגען אויפ׳ן „קאוטש" און מיט ליבשאפט געקוקט פון דער ווייטענס אויף איר טעכטערל, האט די מוטער מיט אמאל א שטארקען צאפעל געטאן. ווי זי וואלט פלוצלונג ענטדעקט אין איר טעכטערל עפעס וואס זי האט ביז איצט ניט באמערקט.

„איר קינד, איר מיידעלע, איז דאך שוין א גאנצע „יאנג לעידי", — האט זי זיך אי דערפרייט אי ס׳האט איר א קלאפ געטאן אין הארצען...

זי איז דאך שוין זיבעצען יאר אלט.

זיבעצען יאר... שוין צייט איר צו אנטוויינען פון זיך, ווי מען געוואוינט אפ א קינד פון דער מוטער׳ס ברוסט...

אפשר האט זי איר שוין פון לאנג באדארפט פון זיך אפגע־וואוינען... מיט׳ן האלטען איר טעכטערל שטענדיג לעבען זיך טוט זי איר קיין גוטס ניט. דאס פנים איז ביי איר צופיל פאר־זארגט, די אויגען פאר׳צער׳ט און איר גאנצער גאנג עפעס אזוי מיושב׳דיג, ווי ביי א געזעצטען מענשען, ביי וועמען די וועגען פונ׳ם לעבען זיינען שוין קלאר אנגעצייכענט — גארניט קיין מעלה פאר א מיידעל אין איהרע יארען. יוגענט ווייס זי, מוז האבען חברים און געזעלשאפט, אייגנארטיגע פארגעניגענס. זי, איר מוטער, איז פאר איר ניט מער קיין קאמפאניאן. לעבען איך ווערט זי פארעלטערט...

www.libtool.com.cn



זי באַגייט אַז אומרעכט אַנטקעגנען איר קינד אַ גרויסען אומ־רעכט, וואָס זי לאָזט איר אַזוי.

אַזוי האָט די מוטער געקלערט, און אַ געפיל פון פרייד און שרעק האָט איר אַרומגעכאַפּט. פרייד פאַר איר קינד'ס גערעטענער, אויפגעוואַקסענער גרוים־מיידעלשקייט, און שרעק פאַר דעם עלענ־טען און איינזאַמען לעבען, וואָס הויבט זיך איצט אַן פאַר איר...

* * *

זייט דאַן האָט די מוטער אָנגעהויבען איר טעכטערל אָפּצו־געוואוינען פון זיך:

— פאַרוואָס זיצסטו, ווי אַ בעיבי, שטענדיג ביי דער מאַמע'ס פאַרטוך ? פאַרוואָס גייסטו ניט אוים מיט חברים, מיט חבר'טעס, ווי אַלע גרויסע מיידלאַך,—פלעגט זי די מוטער „טרייבען" פון זיך..

— ווייל איך וויל זיין מיט דיר !... — פלעגט דאָס מיידעל ענטפערען לאַכענדיג, צולויפענדיג צו דער מוטער איר אַרומ־כאַפּענדיג מיטביידע הענט אַרום האַלז.

— אָבער דו ביזט שוין ניט מער קיין קינד, ביזט שוין אַ גרויסע מויד. גיי זוך דיר דיין געליבטען, — פלעגט די מוטער פּראָ־טעסטירען און זיך רייסען פון איר.

— איך בין נאָך יאָ אַ קינד, דיין מיידעלע... פלעגט דאָס טעכטערל ניט וועלען אָפּטרעטען פון דער מוטער, און אין אירע אויגען פלעגנען אַ פינקעל טאָן טרערען...

* * *

דעם גאַנצען זונטאַגדיגען טאָג איז די מוטער געווען אַליין. זיך שרעקליך געלאַנגווייליגט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך..

אַ פּאָר מאָל האָט זי פּרובירט אַרויסגיין אין גאַס נעמען אַ שפּאַציר. זי האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעקערט. שפּאַצירענדיג אַליין אַז איר טעכטערל האָט זי געהאַט דאָס געפיל, ווי אַרום איר וואָלט עפּעס ליידיג געוואָרען, ווי מען וואָלט ביי איר אַרונטער־גענומען אַ האַנט...

אַריינקומענדיג צוריק אין הויז, האָט זי געפּרואווט זיך אַביסעל צולייגען. זי איז אָבער גלייך צוריק אויפגעשטאַנען, אפילו ניט געהאַט קיין געדולד צו טאָן עפּעס אַ הויז־אַרבייט. פון לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

www.libtool.com.cn


ס׳איז געווען דאס ערשטע מאָל, וואָס איר טעכטערל איז היינט אויסגעגאַנגען אַן איר, און ס׳ערשטע מאָל איז איר היינט אויסגעקומען צו בלייבען אַליין אין הויז. איר ניי לעבען, וואָס זי האט איצט באַדאַרפט אָנהויבען צו פירען, איז נאָך ניט געווען איינגעאָרדענט. זי האט זיך גאָר ביז איצט וועגען דעם ניט פאַרטראַכט...

איז איר געווען שרעקליך אומעטיג און טרויעריג אויפ׳ן האַרצען. דער עלענט און די איינזאַמקייט האט איר אַ גאַנצען טאָג אויף אַ מינוט ניט אָפּגעלאָזען, געדריקט שווער אויף איר געמיט און געצויגען אַן אַ שיר טרערען פון אירע אויגען...

ערשט אין אָווענט, ווען זי האט זיך געריכט, אַז איר טעכ־טערל באַדאַרף שוין באַלד אָנקומען, האט זי זיך גוט אַרומגע־וואַשען זיך פאַרפּוצט, אָוועקגעשטעלט פרוכט אויפ׳ן טיש, דאָ און דאָרט אָוועקגעלייגט אַ צושניטענעם האַלבען עפּעל, אַן אַרענדזש, אָנגעגאָסען צוביסלעך טיי אין די גלעזער, צוגעריכט אַלץ אַזוי, אַז ס׳זאָל אויסווייזען, אַז ס׳איז דאָ געווען קאָמפּאַניע און מ׳איז נאָר־וואָס אָוועקגעגאַנגען....

ווען דאָס טעכטערל איז אַריינגעקומען, האט זי געטראָפען דער מוטער שטיין אַ פאַרפּוצטע אַפּראַמענדיג פון טיש. ס׳מיידעל איז געווען בלאַס און צוטראָגען. זי איז אַריינגעפאַלען אין הויז קוים אַ לעבעדיגע.

ניט אויסריידענדיג אַ וואָרט איז זי צוגעפאַלען צו דער מוטער און זיך שטאַרק צואווינט.

— וואָס איז מיט דיר, קינד? וואָס איז געשען? — האט די מוטער איר אַרומגעכאַפּט אַ דערשראָקענע.

— גאָרניט, מאַמע, כ׳האָב ניט געקענט... פאַרשטייסט. מאַמע, כ׳האָב דעם גאַנצען טאָג געטראַכט וועגען דיר... כ׳האָב געמיינט אַז דו ביזט אַליין... — האט זי ניט אויפגעהערט צו שלוכצען.

— ביזטו דאָך טאַקע, מיין קינד, אַ נאַריש מיידעל! — האט די מוטער אויף איר אָנגעשריען — וואָס הייסט איך בין געווען אַליין? זעסט דאָך אַז דאָ איז געווען קאָמפּאַניע, אַ סך קאָמפּאַניע!

www.libtool.com.cn



מען האט גענעסען, געטרונקען, פארבראכט... כא־כא־כא! ס'געהערט אז איינמאל פון א קינד? אליין גאר! — האט די מוטער זיך שטארק און הויך צולאכט, ווי זי וואלט געוואלט ארויסלאכען פון זיך איר גאנצען וויי און פיין פאר'ן גאנצען טאג...

זי האט מיט אמאל אויפגעהערט לאכען, ווי זי וואלט זיך געכאפט, אז איר געלעכטער קען זיך נאך אמאל פארוואנדלען אין א געוויין, און אנעמענדיג איר טעכטערל פאר די הענט האט זי א זאג געטאן:

און איצט, אסתר'ל, וועסטו עפעס עסען, ביזט דאך אודאי שטארק הונגעריג און נאכדעם וועסטו מיר דערציילען ווי דו האסט היינט פארבראכט. א־יא, קינד?

— גוט, מאמע! — האט דאס טעכטערל אפגעענטפערט א פרייליכע און בארואיגטע.

און מאמע און טאכטער האבען זיך אוועקגעזעצט צום טיש. זיי האבען געגעסען און אסתר'ל האט פאר דער מאמען דערציילט ווי גוט זי האט פארבראכט דעם גאנצען טאג...

www.libtool.com.cn

# זוכענדיגע

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# פאָטער און קינד

א דין, בלאַס צוועלף־יאָריגע מיידעלע, מיט קלוגע פארקלערטע קינדערשע אויגעלעך. א בלאָנדע און חנ׳עווּדיגע, מיט זומער־שפּרענקעלעך, וואָס האָט צוגעגעבען איר בלאַס פּנים׳ל נאָך מער חן, איז געזעסען אויף א באַנק, וואָס פירט צום אריינגאַנג אין פּאַרק און מיט שטומער פארקלערטקייט געקוקט צו איין און דעם זעלבען פּונקט, ווי זי וואָלט אימיצען דאָרט ערוואַרטעט.

עס איז געווען אַרום זיבען פארנאַכט, אָבער די זון האָט נאָך אַלץ געגאָסען מיט טאָגיגער ליכטיגקייט. עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז אין א שעה אָדער א שעה און האַלב אַרום, וועט שוין ניט זיין קיין סימן פון טאָג.

אנטקעגען אין פּאַרק אויפ׳ן גראָז האָבען זיך קינדערלאַך געשפּילט און געשטיפט. קינדערשע קולות האָבען אָפּגעקלונגען און אַרויסגעזונגען די קינדערשע גליקען און פרייד.

דאָס מיידעלע, וואָס האָט נאָך אַליין אויסגעוויזען ווי א קינד, האָט זיך אָבער צו אַט די אַלע קינדערשע שפּילערייען און שטיפע־רייען ניט צוגעקוקט. זי איז געזעסען פארטיפט אין זיך, און מיט זיך, גלייך ווי די קינדערשע וועלט וואָלט איר ניט אָנגעגאַנגען. ווי זי וואָלט קיינמאָל ניט געשטיפט און געלאַכט מיט קינדערשען הארציגען געלעכטער.

א טרויער, א גרויס־מענשישער, א טיף־פילענדער, האָט פארנעבעלט דאָס קינדערשע פּנים, ניט דערלאָזט דורכרייסען זיך קיין שמייכעלע...

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט צום זעלבען פּונקט. און ווען זי האָט געזען, אַז די זון הויבט שוין אָן צו פארגיין, איז זי געוואָרען אומרואיג... אָנגעהויבען קוקען אויפ׳ן קליין זייגעריל, וואָס איז

www.libtool.com.cn



געוועז ארומגעבונדען ארום איר דין הענטעל. טרערען האבען זיך איר געשטעלט אין די אויגען.

נאר אט האט זי דערזען אנקומען דעם, אויף וועמען זי האט געווארט. און זי איז מיט אמאל לעבעדיג געווארען. אירע אויגעלעך האבען אויפגעלויכטען, איר קינדערשע הארץ האט זיך אנגעהויבען האסטיג צו באוועגען... מיט פרייד איז זי אים אנטקעגען געלאפען, אנגעכאפט פאר די הענט:

— פאפא!

— קינד מיינס!

דער פאטער, וואס האט אויסגעוויזען צו זיין אלט א יאר עטליכע און דרייסיג, מיט אן אינטעליגענטען און אויסגעליטענעם פנים, א פארארבייטער, און א פארשמייעטער, האט דאס טעכטערל ארומגענומען, איר געקושט און געגלעט איבער די האר.

פאטער און קינד האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק.

— נו, האסט זיך היינט פארשפעטיגט, פאפא! — האט דאס קינד געזאגט, ווי מיט א פארוואורף.

— ניט מיין שולד, טעכטערל — האט זיך דער פאטער פארענטפערט — ווייסט דאך, שטענדיג קום איך צו דער מינוט. היינט האב איך ניט געקענט.

— פאר וואס ניט היינט? — האט דאס טעכטערל זיך נאך אלץ גע'ברוגז'ט.

— היינט האב איך געארבייט אווערטיים. פארשטייסט, מיין קינד, די אויסגאבען ווערען גרעסער, מוז מען שווערער ארבייטען. כדי מען זאל האבען פון וואנען צו נעמען.

— פאר וואס עפעס ווערען גרעסער די אויסגאבען? — האט דאס קינד ניט געקענט פארשטיין.

— פארשטייסטו, קינד, „דיין" מאמע האט מיר געשיקט א בריוועל, וואו זי ערקלערט מיר, אז זי קען מיט פופצען דאלאר א וואך ניט אויסקומען, דו ביזט שוין, שרייבט זי א גרויס מיידעל, בארארפסט שוין האבען יעדען מאל א נייע דרעס, ביזט דאך שוין עפעס א ליידי! — האט דער פאטער מיט שטאלץ ארויסגערעדט צום קינד. — און איר דערלאנגט דער מאמעס בריוף.

www.libtool.com.cn


דאָס טעכטערל איז דורכגעלאָפען מיט די אויגלאַך דעם בריף און געשוויגען...

— נו, איצט זעסטו שוין, קינד, אַז מען דאַרף שווער אַרבײַטען? — האָט דער פֿאָטער ווייטער גערעדט — וויפֿיל, אַ שטיינער, פֿאַרדינ איך דען אין גאַנצען שוין אַפּילו מיט די אָווערטיים? דיין מאַמע וויל אָבער פֿון דעם ניט וויסען. גלייך ווי איך וואָלט געהאַט און וויל ניט געבען מער... גלייך ווי איך אַליין וואָלט ניט באַדאַרפֿט לעבען... און וואָס איז מכח די שיכלעך, וואָס איך קויף דיר יעדען מאָל, וואָס דאָס קומט ניט אַריין אין רעכענונג?.. און אַנדערע זאַכען וואָס איך קויף פֿאַר דיר?... דאָס, זאָגט זי, איז ביי איר גאָרניט... אמת, זי זאָגט אַזוי?...

— זי זאָגט ניט!—האָט זיך דאָס טעכטערל אַ בייזער געטאָן.

— און אַז דו זאָלסט ניט גיין מיך זען, זאָגט זי אפשר אויך ניט? מיינסט אַז איך וויים ניט, אַז זי לאָזט דיך ניט גיין מיך זען? רעדט אָן אויף מיר פֿאַר דיר... וויל איינפֿלאַנצען אַ האָס אין דיין יונג הערצעלע צו דיין פֿאָטער... וואַרפֿט אַרויף די גאַנצע שולד אויף מיר... איך בין, הייסט עס, דער גאַנצער שולדיגער, און זי איז דאָס די גוטע, די וואוילע, די פֿיינע...

— פּאַפּאַ, רעד ניט אַזוי! — האָט זיך דאָס קינד געבעטען.

— פֿאַר וואָס זאָל איך ניט ריידען אַזוי?... פֿאַרוואָס זוכט זי דיר פֿון מיר צו דערווייטערען... אָוועקרייסען פֿון מיר די איינציגע טרייסט, וואָס איז מיר פֿאַרבליבען אין מיין עלענטען לעבען? באַשער דו ביזט אַ פֿאַרשטענדיג קינד, הערסטו זיך צו איר ניט צו. פֿאַרשטייסטו, אַז זי איז ניט די גאַנצע גערעכטע און איך דער גאַנצער אומגערעכטער... אָבער, ווען דו וואָלסט געווען ניט אַזאַ קלוג קינד, וואָלט איך דיר שוין לאַנג פֿאַרלאָרען... ווייל וואָס ווייסט אַ קינד דעם אמת? מ'זאָגט ס'איז אַזוי איז אַזוי...

— די מאַמע זאָגט מיר גאָרניט!...

— יאָ, פֿאַרוואָס האָט דיר די מאַמע אַ פּאָר מאָל פֿאַרהאַלטען און ניט געלאָזט גיין מיך זען?... איך בין דאַמאָלסט שיר משוגע געוואָרען פֿון האַרץ־ווייטאָג... עפּעס אַ קלייניגקייט, ניט זען מיין שיין און קלוג טעכטערל! ווען האָב איך אויף דער וועלט

www.libtool.com.cn



א חוץ דיר ?... ביזט דען א קינד? ביזט דאך א גרויסער מענש... מ'קען מיט דיר ריידען ווי מיט א חבר... וועסט מיר גלויבען, מיין קינד, אז עס גייען אוועק טעג מיט נעכט, וואס איך רעד מיט קיינעם ניט א ווארט... איך בין אזוי ווי שטום... ניט איך וויל ריידען און ניט איך האב מיט וועמען צו ריידען. איז ווען איך דערזע דיר, ווערט מיר ליכטיג אין די אויגען... איך רייד פאר דיר אוים מיין הארץ, ווי פאר מיינס א גלייכען... ווען דו וואלסט וויסען, קינד, ווי איך פיל...

דער פאטער איז אנטשוויגען געווארען און געבליבען זיצען פארטראכט...

דאס גאנצע לעבען, די הייראט, און נאכדעם דאס צוגיין זיך. האבען זיך ווי שנעל־לויפענדע בילדער פארבייגעטראגען דורך זיין געדאנק.

אט איז ארויסגעשוואומען איין בילד, אט א צווייטע... קיין קלארקייט אין דעם בילד האט ער אבער ניט געזען... בילדער אפגעהאקטע, פארטונקעלטע און פארפלאנטערטע, ווי דאס גאנצע לעבען זיינס איז געווען פארפלאנטערט... און פלאנטערענדיג זיך האט ער זיך ארייגעפלאנטערט אין זיין אומגליקליכע הייראט... און קיין גליק אין לעבען האט ער נאך קיינמאל ניט געהאט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס קינד איז געזעסען א שטילע, א פארטראכטע... פון וואס קען אזא קינד טראכטען? געוויס פון דעם, אז זי איז דאך דא גארניט שולדיג... וואס גייען איר אן אלע חשבונות פון די גרויסע... פון פאטער מיט דער מוטער.. אבי איר איז גיט גוט.. איר היים איז צושטערט, איר קינדערשע פרייד איז פאר'סמ'ט... זי איז א לעבעדיגע יתומה... — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט אומעטיגע אויגעלעך האט זי געקוקט אויפ'ן פאטער... באמערקט די טיפע קנייטשען וואס האבען זיך אוועקגעלייגט אויף זיין פנים... דעם אומעט, דעם טרויער ארום זיינע אויגען... געהערט זיינע שטילע זיפצען....

איר קאפ איז פלוצלונג אוועקגעפאלען אויפ'ן פאטער'ס ברוסט

www.libtool.com.cn


אירע קליינע קינדערשע אקסלען האבען געצוקט, זיך געוואָרפען. ווי אין קאַנוואולסיע... אירע אויגען זיינען געווען אריינגעגראַבען אין פּאַטער׳ס קליידער... אַ פּאַרשטיקטער שלוכצען האָט זיך געריסען און זיך דורכגעטראָגען צום פּאַטער׳ס אויערען...

דער פּאַטער האָט איר געהאַלטען ארומגענומען, שטום אַז ווערטער איר געגלעט און בארואיגט... געקושט אירע האָר, אירע הענטלעך, איר אָפּגעגעבען די גאַנצע צערטליכקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען אין זיין פאַרבענקטער פּאַטער־האַרץ...

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז דאָס קינד האָט זיך בארואיגט.

אויסגעווישט די אויגעלעך, איז דאָס קינד פרייליכער געוואָרען... אָנגעהויבען צו ריידען גאָר אַנדערע זאַכען... אים דערציילט, ווי זי לעבט און פאַרברייינגט די צייט. ווי די מאַמע האָט איר געמאַכט אַ נייע ווייסע דרעס צו איר „גראַדואיישאַן" און ווי שיין די דרעס האָט אויף איר אויסגעזען.. און אַז נעקסטע וואָך גייט זי צו אירע אַ חבר׳טע אויף אַ „פּאַרטי", האָט זי שוין אָבער פאַרגעסען באַלד צו שפּילען אויף דער פּיאַנאָ, ווייל זי האָט שוין לאַנג קיין לעסאַנס ניט גענומען...

— טאַ פאַרוואָס נעמסטו טאַקע ניט קיין לעסאַנס ? — האָט זיך דער פּאַטער אָנגעכאַפּט — כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נעמען פּיאַנאָ לעסאַנס און איך וועל צאָלען פאַר די לעסאַנס.

— מען דאַרף ניט ! — האָט דאָס קינד מיט געפיל ארויס־גערעדט — האָסט דאָך ניט צו באַצאָלען !

— ס׳איז אַלרייט ! נעם לעסאַנס, זאָג איך דיר, ס׳וועט שוין זיין ! וועט מען ארבייטען נאָך אַ שטונדע אָווערטיים. פאַר דיר איז מיר קיין זאַך ניט שווער ! — האָט דער פּאַטער באַפעלעריש ארויסגערעדט.

— גוט, איך וועל שוין נעמען ! — איז דאָס טעכטערל געווען צופרידען.

ס׳איז שוין געווען פינסטער.

פאַרלעך האָבען פאַרבייגעשלייכט אהין און צוריק, געפירט צווישען זיך הארציגע געשפּרעכען, זיך געקוקט איינע די אַנדערע

www.libtool.com.cn



אין די אוינגען און גאָר אַנגעקוואָלען פון גאָט'ס וועלט, וואו אַפּילו אין דער פינסטערניש זיינען דאָ אַזוי פיל ליכטיגע מינוטען...

ביים שיין פון עלעקטרישען ליכט, וואָס איז געפאַלען אויף דער באַנק, וואו פּאַטער און קינד זיינען געזעסען, האָט עס אויס־געוויזען ווי אַ פּאָר געליבטע וואָלטען געזעסען צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע...

— איך דאַרף שוין גיין אַהיים! — האָט זיך דאָס קינד פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן — די מאַמע וועט ניט וויסען וואָס איבערצוקלערען.

פּאַטער און קינד האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און געשלאָסען האַנט אין האַנט זיינען זיי מיט אַ פריילּיכען און באַלעבטען געמיט אַוועק איבער'ן ברייטען וועג, וואָס פירט צו איר הויז...

www.libtool.com.cn

## זיין פרוי׳ס שוועסטער

גרינשפאן איז געשטאנען ביים שיף און מיט אומגעדולד ערווארטעט זיין שוועגערין אסתר, וועלכע האט באדארפט אנקומען פון דער אלטער היים.

ער איז געווען אנגעטאן אין זיינע בעסטע קליידער, ארומגעוואשען און אפגערעזירט, וואס האט אים געמאכט אויסזען פיל יינגער ווי ער איז אין אמת׳ן געווען.

ער האט געקוקט אין דער אומענדליכער ים־ווייטקייט און געטראכט וועגען דעם, ווי איבעראשט זיין שוועגערין וועט ווערען פון זיין איצטיגען אויסזען און שטאנד. ס׳וועט זיך איר גארניט וועלען גלויבען, אז דאס איז ער, דער זעלבער, וועמען זי האט געקענט פינף־און־צוואנציג יאר צוריק, דעמאלסט ווען ער איז אראפגעקומען זען איר שוועסטער חנה, מיט וועלכער מען האט אים דאן גערעדט א שידוך.

ער איז דאן אלט געווען פיר־און־צוואנציג יאר, א מאגערער, מיט אן אפגעצערט פנים, א שעמעוודיגער, און ניט־זיכערער... האט אויסגעוויזען ארים און דערשלאגען.

חנה, וועלכע איז שפעטער געווארען זיין פרוי, איז געווען ניט קיין איבעריגע שיינהייט, כאטש א גוטע און א וואוילע. פארליבט אבער איז ער אין איר ניט געווען. ליב געקראגען האט ער דאמאלסט גאר איר שוועסטער. ער האט עס אבער קיינמאל אויף זיינע ליפען ניט ארויפגעבראכט, ווייל ער האט גוט געוואוסט, אז ער וועט זיך נאר נאריש מאכען, ער וועט אסתר׳ן ניט קריגען.

אסתר איז געווען א שיין יונג מיידעל, א פריילינכע, מיט א גוטען מזל. אלע אין הויז האבען איר ליב געהאט, זי האט עס געוואוסט, און האט פון זיך שטארק געהאלטען. די שענסטע, די רייכסטע יונגעלייט האבען זיך צו איר געשדכנ׳ט.

www.libtool.com.cn


חתונה געהאט האט זי מיט א רייכען געשעפטסמאן, געוואוינט און געלעבט אויף א רייכען שטייגער, פון זיך געבלאזען, און מיט אים, גרינשפאנ׳ען, וואס האט נאך דער חתונה מיט איר שוועסטער געלעבט זייער ארים, זיך געהאלטען פון דער ווייטען.

אפמוטשענדיג זיך א פאר יאר און ניט זעענדיג פאר זיך קיין בעסערע צוקונפט, האט ער ווי־עס־איז צונויפגעקליבען אויף הוצאות און מיט זיין פרוי אוועקגעפארען קיין אמעריקע.

אויף די פיר־און־צוואנציג יאר וואס ער איז אין אמעריקע האט ער זיך ניט צו באקלאגען. ער האט זיך דא גאנץ פיין ארויפגעארבייט, איז רייך, האט דריי פיינע קינדער, פון וועלכע איין טאכטער האט שוין חתונה געהאט. ווען עס וואלט אים נאר ניט געטראפען דער אומגליק מיט זיין פרוי, וואלט אים שוין געווען גאר גוט.

זיין פרוי׳ס טויט איז פאר אים געווען אז אמת׳ער אומגליק. ער איז טאקע ניט געווען אין איר פארליבט, זי איז אבער געווען א גוטע פרוי צו אים און א געטרייע מאמע צו די קינדער און זי האט זיי איצט אלעמען אויסגעפיילט.

נאר אט האט ער פלוצלונג דערהאלטען א בריף פון זיין שוועגעריז, אין וועלכען זי שרייבט אים, אז זי איז דורך דער מלחמה רואינירט געווארען, איר מאן איז פון הארץ־ווייטאג גע־שטארבען, זי איז געבליבען אז א היים און האט ניט פון וואנען א טאג איבערצולעבען. קיין קינדער האט זי מיט אים ניט געהאט און זי איז עלענט ווי א שטיין.

זי גיט צו, אז זי האט אים פון איר אומגליק ניט געוואלט שרייבען, און בעטען שטיצע אודאי ניט, ווייל זי האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען פון זיי פרעמד, זיך אפילו ניט דורכגע־שריבען, איצט אבער האט זי ערגעץ אויסגעפונען זיין אדרעס און שרייבט אים, ווייל זי האט קיין אנדער ברירה ניט... דאס איבע־ריגע לאזט זי צו אים...

איר בריף, כאטש מיט א ווענדונג נאך שטיצע, איז געווען געשריבען אין דעם שטאלצען, אנגעצויגענעם טאן פון איינער, וואס איז נאך אלץ ניט געפאלען ביי זיך, און וואלט זי זיך געקענט

www.libtool.com.cn


העלפען וואָלט זי צו אים, דעם היימישען שנאָרער, ניט געשריבען...

ער האָט געלעזען איר בריף און עפּעס אַן אומבאַוואוסטע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט. אַ פרייד ניט פון נקמה־געפיל, נאָר פון אַ געפיל וואָס איז יאָרען־לאַנג געלעגען באַהאַלטען טיף ביי אים אין האַרצען וועלכען ער האָט ביז איצט גאָר מורא געהאַט אפילו אַנצורירען — אַ געפיל פון לאַנג געגאַרטער ליבע צו איר.

איצט איז אָט דער געפיל אַרויסגעשפּרונגען פון'ם באַהעל־טעניש ווי אַ געפאַנגענער וואָס איז יאָרען־לאַנג פאַרשפּאַרט געווען אין תפיסה, אַ לויכט געטאָן פאַר אים אין העלע זונען קאָלירען. זיך צוטאַנצט און צוזונגען מיט דעם געזאַנג פון הונדערטער פויגעלאַך ביים אַנקומען פון'ם פרילינג.

פרילינג איז מיט אַמאָל געוואָרען אין זיין האַרץ: אין'ם האַרץ, וועלכע האָט שוין איבערגעלעבט באַלד פופציג פרילינגען. זומערען און הערבסטען; דער ווינטער איז שוין לעבען אים גע־שטאַנען גרייט מיט זיין אַנגסטליכער גרויקייט.

ער האָט זיך מיט אַמאָל ווידער דערפילט יונג, און ס'איז פאַרשוואונדען די מחיצה פון פינף־און־צוואַנציג יאָר, ווען זיין ערשטער בליק איז געפאַלען אויף דער שטאָלצער, שיינער אסתר, ביז איצט.

איצט איז ער ווידער יונג, און ווידער איז זיין האַרץ אַרומ־געכאַפּט געוואָרען מיט דעם אַלט־יונגען פאַרלאַנג — מיט ליבע צו זיין שוועגערין.

* * *

נאָך אַ קורצער דורכוועקסלונג פון בריף איז באַשטימט געוואָרען זי זאָל אַריבערקומען צו אים אין אַמעריקע, וואו זיי וועלען חתונה האָבען און זי וועט פאַרנעמען איר שוועסטער'ס פּלאַץ אַלס מוטער פון אירע קינדער.

---

די שיף איז שוין געווען ניט ווייט פון'ם ברעג.

ווי אַ ים־פויגעל האָט זי זיך געטראָגען איבער דער ווייטער וואַסער־פלאַך, זיך געהויבען אַרויף און אַראָפּ איבער די שוימיגע ים־כוואַליעס.

www.libtool.com.cn



אסתר איז געשטאנען ביים פארענץ פונ'ם דעק אן אומעטיגע, א פארזארגטע, געטראכט וועגען דעם וואס זי, די אמאליגע רייכע, שיינע אסתר, וועט זיך באלד טרעפען מיט איר שלים־מזל'דיגען שוואגער, מיט וועמען אומשטענדען צווינגען איר צו הייראטען. און זי האט מיט גרוים אנגסט ערווארטעט די מינוט פון זייער באגעגעניש. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די שיף איז צוגעקומען צום ברעג.

גרינשפאנ'ם יעדער נערוו איז געווען אנגעצויגען. א ניי לעבען האט צו אים ארונטערגעוואונקען פון שיף, א באנייט לעבען מיט דער, נאך וועמען ער האט אלע יארען אין דער שטיל געבענקט.

יעדער מינוט האט אים אויסגעוויזען א יאר, ער האט זיך ניט געקענט דערווארטען ביז די פאסאזשירען וועלען ארונטער־קומען. ער האט זיך דורכגעשטופט דורכ'ן עולם נאענט צום שיף, און דורך זיינע פארגרעסערונגס־גלעזער גענומען ארויפקוקען צום דעק, געזוכט דעם שיינעם פנים פון זיין באליבטער אסתר.

די פאסאזשירען פון צווייטען קלאס האבען איינע נאך די אנדערע פארלאזען די שיף, אויפגעזוכט די נאענטע און ליבע, וועלכע האבען געווארט אויף זיי, געפאלען איינע די אנדערע אויף די העלזער, געקושט, געהאלזט.

גרינשפאן איז ווי א ווילדער ארומגעלאפען צווישען עולם. געזוכט דא, דארט, ער האט אבער אסתר'ן אין ערגעץ ניט באמערקט. ביסלעכווייז זיינען אלע זיך צוגאנגען און ער, א פארצווייפעלטער, איז געבליבען שטיין אליין. אומעטיג און ענטוישט, טראכטענדיג אז עפעם האט מיט זיין שוועגערין פאסירט. מעגליך, אז זי איז אפשר צוליב אירגענד וועלכע אורזאכע פאר־האלטען געווארען אויף יענער זייט ים.

מיט אמאל האט ער באמערקט ווי אן עלטערע, שווערע, פולע אידענע שארט זיך צו אים, שלעפענדיג אין אירע הענט א גרויסען טשעמאדאן. צוקומענדיג צו אים איז זי שטיין געבליבען און עפעס געוואלט פרעגען, אבער אזוי שנעל ווי זי האט אויף אים א קוק געטאן, האט זי ווי ניט מיט איר שטימע אויסגערופען:

www.libtool.com.cn



„שלמה, ס'איז דאָך שלמה! און איך האָב זיך אַרומגעדרייט און דיך געזוכט“.

זי איז געווען אַנגענעם איבעראַשט צו דערזען גאָר אַן אַנדער שלמה'ן, ווי זי האָט זיך די גאַנצע צייט פאָרגעשטעלט. אַ שיינער, פאַרהעלטניסמעסיג יונגער, רייך־געקליידעטער מאַן איז געשטאַנען פאַר איר.

אַ געפיל פון פרייד האָט איר אַרומגעכאַפּט.

— נו, וואָס שטייסטו, שלמה, אַזוי שטיל? פאַרוואָס זאָגסטו גאָרנישט? פרייסטו זיך גאָרנישט מיט דיין גאַסט? — האָט אסתר ענטווישט פון איר שוואָגער'ס קאַלטער אויפנאַמע געפרעגט.

גרינשפּאַן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי אַ פּאַראַליזירטער איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף דער פרעמדער אַלטער אידענע, וואָס רופט אים „שלמה“ און געפילט אַ ווידערגעפיל אין אַלע זיינע גלידער.

„איז דאָס די אסתר, וועלכע איך האָב אַלע מיינע יאָרען געליבט?“ האָט ער מיט ווייי געטראַכט און געפילט ווי אַ חלום, אפשר דער זיסטער חלום פון זיין לעבען איז פאַר אים פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבען.

דער פרילינג אין זיין האַרצען איז מיט אַמאָל פאַרגאַנגען.

www.libtool.com.cn

# נאָכ'ן גט

ס'איז געווען אין אַ אָווענט נאָכדעם ווי אייבראַם האָט באַקומען אַ געזעצליכע שיידונג פון זיין פרוי.

מיט'ן גט אין קעשענע האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסען פון דער גרויסער, קאָכעדיגער שטאָט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך: געטראַכט וואו און צו וועמען אַריינצו־ניין פאַרברייננגען דעם אָווענט.

ערשט ניט לאַנג האָט ער נאָך געהאַט אַ היים וואו צו קומען. אָפּילו ניט אַזאַ זיסע היים, אָבער פאָרט אַ היים מיט איינגעאָרדענ־טער און איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט. איצט איז ער עפּעס געבליבען הייגען אין דערלופּטען.

אמת, ער איז באַפרייט געוואָרען פון זיין אומגליקליך פאַ־מיליען־לעבען, וואָס איז פינף יאָר אויף אים געלעגען ווי אַ באַרג און אים שווער געדריקט. אודאי איז ניטאָ נאָך וואָס צו בענקען, טרויערען. אָבער פרייען זיך איז ניטאָ מיט וואָס. זיין לעבען איז סיי ווי איבערגעריסען געוואָרען.

איז אים עפּעס ניט זיס, ניט ביטער, נאָר סתם קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען. אין אַזעלכע מינוטען איז דער בעסטער מיטעל זיך צו פאַרטומלען, פאַר'שיכור'ן... אָבער מיט וואָס, אַז קיין טרינקער איז ער ניט, און קיין קאָרטען שפּילער אויך ניט. און אַריינגיין פאַרברייננגען צו זיינע נעכטיגע הויז־פריינט קען ער אונטער די אומשטענדען אויך ניט, — עס וועט זיך אָנהויבען אַ סדרה מיט פראַגען, וואָס ניט ער וויל, ניט ער קאָן פאַרענטפערען...

ער האָט שוין געהאַלטען אין אַריינגיין אין אַ מואַווי־טעאַטער, ווי ער טוט עס די לעצטע צייט, ווען ער געפינט זיך אין אַ גע־פּרעסטען געמיטס־צושטאַנד. איז אים איינגעפאַלען ער זאָל אפשר גאָר אַריבערפאָרען צו פאַניע'ן, זיינע אַ גוטע באַקאַנטע פון אַמאָל. ער איז שוין טאַקע ביי איר לאַנג ניט געווען. — — —

www.libtool.com.cn




פאניע איז א יונגע און שיינע ווייבעל, וועלכע האט זיך געזעגנט מיט איר מאן, ווייל זי האט א קורצע צייט נאך דער חתונה זיך דערוואוסט, אז איר מאן איז איר אומטריי. זייט דאן האט זי אלע מענער געהאסט . . . ניט געהאט צו זיי מער קיין ברעקעל צוטרויען . . . אויב א מאן האט געקאנט פאלש זיין צו איר, אזא יונגע און שיינע, מעגען זיי אלע גיין צום טייפעל!

זי איז אבער ניט געווען פון די פרויען, וועלכע קענען זיך איינגאנצען אפזאגען פון מענער געזעלשאפט, אפילו ווען זי זאל וועלען. ס'איז אודאי שלעכט מיט זיי, ס'איז אבער נאך ערגער אן זיי.

האט פאניע ביי זיך אפגעמאכט, אז זי וועט זיך שוין מיט זיי, איבערהויפט מיט די פארהייראטע מענער, אפרעכענען אויף איהר אייגענעם פרויען־שטייגער.

מיט אלע אירע פרויען־מיטלען האט זי זיי געזוכט ארייננצוציען אין איר נאענטקייט, ברייגנען זיי צו א שטופע ווען זיי זיינען געלעגען ליידענשאפטליכע ביי אירע פיס. דאן, מיט א גאליק גע־לעכטערעל זיי אפשטויסען, אויסרופענדיג מיט טריאומף:

— גייט, איר זייט ניט בעסער איינער פאר'ן אנדערען! ס'איז ניטא קיין איין רעכטער מאן צווישען אייך! אלע, אלע, זייט איר פאררעטער צו אייערע אייגענע פרויען! . . .

און ס'איז איר ניט אנגעקומען שווער די מענער צו פאר־נארען. זייענדיג יונג, שיין, פול מיט ליידענשאפטליכען גלי און אימפעט, האט זי זיי לייכט געקאנט פארפירען. ניט איין פא־מיליען־טראגעדיע האט זיך צוליב איר אפגעשפילט.

דער איינציגער, וועמען עס איז איר ביז היינט ניט געלונגען ארייננצוציען אין איר טייפעלשען שפיל, איז געווען אייבראם, וועמען זי האט נאך אלס מיידעל שטארק ליב געהאט און געדענקט, אז זיי וועלען הייראטען. געהייראט האט ער אבער מיט אן אנ־דערע, פארדריסט עס איר טאקע ביז היינטיגען טאג.

די ערשטע פאר יאר, וואס אייבראם איז געווען פארהייראט, האט זי אים אפילו קיין איינמאל ניט געזען: ווי ער וואלט איר מיט א כיון אויסגעמידן. נאכדעם האט זי זיך יא מיט אים א

www.libtool.com.cn


פּאָר מאָל באַגעגענט, מיט אים גערעדט, אים אַפּילו איינגעלאַדען צו קומען צו איר אין הויז אַריין. ער איז אָבער קיין איינמאָל ניט געקומען.

ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט זי אים צופעליג באַגעגנט און אים ווידער אַמאָל איינגעלאַדען צו קומען צו איר אין הויז. דאָס מאָל איז ער דווקא יאָ געקומען, אָבער . . .

ער איז אָפּגעזעסען שטונדען לאַנג, גערעדט, געלאַכט, אָבער ניט פון'ם אָרט . . . זי האָט אַנגעווענדעט אַלע אירע מיטלען אים צו פאַר'שיכור'ען, צוברענגען אין אים די ליידענשאַפט; געוועזן גרייט זיך אַפּילו אים איבערצוגעבען, נאָר ער זאָל זיך פאַרלירען. אויפהערען צו זיין דער געטרייער פאַמיליען־מאַן . . . אירע אַלע אַנשטריינגונגען האָבען אָבער ניט געהאָלפען — ער איז געבליבען זיצען אַ רואיגער, טרינקענדיג זיין טיי מיט צובייסען.

אוועקגעגאַנגען איז ער מיט דער זעלבער רואיגקייט און פיינער באַנעמונג, ווי ער איז געקומען, איבערלאָזענדיג איר אַן אומבאַפרידיגטע, אַ צורייצטע.

אודאי האָט זי אים דאַן געהאַסט, באַוואונדערענדיג צו דער זעלביגער צייט זיין שטאַרקייט, זיין וואונדערבאַרען קאָנטראָל איבער זיך, און זי האָט זיך עס בלויז געקענט ערקלערען מיט דעם, אַז ער מוז אין זיין פרוי זיין שטאַרק פאַרליבט און ער וויל איר ניט ווערען אומטריי . . . און דאָס האָט איר שטאַרק געערגערט און וויי געטאַן.

„הייסט עס — האָט זי מיט פאַרדרוס געטראַכט — אַז זי האָט פאַרשפּילט. עס איז פּאַרט פאַראַנען אַן ערליכער און געטרייער מאַן. און ווי איר אויך צופוקעניש איז עס דווקא אייבראַם, וועמען זי האָט ליב, און זי, זי איז אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלען מיט אַ מאַן, וואָס האָט איר אַזוי שנעל נאָך דער חתונה פאַרראַטען. איז עס ניט אַ מאָדנע צו להכעים שפּיל פון לעבען? זי וועט זיך ניט באַרואיגען ביז זי וועט אים אויך אַריינציען אַט אין דער שפּיל. זאָל זי נאָר האָבען כאָטש נאָך איין געלעגענהייט."

זייט דאַן איז אָבער אייבראַם צו איר מער ניט געקומען.

www.libtool.com.cn



ווען דער טעלעפאָן האָט געדונגען און פאַניע, נעמענדיג דעם רעסיווער אין האַנט האָט דערהערט אייבראַם'ס נאָמען, איז זי געווען איבערראַשט — אויף אַזאַ פּלוצלונגען באַזוך האָט זי זיך ניט גערעכט.

— כ'וועל באַלד זיין אין אייער געגענט, וועל איך אַרויפקומען צו אייך — האָט ער צו איר געזאָגט דורכ'ן טעלעפאָן.

— איר זייט ביי מיר שטענדיג אַן אַנגענעמער גאַסט — האָט זי אָפּגעענטפערט, קוים איינהאַלטענדיג איר איבערראַשונג.

פאַניע איז גלייך געוואָרען באַשעפטיגט מיט'ן צוגרייטען זיך אים צו באַגעגענען. דאָס מאָל נאָך מער ווי אַלע מאָל האָט זי געוואָלט אויסזען באַזונדערס שיין און רייצענד. זי האָט זיך אָנ־געטאָן אין איר שענסטער רויט־דעקאָלטירטער קלייד, באַהאַנגען איר האַלז און אויערען מיט בליצענדע קאָלירטע קאָרעלען און אויערינגלעך, אַזוי אַז אַלץ אויף איר זאָל רופען, רייצען און וועקען די מאַנסבילישע בלוטען . . .

ווען זי איז פאַרטיג געוואָרען מיט איר טואַלעט און זיך באַ־טראַכט אין שפּיגעל, איז זי מיט זיך אַליין געווען צופרידען — אַזוי שיין און רייצענד האָט זי אויסגעזען.

דערנאָך האָט זי גענומען גרייטען צום טיש, אָוועקגעשטעלט וויין און אַלערליי זיסע און געשמאַקע צובייסעכצען; אפילו בלו־מען האָבען ניט געפיילט אויפ'ן טיש.

„היינט!" איז איר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, און אירע הענט האָבען זיך צוזאַמענגעלייגט ווי ביי אַ פעסטען באַשלוס, און אירע מויל־ווינקלען האָבען נערוועזן אַ ציטער געטאָן . . . — — — עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג.

אייבראַם איז אַריינגעקומען מיט'ן געוויינליכען שמייכעל אויף זיין געזיכט, עס איז ניט געווען אויף אים צו דערקענען, אַז עפּעס איז געשען אין זיין לעבען. וואָס ווערט געוויינליך באַצייכענט אַלס אַ זייער ערנסטער שריט: אַ שריט, וואָס קערט מיט איין מאָל איבער אַלץ וואָס מען האָט יאָרענלאַנג אויסגע'חלום'ט — דער חלום פון הייראַט און גליק.

— אַ, אייבראַם! — האָט זי אויף אַ היימישען אופן צו אים

www.libtool.com.cn



א זאג געטאן, צו מאכען אים פון דער ערשטער מינוט פילען נאענט און היימיש — עס פריוט מיך זייער אייער באזוך; איך קומט אזוי זעלטען . . . הפנים אז מען האט ליב די פרוי, איז מען שטענדיג פארנומען מיט איר — האט זי לייכט און שפאסיג אים פארגעווארפען.

— נו, יא... כ׳מיין... וואס איז דען דער אונטערשייד?

אלץ איז באגרייפענד און אינטערעסאנט — האט ער אפגעענט־פערט אין א שפראך, וואס מען האט געקענט אויסטייטשען אהין און אהער, אדער ניט אהין און ניט אהער.

— זיצט פריינט, זיצט! — האט זי אים צוגעפירט צו דער ווייכער סאפע, אויף וועלכער עס זיינען געלעגען אלערליי קאלירטע זיידענע קישעלאך און פון ווינקעל פון סאפע האט זיך דורכ׳ן אבאזשור דורכגעריסען א טונקעל פאר׳חלומ׳טער שיין, וואס האט אנגעפילט דעם צימער מיט א פאר׳חלומ׳טע ראמאנטישע אטמא־ספערע.

זי האט זיך אוועקגעזעצט נאענט לעבען אים און ארייננקוקענ־דיג אים מיט ליבשאפט אין די אויגען אריין, ארויסגערעדט:

— איר ווייסט, כ׳האב נאך אייך געבענקט.

ער איז געבליבען זיצען ווי ניט אים מיינט מען עס, זיך געשפילט מיט די קישעלעך, איבערגעלייגט זיי פון איין ארט אויפ׳ן אנדערען, ארויסגענומען א סיגארעט און פארויכערט.

— איהר וועט טרינקען א ביסעל וויין? — האט זי אים פארגעשלאגען, באמערקענדיג אז ער איז אין זיין פולער ניכטער־קייט, און ס׳וועט אים שווער זיין צו בויגען.

— מיט פארגעניגען! — האט אייבראם געענטפערט, דער־פילענדיג א ברענענדיגען דורשט אט נאך דעם געטראנק, ווי נאך קיינמאל ניט פריער.

זי האט אים דערלאנגט א גרויסע גלאז מיט וויין, וועלכע אייבראם האט מיט איינמאל אויסגעטרונקען.

— איר טרינקט היינט גערן וויין — האט פאניע מיט ענט־ציקונג אויסגערופען — איר מוזט היינט זיין זייער גוט אויפ־געליינט.

www.libtool.com.cn


— אָ, זייער, אַ גרויס גליק האָט מיך געטראָפען . . . —
האָט ער געענטפערט, אַצי טוענדיג שטאַרקער פון׳ם סיגאַרעט.

— אַזוי, אַ גרויס גליק ! מעג איך אפשר אויך וויסען פון
אייער גליק און זיך מיט אייך מיטפרייען — איז זי געוואָרען צו
אים צוגעלאָזענער.

— ניט איצט . . . אַן אַנדערש מאָל וועל איך עס אייך
דערציילען . . . איצט וויל איך טרינקען, איר פאַרשטייט, אַ סך
טרינקען פאַר גרויס גליק . . .

— גוט, טרינקט, טרינקט, אייבראַם, וויפיל אייער האַרץ
גלוסט ; ניט אָפּט מאַכען זיך אין לעבען גליקען.

אייבראַם האָט אויסגעטרונקען נאָך אַמאָל.

— און איצט טרינקען מיר צוזאַמען ! — האָט פאַניע אָנגע־
גאָסען נאָך אַ פּאָר גלעזער.

— פאַר אייער גרויס גליק — האָט פאַניע געדריקט זיין האַנט
און אויסגעטרונקען.

— יאָ, פאַר מיין גרויס גליק . . . — האָט איר אייבראַם
נאָכגעזאָגט, שוין אין דער אמת׳ן אביסעל אויפגעלעבט, אַ שטאַרקען
דריק טוענדיג איר האַנט.

נאָך קיינמאָל האָט אייבראַם ניט געהאַט אַזאַ פאַרגעניגענדיגען
געפיל, דריקענדיג אַ פרוי׳ס האַנט, ווי איצט ; נאָך קיינמאָל האָט
ער זיך ניט גענויטיגט אין אַ ליבען, פריינטליכען וואָרט, ווי איצט,
און נאָך קיינמאָל האָט ער זיך אַזוי ניט גענויטיגט און געגאַרט צו
זיצען אין אַ ליבען היימישען ווינקעל ווי איצט. ווען ער איז פּלוצלונג
ווידער געוואָרען אַ נע־ונד׳ניק, אָן אַ היים. אַלץ, אַלץ האָט אים
דאָ אויסגעוויזען אַזוי ליב און היימיש, דער שיינער, אויסגעפּוצטער
צימער, דער צוגעגרייטער טיש, די ווייכע סאָפע, די קישעלעך.
דער רויטער אַבאַזשור, און זי . . .

ער האָט געקוקט אויף איר, ווי זי איז געשטאַנען ביים שפּיגעל
און זיך פאַרריכט אירע האָר, און געטראַכט, אַז זי ווייזט אויס
וואונדערליך שיין, און ס׳האָט אים געוואונדערט פאַר וואָס ער איז
ביז איצט געווען אַזוי גלייכגילטיג צו איר.

„און וואָס אייגענטליך וואונדערט ער זיך — האָט ער וויי־

www.libtool.com.cn


טער געטראַכט — האָט ער דען ניט געהאַט מיט זיך אַן אָפּמאַך, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט „שטיין“ מיט זיין פרוי, זאָל ער איר ניט ווערען אומטריי? איצט איז עפּעס אַנדערש, איצט קערט ער זיך מיט זיין פרוי גאַרניט אַן, זיי זיינען פרעמדע, און ער מעג טאָן וואָס ער וויל.

„און פאַר וואָס טאָקע ניט בלייבען וואוינען מיט איר, פאַ־ניע'ן, אַפילו מיט איר חתונה האָבען? דאָ איז דאָך אַזוי ליב און אָנגענעם.

„אָט האָט זי דאָך אים ביי זיין אַריינקומען אַליין געזאָגט, אַז זי האָט נאָך אים געבענקט, הפּנים זי האָט אים נאָך היינט אויך אַביסעל ליב.

„מ'עט זען“... — — — — — — — — — — — — — —

— איר ווייזט היינט אויס אַזוי פאַרטראַכט — איז זי צו אים צוגעגאַנגען און אַרויפגעלייגט אירע וואַרימע, ווייכע הענט אַרום זיין האַלז.

ער האָט אַ שטילען ציטער געטאָן.

און ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער איז דאָס מאָל ניט דאַגע־גען אירע לאַסקעס, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט נאָענט לעבען אים, מיט בײדע הענט אַרומגענומען זיין האַלז און צודריקענדיג אים שטאַרק צו זיך מיט איר גאַנצער גליענדער ליידענשאַפט אַריינגע־גראָבען אירע ליפּען אין זיינע... — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי איז געשטאַנען אַנטקעגען אים און געלאַכט מיט איר גאַלינגען געלעכטער און געשריען מיט טריאומף:

— גייט, איר זייט אַלע ניט בעסער איינער פאַר'ן אַנדערען. ס'איז ניטאָ קיין איין רעכטער מאַן צווישען אייך. פריער אָדער שפּעטער מוזט איר ווערען פאַלש צו אייערע פרויען!...

— וואָס מיינט איר מיט דעם? איז ער געשטאַנען און איר אָנגעקוקט אַ בלייכער ניט פאַרשטייענדיג וואָס דאָ קומט פאָר.

— וואָס איך מיין? כאַ־כאַ! ווי אומשולדיג איר זייט, אַליין ווייסט איר ניט, אַז איר, אַלע מענער זיינען פאַרעטער צו זייערע פרויען? אָט נעמט אַ שטייגער אייך אַליין. כלומר'שט אַ געטרייער

www.libtool.com.cn


מאַן, וואָס האָט כּלומר'שט ליב זיין פרוי, און אַנטלאָפען פאַר מיר ווי פאַר'ן מלאך־המות. איך געדענקט לעצטענס, ווען איך זייט דאָ געווען, אַפילו אָנרירען האָט איר זיך ניט געלאָזט און מיט אַמאָל... כאַ־כאַ־כאַ! האָט זי זיך טיפּליש ווילד צולאַכט — שעמען מעגט איר זיך צו פּאַרראַטען אייער געזעצליכע פרוי!

אייבראַם האָט אָנגעהויבען צו באַגרייפען וואָס דאָ קומט פאָר און אַוועקשטעלענדיג זיך אַנטקעגען איר, מיט אַ שטאָלצען אויפ־געהויבענעם קאָפּ אַריינקוקענדיג איר גלייך אין די אויגען, האָט ער סאַרקאַסטיש אַרויסגערעדט:

— אַזוי איז דאָס, הייסט עס, אייגענטליך געווען אייער צוועק, מיך צו באַזיגען, איבערצייגען מיר, אַז איך בין ניט קיין געטרייער מאַן צו מיין פרוי. אויב דאָס איז געווען אייער צוועק, מוז איך אייך זאָגען, אַז איר האָט אייער ציל ניט דערגרייכט, איך בין מיין פרוי געווען בוכשטעבליך געטריי ביז היינט.

— ביז היינט... אוודאי ביז היינט... וואָס גייט מיר אָן אייער נעכטען! האָט זי ניט אויפגעהערט מיט טריאומף צו לאַכען — דער פאַקט אָבער איז, אַז היינט...

— היינט האָב איך שוין געמעגט, איר פאַרשטייט, מאַדאַם, געמעגט, אויב ניט מאָראַליש איז געזעצליך. נאָר אַרט אייך דען די מאָראַל? דער עיקר איז דאָך ביי אייך, איר זאָלט מיר קענען אויפוואַרפען, אַז איך האָב פאַרראַטען, מיין געזעצליכע פרוי, נו, מוז איך אייך זאָגען, אַז איך בין פון מיין פרוי זייט אַ קורצע צייט געזעצליך געשיידט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם גט פון קעשענע, אים אַ ווייל געהאַלטען פאַר אירע אויגען און אַרויסגערעדט:

— און איצט, מאַדאַם, שעמט איר זיך!...

דאָס אָפּזאָגענדיג, האָט ער זיך שנעל אַ קער געטאָן צו דער טיר און איז אַרויסגעלאָפען פונ'ם הויז.

פאַניע איז געבליבען שטיין אַ פאַרשעמטע, אַ דערשלאָגענע...

www.libtool.com.cn

# אַ „טריל"

העלדמאַן איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג פון פּאַרק און געוואַרט אויף זיין נייע באַקאַנטע, מיט וועלכער ער האָט אָפּגערעדט זיך דאָ צו טרעפען.

ס'איז געווען אַ שיינער, זומערדיגער אָוועגט, פּאַרלאָך האָבען זיך געצויגען צום פּאַרק צו די טונקעלע אַלייען, וואו יונגע פּאַרלאָך לעבען איבער די ליכטיגסטע מינוטען.

העלדמאַן, וואָס האָט ניט לאַנג אָפּגעגעסען סאַפּער און זיך געזוכט אַרויסצודרייען פון דער היים מיט אַ תירוץ אַז ער מוז אוועקגיין צוליב ביזנעס, האָט דאָ שטייענדיג און וואַרטענדיג ניט געפילט גאָר באַקוועם. פאַר זיינע אויגען האָבען נאָך געשוועבט זיין יונגער פרוי'ס פרעגענדיגע בליקען, וועלכע, ווי אים האָט אויסגעוויזען, האָבען אים אַנגעקוקט מיט חשד ווי זי וואָלט דער־קענט אין זיינע אויגען, אַז ער זאָגט ניט דעם אמת...

ער, העלדמאַן אַליין, איז נאָך עפּעס אויך ניט איינגעוואוינט צו זאָגען פאַר זיין פרוי אַ ליגען. צו וואָס? אַז ער האָט זיך ביז אַהער אין דעם ניט געניטיגט. אין די דריי יאָר, וואָס ער איז פאַרהייראַט, איז ער געווען צופרידען: צופרידען מיט זיין פרוי, מיט'ן קינד, וואָס זי האָט אים אַ יאָר נאָך זייער חתונה געבוירען; צופרידען מיט זיין היים און מיט אַלע היימישקייטען אַרום אים.

אויך איצט איז ער מיט זיין פאַרהייראַטען לעבען ניט אומצו־פרידען. ער וואָלט אין קיין פאַל זיין היים ניט אויפגעגעבען. ער האָט ליב אַלע באַקוועמליכקייטען פון פאַרהייראַטען לעבען און קיין אומבאַקוועמליכקייטען האָט ער נאָך דערווייל ניט געפילט.

וואָס אים האָט לעצטענס יאָ גענומען אויספּיילען, איז אַ „טריל", עפּעס אַן אָפּוועקסלונג פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען. דאָס

www.libtool.com.cn


וואָס עס פּאַסירט מיט אים יעדען טאָג איז שוין ניט מער ניי. אַלץ איז איינגעאָרדענט אויף אַ שטייגער, וואָס רופט מער ניט אַרויס קיין נייעם אינטערעס. זיין ביזנעס גייט ניט שלעכט. זיין פרוי איז צו אים גוט, און ס'קינד האָט ער ליב מיט דער געוויינליכער פאָטער־געטריישאַפט. קיין „טריל" אָבער האָט ער שוין לאַנג ניט געהאַט.

מיט איוואַ'ן, זיין נייע באַקאַנטע, האָט ער זיך באַקענט דורך אַ צופאַל. ער האָט זי ניט געזוכט ווי ער האָט ביז אַהער איבערהויפּט ניט געזוכט קיין פרויען־באַקאַנטשאַפט. אָבער אַז עס איז אים געקומען צו דער האַנט, האָט ער ניט געקענט פאַרביילאָזען די געלעגענהייט ניט צו מאַכען מיט איר קיין „אַפּאָינטמענט". זי איז אַזאַ שיינע רייצענדע מיידעל, אַז דורכגיין זיך מיט איר בלויז פאַר אַ שפּאַציר אין פּאַרק איז שוין אַ גרויסער „טריל".

איצט, שטייענדיג און וואַרטענדיג אויף איר, האָט ער זיך געפילט עפּעס מאָדנע, וואָס ער, אַ מאַן פון אַ גוטער, געטרייער פרוי, און אַ פאָטער פון אַ קינד, שטייט דאָ ביים אַריינגאַנג פונ'ם פּאַרק ווי אַ יונג בחור'ל און וואַרט אויף אַ מיידעל... „פע, ס'איז ניט שיין און ניט ערליך פון אים אַזוי צו האַנדלען", — האָט ער זיך אַליין געמאַכט פאָרווירפע און ס'האָט אים שוין פאַרדראָסען דער גאַנצער אויפטו. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, ווען ער נעמט אָט איצט, איידער זי קומט, און מאַכט פליטה אַהיים און לאָזט זיך ניט אַריין אין קיין „אַוואַנ־טיורעס", וועלכע קענען אים נאָך פאַרפירען ווער ווייסט אַוואו...

אינסטינקטיוו האָבען זיך ביי אים די פיס אַ ריר געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אַפּרייסען פונ'ם פּלאַץ און אַהיים גיין. ער איז אָבער שטיין געבליבען, זיך פאַרקוקט אויפ'ן פּאַרק, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַזעלכע טונקעלע אָווענט־סודות... ס'איז אים איינגעפאַלען, אַז באַלד, באַלד וועט ער דאָרט זיצען מיט זיין נייער באַקאַנטער, באַהאַלטען ערגעץ אין אַ טונקעלען פּאַרק־ווינקעל און געניסען פונ'ם „טריל", וואָס נאָר אַזעלכע מינוטען הינטער דעם שלייער פון דער נאַכט קענען פאַרשאַפען...

זי איז מיט אַמאָל אָנגעקומען, אָנגעקומען מיט לייכטער,

www.libtool.com.cn



יונג־מיידעלשער גראַציעזקייט, מיט שטילע, אָבער זיכערע טריט. ווי זי וואָלט געווען זיכער, אַז מען וועט אויף איר וואַרטן, אַפילו ווען זי האָט זיך פאַרשפּעטיגט...

העלדמאַן, דערזעענדיג איר, האָט אַן אָנגענעמען ציטער געטאָן — אַ ציטער, וועלכען ער האָט שוין לאַנג ניט איבערגעלעבט; אַ ציטער, וואָס האָט אים דערמאַנט אין די בחור'ישע יאָרען, ווען ער פלעגט אין די זומער־נעכט זיצען טאָקע אָט דאָ אין דעם פּאַרק מיט זיין מיידעל...

— כ'האָב זיך אַביסעל פאַרשפּעטיגט, — האָט זי אַרויס־גערעדט מער צו באַטאַנען, אַז זי איז דאָ, ווי זיך צו ענטשולדיגען.

— אַ, עס מאַכט ניט, ס'איז מיר געווען גאַנץ אָנגענעם אויף אייך צו וואַרטען.

— איז אַוואו גייען מיר? — האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן.

— לאָמיר אַריינגיין אין פּאַרק! — האָט ער איר לייכט אַ נעם געטאָן פאַר'ן האַנט און גענומען גיין.

— וואָס, אין פּאַרק גאָר! — האָט זי, אַרויסציענדיג איר האַנט, אַרויסגערעדט אין אַזאַ טאָן ווי ער וואָלט זי מיט עפּעס באַליידיגט.

— כ'מיין, — האָט ער איר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, — אַז אין פּאַרק איז איצט זייער אָנגענעם צו זיין...

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— וועל, שוין איינמאָל אַ „גוט טאַים!"

— איז וואו דען וואָלט איר איצט געוואָלט גיין? — האָט ער ניט זיכער ביי איר אַ פרעג געטאָן.

זי האָט אים עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט און געענטפערט:

— כ'וואָלט איצט געוואָלט זען עפּעס אַ שיינע „שאָו"...

— ס'איז אָבער צו הייס אין אַזאַ וואַרימען זומער־אָוועגט צו זיצען פאַרשפּאַרט אין טעאַטער, — האָט ער געפּרואווט איינווענדען.

— „נעווערמאַינד", אינווענינג אין טעאַטער איז גאַנץ קיל...

העלדמאַן איז געווען אין אַ פאַרלעגענהייט. ניט דאָס איז געווען זיין כונה... ער האָט געמיינט, אַז זיי וועלען זיך טרעפען,

www.libtool.com.cn


זיך אביסעל דורכגיין אומבאמערקט אין פארק, אביסעל א ראמאנ־סיר טאן, א כאפ טאן דעם „טריל“ און אנטלויפען אהיים צו זיין פרוי און קינד. און דא מיט אמאל „אויסגיין“ גאר אין דער עפענטליכקייט צווישען מענשען, וואו ס׳איז ליכטיג, און מען קען יעדע מינוט זיך אנשטויסען אן א באקאנט געזיכט... א שיינעם פנים וועט ער האבען, ווען זיין פרוי וועט פון דעם געוואר ווערען: ער וועט זיך גאר ניט קענען פארענטפערען, ער וועט אריינפאלען אין א „טראבעל“, פון וועלכען ער וועט זיך ניט קענען אויסקויפען ס׳גאנצע לעבען...

ס׳מיידעל איז געווארען אומגעדולדיג:

— איז וואס שטייען מיר? — האט זי אומצופרידען געפרעגט.

— נו, יא, כ׳מיין, מיר וועלען גיין... כ׳מיין פארען... — האט ער זיך צוטומעלט און פלעגמאטיש געגעבען א צייכען מיט דער האנט צו א טעקסי, זי זאל זיך אפשטעלען...

זיצענדיג מיט זיין באקאנטער אין טעקסי אויפ׳ן וועג צום טעאטער, איז העלדמאנ׳ען געווען זייער שווער אויפ׳ן הארצען. עפעס האט ער געפילט ווי איינער, וואס איז אויפ׳ן וועג אפצוטאן א פארברעכען. „נו, טאקע, צו וואס בעדארף ער עס? — האט ער זיך ניט אויפגעהערט צו מאכען פארווירפע, — צו וואס שלעפט ער זיך איצט מיט א פרעמדער מיידעל, וועלכע מיינט פאר אים נארניט צו א „שאו“? וואלט ער איצט בעסער געזעסען אין דער היים מיט זיין פרוי און קינד, אדער בעסער געגאנגען מיט זיין פרוי ערגעץ צו א "שאו“. א „טריל“ האט זיך אים פארגלוסט. ניט אנדערש, ער איז פון זינען ארונטער...

די טעקסי האט זיך אפגעשטעלט ביים טעאטער. צו „זיין גליק“ איז שוין געווען שפעטלאך, און קיין מענשען אין לאבי זיינען שוין ניט געווען. ער האט שנעל געקויפט צוויי טיקעטס און איז מיט זיין באקאנטער אריין אין טעאטער.

אין טעאטער איז געווען טונקעל. עס איז געווען פאר׳ן אויפהויבען דעם פארהאנג. דער אשער האט זיי צוגעפירט צו די „סיטס“.

העלדמאן האט זיך ווי אויטאמאטיש אוועקגעזעצט אויף זיין

www.libtool.com.cn


„סיט“, וואָס האָט זיך צופעליג געפונען ביים ברעג פון א דורכגאַנג. אין א ווײַלע אַרום האָט זיך די „שאָו“ אָנגעהויבן.

העלדמאַנ׳ען איז אָבער די „שאָו“ אין זינען ניט געלעגן. אַן אומרואיגער איז ער געזעסן אויף זיין „סיט“ און זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געהאַט קרעמפּפּען... זיך געשראָקן פאַר דער ליכטיגקייט, וואָס וועט א לויכט טאָן גלייך ווי דער אַקט וועט זיך ענדיגען... און — ווער ווייסט ווער עס זיצט אים דאָרט אונטער די פּלייצעס... אָדער אין פראָנט פון אים... מעגליך אפשר א שכן, א פריינט, א באַקאַנטער, ס׳קען זיך אַלץ טרעפען... זיי זיינען שוין דאָ די „גוטע פריינט“ אומעטום, ווען מען דאַרף זיי אמווייניגסטען... מען וועט עס גלייך „אַפּטראָגען“ צו זיין פרוי... זיין רואיגע היים וועט זיך א טרייסעל טאָן, אנהויבן וואַקלען און אפשר אין גאַנצען צוזאַמענפאַלען...

ניין, ער טאָר ניט דערלאָזען, אַז זיין היים זאָל צוברָאָכען ווערען. און צוליב וואָס? צוליב וועמען?

— א „טריל“ האָט זיך אים פאַרגלוסט, א „טריל“, — האָט ער ניט אויפגעהערט זיך צו מאַכען פאָרווירפע, — א „טריל“... נו, האָט ער שוין דעם ריכטיגען „טריל“...

ער האָט א קוק געטאָן אויף זיין באַגלייטערין און דורך דער טונקעלקייט האָט ער באַמערקט, ווי זי זיצט שטאַרק פאַרטיפט מיט די בליקען צום סטעידזש. און ס׳איז אים איינגעפאַלען, אַז זי האָט אים אפילו אין זינען ניט, אַז זי איז מער אויסען געווען די „שאָו“, די „גוט טאַים“ ווי אים...

„אָט וועל איך דיר געבען א „גוט טאַים“, אַז דו וועסט מיר האָבען צו געדענקען!“ האָט ער מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט זיינע בליקען פון איר און שטילערהייט אין דער טונקעלקייט אומבאַמערקט פאַר איר זיך גענומען שאַרען פון זיין „סיט“, און פלינק ווי א קאַץ זיך אַרויסגעשאַרט פון טעאַטער...

www.libtool.com.cn

# דער רויטער צייכען

שבת נאָך האַלבען טאָג איז טרייגער אהיים געקומען פון דער ארבייט, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די אָוועראָלס, אָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם שטויב און גענומען אַראָפּוואַשען פון זיך די פון א גאַנצע וואָך איינגעגעסענע ברודיגקייט, וואָס האָט זיך ביי דער ארבייט אָנגעקליבען.

ער איז געשטאַנען אַ האַלב־נאַקעטער, אַ פעסט־געבויטער, מיט ברייטע שולטערען און געזונטע מוסקולען. געריבען מיט זיינע ווי דעמבען־שטאַרקע הענט די שוואַרצע פאַרשמירטע פלעקען פון זיין שטייפען פּנים, וואָס האָט אויסגעוויזען ווי אויסגעהאַמערט. ווי די שטיקער אייזען, וועלכע ער האַמערט אַ גאַנצע וואָך.

ווען די ברודיגקייט פון זיין פּנים איז אַרונטער, האָט זיך איבער אַ האַלבען שטערען באַוויזען אַ קרומער, רויטער צייכען. וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ דיקער רויטער וואָרעם... דאָס האָט ער זיך אַמאָל ביי דער אַרבייט אַ ברען געטאָן מיט אַ גליענדע שטיק אייזען, איז אים פאַרבליבען אַ שטענדיגער סימן...

טרייגער האָט דערפילט אַ טיפען שטאָך אין האַרצען. און אַזוי פילט ער שטענדיג ווען ער דערזעט אָט דעם רויטען סימן. דער כעס צוברענט זיך אין אים. ער ווערט אַן אָנגעצונדענער. ער האָט דאַמאָלסט דאָס געפיל אַ כאַפּ צו טאָן דעם שפּיגעל און אים צושמעטערען אין פּיצלאַך.

— וואָס פאַר אַן אומגליקליכען שפּיצעל דער טייפעל האָט אים אָפּגעטאָן! — טראַכט ער, און קריצט אַזש מיט די ציין. — אַרומטראָגען זיך מיט קין'ס צייכען אויפ'ן שטערען דעם גאַנצען לעבען. פאַרוואָס? פאַר ווען? קיין מענשען האָט ער נאָך דערוויילניט גע'הרג'עט.

אַמייסטען דערפילט ער עס, ווען עס קומט זיך אים אויס צו באַגעגענען מיט פרויען... דאַמאָלסט ברענט אויף אים

www.libtool.com.cn


די הויט... ווען עס עפענט זיך א קבר וואָלט ער, דאַכט זיך, אַהין אַריינגעשפּרונגען... ער קען ניט פאַרטראָגן די פּרויען־בליקען. וועלכע קוקען, דאַכט זיך, אויף אים מיט שפּאָט.. עס פאַרדריסט אים און עס טוט אים וויי... פילט זיך טיף געקריינקט און באַליי־דיגט... שילט זיי אין האַרצען און פאַרהאַסט זיי, האָט אָפּטמאָל דאָס געפיל אַז ער וואָלט זיי דער'הרג'ט..

דערפאַר זוכט שטענדיג טרייגער אויסצומיידען פּרויען־געזעל־שאַפט, לעבט אַן איינזאַמען צוריקגעצויגענעם לעבען. מיט פריינט, מיט גוטע ברידער טרעפט ער זיך אפילו יאָ. מען גיט צוזאַמען א הוליע, מען טרינקט וויין צוזאַמען און מען שפּילט א קערטעל...
אָבער ער איז אומרואיג, צורייצט... זיין אייזען־שטאַרקער גוף בענקט נאָך א פרוי, נאָך א היים, וואו ער זאָל פריי און אומגע־שטערט קענען צולאָזען זיינע געזונטע, מענשליכע אינסטינקטען....

נאָר גיי האָב חתונה, אַז ער ווייס פריער אַז זיין פרוי וועט אים זיין פּאַלש. זי וועט ניט קענען פאַרטראָגן דעם רויטען צייכען אויף זיין פּנים. און ווען זי וועט אויף אים קוקען וועט עס אים שטעכען... אים אויפרעגען, אַריינברייינגען אין רציחה. ער קען נאָך אַמאָל א מאָרד באַגיין.. — — — — — — — — — — — — — —

זיצענדיג לעצטענס אין א קעלער מיט גוטע ברידער ביי א גלעזעל וויין, איז ער צופעליג באַקאַנט געוואָרען מיט א פרוי שוין אין די מיטעלע יאָרען

איבעריג שיין איז די פרוי ניט געווען. א דיקליכע מיט א הויכען בוזים. א פּאָר וואַסערדיגע אויגען און א ברייטלאַך צו־שוואָומען פון פאַרב־רויטליכען געזיכט.

דערפאַר אָבער א לאַכענדיגע, און א צוגעלאָזענע, און מיט בליקען וועלכע מאַכען באַלד פילען נאָענט און היימיש.

דאָס איז אפשר געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס טרייגער האָט געפילט גוט אין דער אַנוועזענהייט פון א פרוי. איר גוטסקייט און איר פריינטליכקייט האָט שנעל געוואונען זיין צוטרוי. און איר פיל־ווייבליכקייט האָט אים אַנגעהויבען רייצען און ציען צו איר..

— — — — — — — — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn


זייט דאמאלסט איז טרייגער צו איר געקומען יעדע וואך. כמעט יעדען שבת אָוועגט. נאָכדעם ווי ער פלעגט זיך גוט ארומ־וואשען, אויסשלאָפען, און נעמען אַ גוטען „רעסט", פלעגט ער אנטאָן זיינע שענסטע קליידער און אוועק צו איר.

ער פלעגט זי שוין טרעפען זיצען אַן אויסגעפּוצטע און וואר־טען אויף אים. ביי זיין אריינקומען פלעגט זי אים לויפען אנטקעגען, ארומכאַפּען אים מיט אירע ווארימע פליישיגע הענט און צודריקען אירע פולע רויטע ליפּען צו זיין פּנים.

אין הויז האָט אַלץ אויסגעזען שיין און ריין. אַ טונקעל רויט־פארביגע ליכט האָט זיך ארומגעהוידעט איבער'ן צימער, וואָס האָט צוזאמען מיט אַלע אנדערע זאכען אויסגעזען אַזוי פאנ־טאסטיש אנגענעם. אַ ווייכע סאָפע אויף וועלכע עס איז געלעגען אַ פּאָר פארשיידענפארביגע אויסגעשטריקטע קישעלעך, וועלכע האָבען פארכאָפּט דאָס אויג, איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, ניט ווייט פון'ם פענסטער איבער וועלכען עס זיינען אריבערגעהאנגען אַ פּאָר דיקע ראָזעווע קוירטענס.

דאָס עסען פלעגט שוין זיין געגרייט. עס האָט געשמעקט מיט ווייַן, און געבראָטענס... און מיט טייכען פארפיום... די שטילקייט און די רואיגקייט און די גאנצע אומגעבונג האָט נאָך דער וואָך שווערע ארבייט פון האמערען און שמידען אייזען, זייער גוט געווירקט אויף זיין געמיט.

ער פלעגט זיצען אַ פּארטראַכטער און פילען ארום זיך די רואיגקייט און געמיטליכקייט, פון האָבען אַן אייגען ווינקעל, אַ היים, אַ ריכטיגע און אַ שטענדיגע... און אַ פרוי, וואָס זאָל אים מאַכען פילען גוט און היימיש... עס פלעגט אים ווערען זיס און אומעטיג פון דעם געדאַנק... — — — — — — — — — — — —

די פרוי פלעגט אים אָבער לאַנג ניט לאָזען טראַכטען. זי פלעגט צו אים צוגיין, אַ שטיפערישען טרייסעל טאָן און ארויסלאָכען:

— וואָס טראַכט איר? עסט בעסער!

— געוויס עסט מען... וועט מען עסען... — פלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן ווי פון שלאָף.

www.libtool.com.cn



און מען פלעגט זיך א נעם טאָן צו די געשמאַקע מאכלים, פאַרטרינקען מיט וויין.. און די פרוי, ניט לאַנג וואַרטענדיג, פלעגט זיך אַוועקזעצען אויף זיין שויס און זיך שטאַרק איינקלאַמערען אין אים...

טרייגער'ס פאַרבענקטע, מיט שטענדיגען צער־אַנגעזאַפּטע האַרץ, פלעגט מיט א מאָל אויפברויזען, זיך צופלאַמען אין גלור־טיגער ליידענשאַפט. זיין פעסטער, אייזען־געזונטער קערפּער פלעגט אויפציטערען, ווי דער ים אין א ווילדען שטורם... — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

טרייגער האָט אָנגעהויבען טראַכטען גאַנץ ערנסט וועגען דעם, צו עס וואָלט געווען אַמאָל א פּלאַן, ער זאָל מיט דער פרוי חתונה האָבען אויף אַן אמת.

קאָסטען, קאָסט אים, כמעט אַלץ איינס, ווי זי וואָלט געווען זיין אמת'ע פרוי.

האָט ער געטראַכט און געטראַכט און ניט געקענט קומען צו קיין באַשלוס.

געוואָלט וואָלט ער אודאי חתונה האָבען מיט אַן ערליך אַנ־שטענדיג מיידעל. ער האָט נאָך א מאַמען אין דער אַלטער היים, שיקט איר געלט אויף צו לעבען און וואָלט איר נאָך וועלען נחת פאַרשאַפען, זי וואַרט דאָך שוין אַזוי לאַנג און האָפט אויף דעם...

און מיט איר וועט ער מוזען שווייגען... איר ניט שרייבען א וואָרט וועגען דעם... ווי וועט ער איר קענען שרייבען, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט א פרוי וואָס...

וועגט ער שיר משוגע טראַכטענדיג ... — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דעם שבת איז ער ווי געוויינליך אַוועק פאַרברייננגען דעם אָווענט מיט דער פרוי.

געפונען האָט ער איר ליגען אין בעט א קראַנקע אַן שום פאַרב אויף איר געזיכט, ניט קיין אייגענע און ניט קיין פרעמדע. די פרעמדע פאַרב איז געווען אַראָפּגעשווייינקט און קיין אייגען פאַרב האָט זי ניט געהאַט... אירע האָר וועלכע זיינען געווען צואוואַרפען איבער'ן קישען האָבען קיין שום קאָליר ניט געהאַט.

www.libtool.com.cn



אדער אַלע קאַלירען מיט אַמאָל... בייז, פרעמד, און פאַרשטאַרט האָבען געקוקט אירע וואַסערדיגע אויגען... און איר פּנים האָט זיך ווי אויסגעצויגען נאָך ברייטער און זיך פאַרקרימט אַן אַ זייט...

ביי איר בעט איז געזעסען עפּעס אַן אַלטע פרוי מיט אַ צורונ־צעלטעט אויסזען... מיט אירע ביינערדיגע הענט האָט זי געהאַלטען אין אַריינגיסען מעדיצין פאַר דער קראַנקער... און גיסענדיג האָבען אירע ביינערדיגע הענט געציטערט און פאַרגאָסען העלפט איבער דעם צודעק דורך וועלכען עס האָט אַרויסגעשטאַרצט דער קראַנ־קער׳ס האַלב קיילעכדיגער ווי מיט בליי אָנגעגאָסענער גוף.

אין הויז איז אַלץ געווען אָנגעוואָרפען, צושליידערט איבער אַלע עקען, ווי גנבים וואָלטען נאָר וואָס געווען און אַנטלאָפען ווען מען האָט זיי אין מיטען איבערגעשלאָגען... אפילו דאָס רויט־קאַלירענדיגע פייער האָט עפּעס ווי אונטערגעהונקען און פאַר־שפּרייט טונקעלקייט, פּוסטקייט און שרעק איבער אַלע ווינקעלעך... גלייך ווי ניט גוטע וואָלטען באַפאַלען דאָס הויז און ליגען ערגעץ פאַרבאָרגען אין פינסטערער באַהעלטעניש און לויערען אויף וועמען...

טרייגער איז געבליבען שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטער... ניט געקענט אַ טראָט טאָן ווייטער... געפילט ווי אַלץ גליווערט אין אים...

פון ווייטען האָט ער געקוקט אויף דער קראַנקער... געפילט אויף זיך אירע בייזע און פרעמדע פאַרשטאַרטע בליקען... באַטראַכט דער קראַנקערס ניט נאַטירליכען און ביז צום עקעל פאַרענדערטען פּנים... געזען דער אַלטער פרוי׳ס מכשפה׳דיגען שטומען פראַגע־צייכען, ווי זי וואָלט פרעגען ביי דער קראַנקער: ווער איז ער אָט דער פרעמדער און וועמען זוכט ער דאָ?...

ער האָט אויפגעציטערט... דער אַרומיגער אָנבליק האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפען אַ שווערקייט און אַ מורא... און מער פון אַלץ אַן עקעל, אַ טיפען, אַ פאַראַכטענדען, צו אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין הויז.

„און אָט מיט דער פרוי, וואָס ליגט דאָרט אין בעט האָב איך זיך דאָס אַזוי גוט געקענט, געווען אַזוי נאָענט און אפילו שוין נעקלערט מיט איר חתונה צו האָבען?“ — איז אים דורכגעלאָפען

www.libtool.com.cn



א געדאנק און ער האָט דערפילט ווי זיין פנים האָט אזש א ברען נעטאָן פאר שאנד...

ער האָט א שפרונג געטאָן אויף צוריק...

זיינע בליקען האָבען זיך אנגעשלאָגען אין שפיגעל, וואָס איז געהאנגען אויפ'ן וועג צום טיר...

ער האָט דערזען דעם רויטען צייכען... און זיך א שטארקען טרייסעל געטאָן... עס האָט זיך אים געדוכט, אז דער רויטער צייכען אויפ'ן שטערען איז געוואָרען רויטער, אויסגעקרימטער און מיאוס'ער....

עס האָט זיך אין אים אנגעצונדען דאָס בלוט...

„טייפעל!" — האָט ער אויסגעשריען — און מיט זיינע ווי אייזען־שטארקע הענט א זעץ געטאָן איבער'ן שפיגעל און אים צושמעטערט אין פיצלעך..

ביידע פרויען האָבען אויפגעציטערט...

ער האָט א שטארקען שפיי געטאָן, זיך א ווילדען ריס געטאָן צום טיר און פארשוואונדען...

www.libtool.com.cn

## זינגער׳ס אַדרעס...

מיט שטילע, ניט זיכערע טריט, האָט זיך גאָלדין צוגעשאַרט צום טיר, וואו עס האָט געוואוינט איינע פון זיינע אַמאָליגע גוט באַקאַנטע מיידלאַך. אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויפ׳ן עלעק־טרישען קנעפעל און געוואָלט אַ דריק טאָן, האָט ער זיך אָבער גלייך צוריקגעכאַפּט... ער האָט דערפילט, ווי ער וואָלט געהאַלטען אין האַנט אַ ברענענדען סיגאַרעט, פון וועלכען ער וואָלט נאָך חשק געהאַט אַ פּאָר שטאַרקע צי צו טאָן, אָבער עס איז שוין ניטאָ פון וואָס. דאָס לעצטע שטיקעל פון דעם אויסגערויכערטען סיגאַ־רעטעל ברענט שוין אין די פינגער...

ער איז געשטאַנען הינטערן טיר און ניט געקענט באַשליסען צי זאָל ער אַריינגיין אָדער צוריקגיין. ער האָט געקוקט פון אַלע זייטען צי קומט אימיצער פון ערגעץ ניט אָן, און טרעפט אים שטיין אָט דאָ הינטערן טיר ווי אַ נאַר. און דאָס האַרץ האָט אים גע־קלאַפּט, ווי ער וואָלט זיך געקליבען אימיצען צו באַ׳גנב׳ענען...

ער האָט דערהערט טריט. אינסטינקטיוו האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּעל, און עס איז שוין געווען פאַרפאַלען... ער האָט דערהערט אַ קלונג און עס האָבען זיך פון יענער זייט טיר דערנעענטערט טריט.

עס איז אים אַנטקעגען געקומען מאַלי.

ווען דאָס מיידעל האָט אים דערזען איז זי געבליבען שטיין איבעראַשט און פאַרוואונדערט. אים אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיט די בליקען געפרעגט: וואָס טוט איר איצט דאָ?

גאָלדין האָט דאָס באַמערקט און זיך גענומען פילען אומ־היימליך. עס האָט אים פאַרדראָסען און באַליידיגט, ווי איינער וואָס וויל זיך זעצען און מען כאַפּט שטילערהייט אַרויס דאָס בענקעל פון אונטער אים...

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין.

www.libtool.com.cn


— שטייט, וואָס לויפט איר צוריק? — האָט זי אים אָפּגע־האַלטען. — איר זייט דאָך געקומען מיך זען!

— יאָ... אייגענטליך בין איך אייך געקומען פרעגען וועגען עפּעס... עס פיילט מיר אויס... יאָ... אַן אדרעס פון...

— אָבער וואָס שטייט איר ביים טיר? קומט אריין!

זי איז געגאַנגען פאָראויס און ער איז איר שטיל נאָכגעגאַנגען. ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו לאָזען הערען זיינע טריט. וועלכע האָבען שוואַך אָפּגעקלונגען איבער'ן קאָרידאָר אויפ'ן וועג צו איר צימער, און יעדע ווייַלע האָט ער זיך ארומגעקוקט...

אריינקומענדיג אין איר צימער, איז ער געבליבען שטיין ווי אַ פרעמדער, ווי איינער וואָס איז ניט זיכער צי ער איז גענוג היימיש זיך צו זעצען איידער מען בעט אים זיצען.

— זיצט, פאַרוואָס זיצט איר ניט? — האָט צו אים מאַלי האַלב היימיש און האַלב פרעמד אַ זאָג געטאָן.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ראָקינג־טשער, אויפ'ן זעלבען ראָקינג־טשער, וואו ער איז אַזוי פיל צענדליגע מאָל געזעסען, ווי אַ נאָענטער און ליבער פריינד זיצט אין אַ מיידעלשען צימער. זיי האָבען געשוויגען.

זי האָט זיך ארומגעדרייט איבער'ן צימער, פרובירט טאָן נויטיגע און ניט נויטיגע זאַכען. דאָ האָט זי עפּעס אראָפּגענומען, דאָ האָט זי עפּעס אוועקגעשטעלט, אויסגעגלייכט...

ער איז געזעסען און מיט נייגעריגע בליקען באַטראַכט דאָס צימער, וואָס איז אים געווען אַזוי גוט באַקאַנט... זיך צוגעקוקט צו יעדער זאַך, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען — אַלץ היימישע און באַקאַנטע זאַכען. און דאָך האָט אים אַלץ אויסגעוויזען אַזוי פרעמד. ער האָט געפילט, ווי ער וואָלט געווען אוועקגעפאָרען ערגעץ אויף אַ לאַנגע צייט און איז איצט צוריקגעקומען צו גאַסט צו אַלטע באַקאַנטע. אַלץ האָט זיך דורך דער צייט געענדערט. עפּעס איז אים אַלץ היימיש און דאָך פרעמד; נאָענט און דאָך אַזוי ווייט...

און דאָך איז אין גאַנצען אַזאַ קורצע צייט אוועק. ווי לאַנג איז עס דען, ווי ער איז דאָ, אין דעם צימער געזעסען, ניט ווי אַ פרעמדער גאַסט, נאָר ווי אַ היימישער, אויף אַזוי פיל היימיש, ווי עס פילט זיך אַ יונגער מאַן, ווען דאָס מיידעל דענקט אַז אפשר...

www.libtool.com.cn


— און ווי גייט עס אייך אין פארהייראטען לעבען? — האט אים מאלי פלוצלונג א פרעג געטאן.

— א, יא, וועגען אדרעס... — האט ער זיך פלוצלונג א כאפ געטאן, — איך מיין טאקע... צוליב דעם בין איך דאך טאקע געקומען... איז אפשר טאקע אמאל מעגליך איר זאלט מיר געבען דעם אדרעס פון זינגער'ן.. זיין אדרעס, פארשטייט איר, איז מיר פארלארען געגאנגען און איך מוז אים נויטיג האבען... איר מוזט אודאי האבען דעם אדרעס?...

— זינגער'ס אדרעס וועט איר קריגען, פארוואס ניט? — האט מאלי אויף אים א שטעכיגען בליק געטאן...

— יא, ווירקליך... אן אלטער פריינט זינגער... א פארטי מאד איך, וויל איך אים האבען צו מיין פארטי. איר קענט אויך קומען אז איר ווילט... קומטביידע צוזאמען...

— א דאנק, א דאנק פאר אייער איינלאדונג!.. אז איך וועל נאר קענען, וועל איך קומען. אבער פארוואס ענטפערט איר ניט אויף מיין פראגע, ווי עס גייט אייך אין פארהייראטען לעבען?...

— אין פארהייראטען לעבען? געווים, א פיינע פראגע... אז מען וויל זאגען, איז דאס פארהייראטע לעבען גארניט אזוי שלעכט...

— זייט איר, הייסט עס, צופרידען? — האט אים מאלי שטארק אנגעקוקט.

— צופרידען, פארוואס עפעס ניט? א וואוילע זאך צו זיין פארהייראט... אויף אלע אידישע טעכטער געזאגט געווארען...

— און וואס איז וועגען די מיידלאך וואס איר האט איבערגעלאזט? נעמט איר מיט אמאל און לאזט אלעמען איבער און גייט זיך אוועק...

— ס'איז טאקע אפשר א שטיקעל עולה געווען... אלע וואוילע מיידלאך געווען, אזא יאר שוין אויף מיר...

— און וואס, א שטייגער, וואלט אייער פרוי געזאגט, ווען זי ווייסט, אז איר זיצט איצט ביי א מיידעל אין צימער?

— מיין פרוי? א וואוילע פרוי מיינע!... וואס זאל זי זאגען. וואס? זי איז ניט קיין פאנאטישע...

— טא פארוואס האט איר זיך אזוי געשראקען, ווען איר זייט אהער ארויפגעקומען?

www.libtool.com.cn



— געשראָקען גאָר!... ס'רעדט זיך נאָר אַזוי... וואָס איז זיך דאָ צו שרעקען?

— וועט איר טרינקען טיי?

— אַ, ניין, אַ דאַנק.

— ווילט איר אפשר אַרונטערגיין, נעמען אַ שפּאַציר? אַ שיינער אָוונט היינט... און איר, ווייס איך, האָט דאָך אַזוי ליב צו שפּאַצירען... און אין פּאַרק מוז איצט זיין אַזוי גוט..

— עט, צו וואָס טויג איצט דער פּאַרק? ס'איז צו קיל, — האָט ער זיך געזוכט אַרויסצודרייען.

— כאַ־כאַ, — איר זאָלט עס זאָגען? — האָט זיך מאַלי צולאַכט, — זייט ווען האָט איר דאָס מורא פאַר קעלט?

— עט, וואָס ס'איז געווען...

— פאַרהייראַט לעבען, האַ? — האָט מאַלי געלאַכט.

— פאַרשטייט זיך, כ'מיין...

— און דאָך ציט עס אייך נאָך אַלץ צו מיידלאַך...

— ענטשולדיגט, איר באַדאַרפט עס ניט זאָגען... צו אַלעמען ציט מיך, צו אַלעמען... אַלעמען וויל איך זען, אַלעמען... אַט זוך איך איצט זינגער'ס אַדרעס, זוך איך... געווען אַזוי לאַנג פריינט...

— זייט איר, הייסט עס, געקומען נאָכ'ן אַדרעס?... — האָט זי אים אַריינלאַכענדיג אין די אויגען דערלאַנגט דעם אַדרעס.

— אַ דאַנק!... נו, איצט מוז איך שוין גיין... — האָט גאָלדין מיט אַמאָל זיך אומרואיג אַ קער געטאָן צום טיר.

— וואַרט, איך גיי נאָך אויך אַביסעל אַרונטער אין גאַס, וועל איך אייך שוין צופירען צום קאַר...

— אַ דאַנק, צו וואָס זאָלט איר זיך באַמיען...

— ס'מאַכט ניט. דורכגיין זיך אַביסעל קען קיינמאָל ניט שאַדען.

זיי זיינען צוזאַמען אַרונטערגעגאַנגען.

זי איז געגאַנגען ביי זיין זייט און געהאַלטען פעסט זיין אָרעם...

ער האָט געפילט ווי איר האַנט ברית אים... הויבט אים פון אָרט... האָט זיך געשראָקען אַז אימיצער פון זיין פרוי'ס באַקאַנטע זאָל אים ניט באַגעגענען...

אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך מיט אַ תירוץ פּראָבירט אייננבויגען.

www.libtool.com.cn


זיך א דריי טאָג אַז א זייט... זי אָבער האָט זיין אָרעם ניט אָפּגע־לאָזען און זיך אַלץ נעענטער צו אים געטוליעט...

זי האָט אים געפירט דורך שטילע און רואיגע גאסען, ווייט פון מענשען און פון א קאר... ער איז נאָכגעגאנגען, ווי א פאַרלאָרענער, און מיט יעדע מינוט איז אים איר אנוועזענהייט שווערער און דריקענדער געוואָרען...

און אָט, ניט ווייט לינקס, דערזעט זיך שוין דער פארק, דער אַלט־באקאנטער פארק, מיט זיינע טונקעלע וועגען, איינגעהילט אין נאַכטיגע שאָטענס אין א שוויינענדיגען חלום, וואָס וועקט אזוי פיל אַלטע זיסע עראינערונגען, פארגאנגענע ראָמאנטישע איבערלעבונגען...

און זי שלעפּט אים, און זי ציט אים און זיי קומען אַלץ נעענטער צום פארק...

ער פילט, ווי ער ווערט שוואך... קינדערש הילפלאָז... נאָך א פּאָר טריט און...

די מינוט איז אנגעלאָפען א טעקסי. ניט לאנג טראַכטענדיג, האָט ער א שטאַרקען צי געטאָן זיין אָרעם פון איר האַנט, א זאָג געטאָן: גוט נאכט! און האסטיג ארייננעשפרונגען אין טעקסי...

פאַרענדיג איז ער געווען שטאַרק נערוועז... ניט געקענט רואיג איינזיצען... געטראַכט וועגען דעם אַז ער האָט זיך נאַריש און קליין געמאַכט, אַז זיין באַגעגעניש מיט מאַלי'ן איז געווען א נאַרישע, אַן אומגעלומפּערטע, און נאָך נאַרישער איז געווען דאָס אוועקלויפען פון איר...

און זי, מאַלי, מוז איצט פון אים לאַכען, לאַכען שטעכיג, חוצפּה'דיג... און א טיפער פארדרוס האָט ניט אויפגעהערט צו נאַגען זיין האַרץ...

„צו וואָס, צו וואָס, האָט ער דאָס באַדאַרפט?

„און צו וואָס טויג אים זיננגער'ס אדרעס? צו וועלכען שוואַרץ יאָר באַדאַרף ער אים?...“

מיט כעס האָט ער געריסען שטיקלאַך פון זיננגער'ס אדרעס און געוואָרפען דורכ'ן קליינעם פענסטערל פון דער פליענדער טעקסי. די שטיקלאַך פּאַפּיר זיינען פון ווינט פארטראָגען געוואָרען ערגעץ איבער די נאַכטיגע גאסען...

www.libtool.com.cn

# טײלען...

ער איז געזעסען אן איר צימער אז אומגעדולדינער, געקוקט ווי זי פארעט זיך ארום איר קינד, פוצט עס און וואשט עס, און גיט עס אלע ווײלע א צי צו צו איר הארץ און יעדען מאל ווי זי טוט דאס, גיט זיך איר הארץ א הויב פון תענוג און גענוס. אירע אויגען פלאמען אויף מיט מוטערליכער גליקזעליגקייט און פרייד.

דער אווענט האט אנגעהויבען צופאלען, און די שווערע טאג־היץ איז נאך אלץ ניט פארשוואונדען. פארקערט, עס איז נאך געווארען שווערער און דריקענדער; ווארימע כוואלכעלעך האבען זיך ארומגעטראגען, געפרעסט די לופט, געמאכט שווער צו אטעמען.

ער איז געזעסען אז אנגעגליטער, אי פון דער היץ, אי פון דער ליבע... געווישט אלע ווײלע דעם שטערען און גלייכצייטיג ניט ארונטערגענומען די אויגען פון איר ענטבלויזטער האלז, פון אירע בריסט, וואס האבען אדורכגעשטארצט דורך דער לייכטער קימאנע... אראפגעהאנגען אומזעבאר ווי צוויי גרויסע צייטיגע עפעל פון א בוים, פארשטעלט אונטער בלעטער...

פארטיג געווארען מיט'ן קינד'ס אנטאן, האט זי דאס קינד דערלאנגט עטליכע שטארקע קושען, אזוי אז דער קלאנג האט אזש דערגרייכט צו זיינע אויערען... עס האט אים אזש א הויב געטאן פון ארט און א שטאך געטאן אין אלע אברים... הינטערווײלעכטס, זי זאל עס ניט באמערקען, געווארפען א פאר שארפע בליקען אויפ'ן קינד, אויפ'ן קליינעם „קאראפוזיק", ווי ער האט אים אין געדאנק גערופען, שטיל, ווי צו זיך, דורכגעזייט צווישען די ציינער עטליכע אומפארשטענדליכע ווערטער... מיט באהאלטענעם און איינגעהאלטענעם כעס א רייב געטאן א שוועבעלע, פארויכערט א סיגארעט...

— און איצט גיי איך זיך אנטאן! — האט זי געזאגט, און אויף אים א קוק געטאן, ווי זי וואלט זיך פלוצלונג אן אים דערמאנט — איר וועט מיר ענטשולדיגען, מיסטער הערמאן! גיט אכטונג אויף מיין קינד ביז איך ווער פארטיג.

www.libtool.com.cn


— אָלראַיט, איך וועל שוין אויפּפּאַסן! — האָט ער איר אָפּגעענטפערט רואיג.

זי איז פאַרשוואונדן אין צווייטן צימער.

ער איז געזעסן און גערויכערט.

דער קליינער פיר־יאָריגער „קאַראַפּוזיק", אַן אויסגעפּוצטער און אַן אויסגעצוואָגענער, איז דערווייל אַרומגעלאָפן אַרום צימער, איבערגעקערט אַ וועלט, אַרומגעטאַנצט אַרום טיש, פאַנאַנדערגע־רוקט די טשערס, דערטאַפּט ערגעץ אַן אַלטן „פערד" און זיך אַוועקגעזעצט רייטענדיג אויף אים... איין לייצע איז געווען אָפּגעריסן, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם „אַנקעל" ער זאָל עס אים פאַריכטן... און ווען דאָס איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום „אַנקעל", צו אים גערעדט, אים עפּעס דער־ציילט אויף זיין קינדערשע, אומפאַרשטענדליכע שפּראַך וועגן זיינע קינדערשע גליקען און ענטוישונגען... און אָט האָט ער דערזען דעם „אַנקעל'ס" גילדענע קייטעל פונ'ם זייגער. האָט זיך דאָס קינדערש האַרץ ממש מחיה געווען... ער האָט עס אַ נעם געטאָן אין די הענטלאַך, עס געדרייט פון אַלע זייטן, באַקוקט, באַטאַפּט, און אַנגעקוואָלען פון פרייד... פאַר גרויס שמחה האָט ער זיך גאָר גענומען אַרויפדראַפּען צום „אַנקעל" אויפ'ן שויס, איינריכטענדיג אים די ווייסע הויזען...

הערמאַן איז געזעסן אַ צוטראַגענער... געקוקט מיט בייזע און שטעכעדיגע אויגען אויפ'ן קליינעם „קאַראַפּוזיק", וואָס פאַר־שמירט אים די ווייסע הויזען. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים, צי זאָל ער אים צוציען צו זיך, מאַכען אים פּילען נעענטער און צוגעלאָזענער, אַזוי אַז די מוטער זאָל גלויבען אַז ער האָט אים ווירקליך ליב און דאָס קינד האָט אים ליב, אָדער ער זאָל אים אַננעמען אָט אַזוי פאַר'ן קעפּעל און אַ דריי טאָן, אַז...

הערמאַן האָט אַליין ניט געפילט, ווי אינסטינקטיוו האָט זיין האַנט אַ דריק געטאָן דאָס קינד איבער'ן העלזעל... דאָס אינגעלע האָט זיך צוואויינט און צו שריען אויפ'ן קול, און האַסטיג אַראָפּ־געשפּרונגען פון הערמאַנ'ס שויס.

די מאַמע איז אַריינגעלאָפען אַ צושראָקענע, צוגעלאָפען גלייך

www.libtool.com.cn


צום קינד, אים ארומגעכאפּט מיט מוטערליכע ליבשאפט און אים גענומען אויספרעגען וואס אים איז.

— אנקעל ! אנקעל ! — האט דאס קינד געשטאמעלט, און אנגעוויזען אויף הערמאנ'ען.

— ס'איז גארניט ! ס'איז גארניט ! בארואיגט אייך ! — האט הערמאן איר געזוכט צו בארואיגען — פארשטייט איר, דאס קינד איז געזעסן אויף מיין שויס און זיך געשפּילט, האט זיך עס א שטאך געטאן אין א פּיז, וואס געפינט זיך שטענדיג ביי מיר אונטער'ן לאץ — מען גייט דאך עפּעס מיט א ליידי — האט ער לאבענדיג דערענדיגט — נישקשה, עס וועט אים גארניט זיין !

ער האט דאס קינד א פּאר מאל א גלעט געטאן איבער'ן קעפּעל, ארויסגענומען א פּאר שטיקלאך טשאקאלאד פון קעשענע. דאס קינד דערזעענדיג די טשאקאלאד איז ווידער אמאל פריילאך געווארען און זיך גלייך איבערגעבעטען.

— נאך אמאל ווען איר נעמט מיין קינד אויף דער האנט, האט וואס ווייניגער פּינס מיט זיך, ווייל איך וויל ניט אז מיין קינד זאל זיך לעבען אייך צושטעכען — האט די מוטער האלב אין שפּאס און האלב אין ערנסט ארויסגערעדט.

— א צווייטען מאל וועל איך שוין פארזיכטיגער זיין ! — האט ער איר אפּגעענטפערט, און איר א שטארקען קוש געגעבען איבער'ן האלז... — — — — — — — — — — — — —

דעם זעלבען אוונט זיינע ביידע געזעסן ביים ים.

געזעסן שווייגענדיגע און געהערט ווי דער ים רוישט, שלאגט זיך אן אן דעם טונקעלען ברעג מיט ווילדען און קאכיגען אימפּעט. און מיט דעם זעלבען אימפּעט רייסט ער זיך גלייך צוריק און פארלירט זיך אין דער ווייטער טונקעלער אומענדליכקייט...

דאס קינד איז געזעסן נאענט ביי דער מוטערס זייט און זיך געשפּילט מיט'ן זאמד און מיט די „שעלס" וואס דער ים האט ארויסגעווארפען.

א פּאר מאל האט הערמאן צו זיין געליבטער אנגעהויבען צו ריידען, געוואלט פארבינדען א שמועס וועגען זייער ווייטערדיגען לעבען און צוקונפט... דאס געשפּרעך האט זיך אבער בשום אופן ניט געקענט פארבינדען, ווייל זי האט כסדר געקוקט אויפ'ן קינד.

www.libtool.com.cn


עס א מינוט ניט אפגעלאזען פון אויג, בסדר מורא געהאט עס זאל ניט ערגעץ פארלארען גיין...

— איר זייט א וואונדערבארע מאמע, אבער זייער א שלעכטע געליבטע! — האט ער מיט א טאן פון רוגזה ארויסגערעדט, ניט קענענדיג זיך צוריקהאלטען.

— ס'קען זיין! — האט זי אויף אים געווארפען א שניידענ־דען בליק — אבער א געליבטער איז ניט קיין קינד.

— יא, אבער אלץ מוז דאך האבען א גרענעץ.

— ניטא קיין גרענעץ צו דער ליבע פון א מוטער צו איר קינד — האט זי שארף ארויסגערעדט.

— און וואס איז מכח דער ליבע צווישען צוויי פארליבטע?

— דער וואס וועט ליב האבען מיך, וועט ניט ווייניגער מוזען ליב האבען מיין קינד — האט זי געענטפערט ענטשלאסען.

— איר גיט דאך אבער די גאנצע ליבע און טרייהייט דעם קינד אוועק. וואס בלייבט שוין פאר'ן געליבטען?

— דער געליבטער מוז צופרידען זיין אט אזוי ווי עס איז.

— צופרידען זיין? דאס קענען נאר די, וועלכע זיינען שוין אמאל געוועזען פארהייראט, געהאט דאס גליק און פארגעניגען צו האבען זייערע געליבטע אין גאנצען, מיט'ן גוף און מיט דער נשמה און מיט'ן גאנצען בלוט. וואס איז אין זיי דא... אבער די וועלכע זיינען נאך ניט געוועזען פארהייראט, קענען ניט צופרידען זיין מיט דאס ביסעלע וואס בלייבט נאכדעם ווי מען גיט אפ די ליבע צו עפעס אנדערש...

— אויב אזוי, האט איר מיר דאך ניט ליב.

— איר רעדט אלץ פון מיין ליבע צו אייך. און וואס איז מכח אייער ליבע צו מיר?

— כ'האב אייך אזוי פיל ליב וויפיל איך קען.

— עס איז פאר מיר ווייניג...

— זיינען מיר ניט קיין גלייכע פאר! איר וועט מיך פון מיין קינד ניט אפרייסען. איך האב גענוג צוליב דעם געאפפערט און געליטען... כ'האב צוליב דעם א לעבען צובראכען... איר פאר־שטייט! — האט זי פארענדיגט אין א הארציג ציטערענדיגען טאן.

www.libtool.com.cn



ער האָט געשוויגן, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. עפּעס האָט אים ווי געטאָן, געקריינקט און באַליידיגט זיין בחור׳ישן „איך“. פאַרוואָס ניט האָבן די גאַנצע פרייד, דאָס גאַנצע גליק צו וואָס זיין בחור׳שאַפט באַרעכטיגט אים?

ער האָט געטראַכט וועגן זיין לעבן, וועגן זיינע בעסטע יונגע יאָרן, וואָס זיינען אַוועק אַן עפּעס גאַנצעס, איינגענם; זיין לעבן איז שטענדיג געווען איינגעטיילט אין שטיקלאַך, אין ברעקלעך... אַוואו ער האָט זיך ניט אַ ריר געטאָן, האָט ער זיך שטענדיג אָנגעשטויסן אַן עפּעס, וואָס האָט צופּערטעלט און צו־פּיצעלט זיין לעבן אויף גרעסערע און קלענערע טיילן... האָט ער געליבט, האָט ער שטענדיג באַדאַרפט מיט אימיצן זיך טיילן... האָט מען אים געליבט, האָט ער זיך באַדאַרפט טיילן... און איצט, ווען ער וויל זיין מזל פאַרבינדן מיט זיין געליבטער פערזאָן אויף שטענדיג, מוז ער זיך ווידער אַמאָל טיילן... נאָר טיילן טיילן און טיילן... — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען שפּעט. אויפ׳ן ים־ברעג זיינען דאָ און דאָרט נאָך געלעגן איינגעקנוילט געליבטע פּאָרלעך און געשוויגן...

אַ קיל ווינטעל האָט געבלאָזן פון ים. געזאַלצענער ים־ריח האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און באַלעבט און דערפרישט די מידע מענשן, וועלכע זיינען פאַרבליבן אויפ׳ן ים־ברעג.

דער קליינער „קאַראַפּוזיק“ איז שפּילענדיג אַנשלאָפן געוואָרען אויפ׳ן זאַמד.

די מוטער האָט מיט צאַרטקייט און געטריישאַפט אים אָנגעקעגלייגט ביי זיך אויפ׳ן שויס, אַנגעשפּאַרט זיין קעפּעלע אויף איר ברוסט, מיט די הענט אַרומגענומען זיין קליין און ווייך קער־פּערל, אים געגלעט, געקושט איבער זיינע פאַרשלאָפענע אויגעלעך.

פון צייט צו צייט האָט זי געוואָרפן אַ בליק צו איר באַגליי־טער, וואָס איז געלעגן ווי איינגעגראָבן אין זאַמד מיט שטומער אָפּגעקערטקייט... זיין פּנים האָט זי ניט געקענט זען צוליב דער פינסטערניש, וואָס האָט איינגעהילט דעם ברעג... אָבער פון זיינע ליפּען האָט זי דאַכט זיך געהערט מורמלענדיג די ווערטער: טיילן, טיילן, טיילן... — — — — — — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# אַ טאַטע

עטליכע חדשים נאָך דער חתונה האָט דייוו אָנגעהויבען צו באַמערקען ווי זיין עני'ס פיגור ענדערט זיך פון טאָג צו טאָג. ווערט רונדער, ברייטער, אַזוי אַז פון איר מיידעלשע שלאַנקע פיגור איז שוין באַלד קיין סימן ניט געבליבען.

מיט שרעק און פאַרוואונדערונג האָט ער אויף איר געקוקט מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע בליקען... איר גאַנצער אויסזען איז אים פאָרגעקומען אַזוי פרעמד, אַז עס איז אים שווער געווען צו גלויבען, אַז דאָס איז זי, די זעלבע עני, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק חתונה געהאַט. ער האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז ס'איז דאָך גאַנץ נאַטירליך, אַז נאָך דער חתונה זאָל מיט זיין פרוי געשען דאָס, וואָס געשעט געוויינליך מיט יעדע יונגע פרוי נאָך דער חתונה — די ערוואַרטונג פון ווערען אַ מוטער.

דייוו האָט זיך קיינמאָל וועגען דעם ניט פאַרטראַכט. ער איז איבערהויפּט ניט געווען פון די מענשען, וועלכע טראַכטען. עס האָט אים ווייניג געקימערט ווי אַזוי אַ מענש קומט אויף דער וועלט, ווי אַזוי עס מערען זיך און פרוכטבאַרען זיך די מענשליכע באַשעפעניששען. ווי עס וואַקסען פון קליינע אויס גרויסע, און פון גרויסע קליינע. פאַר אים איז די וועלט געווען אַ פאַרטיגע. ער האָט פיינט געהאַט זיך גריבלען אין וועלט־פּראָבלעמען. אין לעבענס־פראַגען. פאַר אים איז גענוג געווען דער פאַקט, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַנען פרויען מיט שיינע פּנים'ער און ריי־צענדע פיגורען, וועלכע פאַרשאַפען אים פרייד און פאַרגעניגען. וואָס שענער דאָס פּנים, וואָס רייצענדער די פיגור, אַלץ מער פאַרגעניגען פאַרשאַפט עס אים.

דייוו איז געווען אַ לעבע־יונג פון דעם סאָרט, וועלכע שעצען ניט אָפּ אין דער פרוי אירע גייסטיגע אייגענשאַפטען. ער האָט

www.libtool.com.cn


אין דער פרוי געליבט בלויז די קערפּערליכע שיינהייט, איר זינגען און איר טאַנץ. וואָס שנעלער און רירעוודיגער איינע האָט גע־טאַנצט, געגאַנגען, גערעדט, געזונגען, אַלץ מער ליב האָט ער זי געהאַט און אַלץ מער אינטערעס האָט ער אין איר געפונען. פון ערנסטע פרויען איז ער אַנטלאָפען ווי פאַר פייער... ער האָט פיינט געהאַט שטילע און רוהיגע פרויען מיט פאַרטראַכטע פּנים'ער... זיי פלעגען אויף אים אַרויפוואַרפען אַ מרה־שחורה... ער פלעגט זיין רופען: „די פאַרזויערטע“, און ער האָט זיי אויסגעמידען.

---

מיט עני'ן האָט דייוו געהייראַט דערפאַר, ווייל זי איז געווען שענער, רייצענדער, און לעבעדיגער פון אַלע אַנדערע. זי האָט געהאַט אַ שיינע, דינע פיגור, געווען אַ פריילעכע, און געטאַנצט אויסגעצייכענט. ער האָט אין איר געפונען זיין „אידעאַל“. אַז זיין עני'ס פיגור זאָל זיך אַמאָל ענדערען, אַז איר שטענדיג לאַכע־דיגע געזיכט זאָל ווערען ערנסט, — דאָס איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלען.

דערפאַר איז אים איצט אויסגעקומען אַזוי קאָמיש ווען ער האָט זי פּלוצלונג דערזען גאַר אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט... יעדען מאָל, ווען ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, האָט זיך אים געגלוסט צו לאַכען פון איר מאָדנעם אויסזען און לעכערליכען גאַנג... גלייכצייטיג האָט אים געקריינקט, וואָס אים, דייוו'ן, האָט אַזוינס געטראָפען... זי איז אים געוואָרען אַפּשטויסענד און דערווידער. און ער האָט וויפיל ס'איז נאָר מעגליך געווען זי געזוכט אויסצו־מיידען... זעלטען ווען איז ער מיט איר ערגעץ געגאַנגען, ווייל יעדער גאַנג האָט אים פאַרשאַפט האַרצווייטאָג און חרפּה. ער האָט געפילט, אַז יעדען מאָל ווען ער גייט מיט איר, ברענט אויף אים די הויט... איבערהויפּט ווען ס'פלעגט זיך אים אויסקומען צו באַגעגענען מיט זיינע אַמאָליגע באַקאַנטע, ווען עס עפּענט זיך דאַמאָלסט אַ גרוב, וואָלט ער אַריינגעשפּרונגען.

---

די צייט ווען עני האָט באַדאַרפט געלעגען ווערען האָט זיך דערנענטערט. און עני'ס ליידען זיינען מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ שווערער און אומערטרעגליכער. זי איז געוואָרען שוואַכער

www.libtool.com.cn


און בלאָסער... אָפּטער און אָפּטער האָבען איר אָנגעכאַפּט ווייען. אַז זי איז שיר ניט צוריסען געוואָרען. עס האָט זיך איר געוואָלט שרייען, קרעכצען זי האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטען מיט אַלע כחות. זי האָט זיך געראַנגעלט מיט איר שמערץ טיף אין זיך, כדי איר מאַן זאָל עס ניט באַמערקען...

דייוו האָט עס אָבער יאָ באַמערקט... און דאָס ערשטע מאָל האָט זיך אין זיין האַרץ אַ ריר געטאָן אַ געפיל פון רחמנות, זעענדיג ווי זיין עני ליידעט, און זיין געפיל צו איר האָט זיך גענומען בייטען...

ער האָט דערזען, אַז זיין עני קען נישט נאָר טאַנצען און שפּרינגען, נאָר קען אויך ליידען אויסערגעוויינליכע שמערצען פאַר עפּעס, וואָס איז נאָך "מבאשטימט, פאַר עפּעס וואָס באַדאַרף קומען און דאָס, וואָס באַדאַרף קומען, וואָס איז דאָס אַזוינס?...

דייוו האָט זיך פאַרטראַכט... דאָס ערשטע מאָל איז אים אַרויפגעקומען אויפ'ן זינען די פראַגע פון מענשליכען געבורט און די גרויסע ראָליע, וואָס די פרוי שפּילט דערביי...

„אָט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — איז ער דאָך אויך אַ מענש, און ניט שטענדיג איז ער דאָך געווען אַזוי גרויס און דערוואַקסען ווי ער איז איצט. ער האָט דאָך אויך אַמאָל געמוזט געבאָרען ווערען. און זיין מוטער האָט דאַמאָלסט אַזוי געליטען ווי עס ליידעט איצט זיין פרוי, עני,ביים געבורט פון זייער קינד...

"פון „זייער" קינד! הייסט עס אַז ער, דייוו, האָט אַ נאָענטע שייכות מיט עני'ס איצטיגע ליידען, און אַז פון די ליידען באַדאַרף אַרויסקומען דאָס, וואָס עס איז אַרויסגעקומען פון זיין מאַמעס ליידען — אַ מענש. פריער אַ קליינס, נאָכדעם אַזאַ גרויסער מענש ווי ער, דייוו, איז איצט אַליין."

אין דעם אָוונט, ווען עני איז געלעגען געוואָרען, האָט דייוו דורכגעלעבט אַלע גיהנם'ס. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען איז אים אויסגעקומען צו הערען אַזעלכע געשרייען און געוואָלדען פון אַ פרוי ביים געבורט. ער איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער און ביי יעדען געשריי האָט ער אַ ציטער געטאָן.

ער האָט געזען ווי דער דאָקטאָר און די נוירס אַנגעטאָן אין ווייסע פאַרען זיך דאַרט אַרום עני'ן. אַלע אין הויז זיינען צור-

www.libtool.com.cn



טראַגעז און אומרואיג... אָבער מער פון אַלעמען צוטראַגענער און אומרואיג, האָט ער געפילט, איז ער אַליין... עס האָט אים אַזוי ווי געטאָן פאַר איר, און ער וואָלט, דאַכט זיך, די מינוט אַלץ געטאָן צו לינדערען אירע שמערצען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

א דונערענדער געשריי האָט א ציטער געטאָן אין דער לופט... דער לעצטער ווילדער געשריי פון דער געווינעריז... דייוו איז געשטאַנען ווי געפּלעפּט, זיך ניט געקענט א ריר טאָן פון אָרט פון שרעק...

צו זיין אויער האָט זיך פּלוצלונג דערטראָגען דאָס געוויין פון א ניי־געבוירענעם קינד... און א מאָדנער געפיל האָט אים פּלוצלונג ארומגעכאַפּט, א געפיל א הייליגער... א געלייטערטער.

ער איז געווען ווי אין חלום, קוים געהערט ווי מען ניט אים אָפּ „מזל טוב".

ווען מען האָט אים צוגעפירט צו דער קינפּעטאָרין, איז ער א מינוט געשטאַנען ווי אַן לשון און אויף איר געקוקט מיט אַזעלכע שטאַרע בליקען. באַלד אָבער איז ער געקומען צו זיך, באַגריפען וואָס עס קומט פאַר ארום אים, דערפילט ווי א ניי לעבען האָט זיך ארום אים ארומגעוועבט, א לעבען אַזוי ווייט און פאַרשידען ווי ביז איצט, און אַז דאָס ניי לעבען האָט זי עס געבראַכט, זי, זיין עני, וועלכע ליגט איצט אין בעט כמעט א פאַר'חלש'טע, אָבער מיט א גליקליכען שמייכעל אויף אירע פאַרשמאַכטע ליפּען...

מיט א פאַרזינדיגטען אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איז ער געשטאַנען פאַר איר, מיט'ן הייליגען דרך ארץ וואָס מען האָט פאַר מענשען, ווען מען דערזעט זייער מאַרטירערשאַפט, פאַר עפּעס וואָס מאַכט רייכער און שענער דאָס לעבען. ער איז געשטאַנען פאַר איר בעט און ניט געוואַגט איר אָנצורירען...

באַלד אָבער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף די קני לעבען איר בעט, און ארויסגעפּלאַצט אין א געוויין, און וויינענדיג האָט ער געקושט אירע הענט, אירע פינגער; זי געגלעט איבער די האָר, אויגען און האַלז; ער איז שיר ניט משוגע געוואָרען פון פרייד און גליק....

די יונגע קינפּעטאָרין האָט גליקליך געשמייכעלט...

www.libtool.com.cn

# פ י נ ג ע ר

אלץ וואס איז ניומאנ'ען פארבליבען אין זכרון פון זיין געוועזענער פרוי נאכדעם ווי זיי זיינען שוין געווען עטליכע יאר גע'גט, זיינען געווען אירע פינגער, אירע שיינע, דינע, עלאסטישע פינגער מיט די שפיציג־אויסגעטאקטע פארשארפטע נעגעלאך, וועלכע האבען אים צו זיך געצויגען ווי מאגנעטישע צווענגלאך...

דאס זיינען געווען עפעס מאדנע פינגער; אזעלכע לאשצענדיגע, גלעטענדיגע, ווי סאמעט־ווייסער זייד. אין איר גרעסטען כעס, ווען אירע אויגען פלעגען א שאס טאן מיט ברענענדיגען האס אויף אים, אז ס'האט אים געדאכט, אז אלץ ארום אים צופלאמט זיך מיט רויטע, צינגעלדיגע פייערלאך, איז גענוג געווען זיינע בליקען זאלען מיט אמאל פאלען אויף אירע פינגער, וועלכע פלעגען דאן נערוועז ארומטאנצען ווי די פינגער פון א פידעל־קינסטלער איבער די סטרונעס, עס זאל זיך מיט אמאל ענדערען זיין בייזער געפיל צו איר. די לופט ארום אים פלעגט זיך נעמען אויסלייטערען, און זיינע בליקען פלעגען אנהויבען ארומצושווימען ווי אין א ווייסען, דורכזיכטיגען נעבעל דורך וועלכען ער האט קיין געשטאלט ניט געזען, נאר פינגער, זיין פרוי'ם ליבע, צארטע, ליכטיגע און שפי־לעוודיגע פינגער...

און א שטארקע ליבשאפט פלעגט אים באפאלען צו זיי...

ער האט זיך מער ניט געקאנט צוריקהאלטען, ער פלעגט א כאפ טאן אירע פינגער און זיי קושען, קושען אן אויפהער, מיט'ן גאנצען ווייטאג און פיין פון זיין צוברעכנט הארץ... — — — — — — — — — —

זי, זיין פרוי, פלעגט אים אנקוקען פארוואונדערט, ווי ער

www.libtool.com.cn



וואָלט פלוצלונג פון זינען אַרונטער און זיך קוים איינגעהאַלטען זי זאָל זיך ניט צולאַכען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט, שוין אַ לאַנגע צייט נאָכ'ן גט, הערען אים אירע פינגער ניט אויף צו פאַרפאָלגען. אַלץ, אַלץ, איז שוין באַלד ווי אָפּגעווישט געוואָרען פון זיין זכרון: זיין פאַרגאַנגענע אומגליקליך לעבען מיט איר, אפילו די ווייניגע מינוטען פריידען, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט. ער האָט שוין, דאַכט זיך, באַלד פאַרגעסען ווי זי האָט אויסגעזען. אירע פינגער אָבער שוועבען פאַר זיין געדאַנק, ווי אויסגעקריצטע אויף ווייסען מאַרמאָר... שווימען אַרום ביי זיין יעדער באַגעגעניש מיט אַ פרוי צו וועלכע ער וויל זיך דערנעענטערען, ווערען אינטים, און אפשר חתונה האָבען.

אַט קאָן ער אַ פרוי, וועלכע איז אים זייער געפעלען; אַ זיס, ליבליך פנים, מיט שיינע געזיכטסציגע, אַ יונג־רייצענדע פיגור און אַן אַנציענדער, לייכטער גאַנג, און איז אַלגעמיין אַן אינטערעסאַנטע פרוי, וועלכע שיינט צו האָבען אַ גוטען, עדעלען כאַראַקטער. צו דעם אַלעמען איז זי אַ שטילע, אַ באַשיידענע. אַזאַ פרוי קאָן מען ליב האָבען, און מען קען מיט איר גליקליך זיין. זי וועט אים אויסהיילען זיינע אַלטע וואונדען. ער קאָן נאָך מיט איר האָבען עטליכע גליקליכע און גוטע יאָרען...

ער איז שוין בערייט זיך איר צו ערקלערען אין ליבע, דערציילען איר, וואָס פאַר אַ גוטען איינדרוק זי האָט אויף אים געמאַכט, אַז ער שעצט אָפּ אירע מעלות אויף אַזוי פיל, אַז ער אין בערייט מיט איר חתונה צו האָבען. ער ווייסט, אַז זי וואַרט אויף אָט דער ערקלערונג, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי האָט אים אויך ליב. עס פיילט בלויז דאָס וואָרט, די פאַרשטענדעניש, און עס הויבט זיך פאַר אים אָן אַ ניי לעבען...

ס'מויל עפענט זיך, זיינע ליפּען נעמען עפּעס מורמלען... מיט אַמאָל פאַלען זיינע בליקען אויף אירע פינגער, וועלכע זי האָט צופעליג אַ הויב געטאָן פאַר זיינע אויגען ווי מיט זיי אים אַ

www.libtool.com.cn


גלעט צו טאָן... ער ציטערט שטיל אויף... די ווערטער בלייבען אים שטעקען אין האַלז, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס אַ ווארג געטאָן...

ער דערזעט פּאָר זיך פינגער... קורצינקע, פעטינקע, פּוכיג־אויפגעבלאָזענע, אין וועלכע עס קנייטשען זיך אַזעלכע דינע, ווי פון זשאַווער־איינגעגעסענע רינגעלעך... נעגעל ברייט־שפּיציגע... און ס׳ווערט אים מיט אַמאָל אַזוי אומהיימליך אויפ׳ן הארצען.. ער זעט ניט מער איר שיינעם פּנים, איר רייצענדע פיגור; ער זעט בלויז אירע פינגער, וועלכע דענערווירען אים, שלאָגען אַזוי פּריקרע אויף זיין געפיל...

גלייכצייטיג שווימען פּאָר אים ארוים יענער׳ס, דער געוועזענער׳ס פינגער... שווימען ארוים פון ווייטע, באַהאַלטענע טיפקייטען, ווי באַזונדערע אברים פון אַ גוף, וואָס איז צו אים אַמאָל געווען אַזוי נאָענט, אָבער איז שוין לאַנג, לאַנג פאַר אים ווי געשטאָרבען, און פאַרבליבען זיינען אים פאַר אַן אנדענקען אירע פינגער, אירע ליכטיגע, כשופ׳דיגע פרויען־פינגער...

www.libtool.com.cn

# פ י ם

לערנער איז געווען שטארק פארליבט אין זעלמא'ן, נאך איר געבענקט, און געגארט זי צו זען.

ער האט קיינמאל ניט א טראכט געטאן פאר וועלכע באזונדערע מעלות ער האט זי אזוי שטארק ליב, פונקט ווי ער האט זיך ניט צוגעקוקט צו אירע באזונדערע חסרונות. פארליבטע, זאגט מען, זיינען בלינד, און ער האט דעם כלל אין גאנצען אויסגעהאלטען.

קיין גרוים נחת פון זיין ליבע האט לערנער ניט געהאט, ווייל זעלמא, פון איר זייט, איז אין אים ניט געווען פארליבט, און זי האט עם אים אויף שריט און טריט ארויסגעוויזען, און ער האט פון דעם שטארק געליטען.

ווען לערנער איז געוואר געווארען, אז זעלמא האט פלוצלונג חתונה געהאט, איז ער שיר פון זינען ארונטער. עס האט זיך אים געדאכט, אז אלץ האט זיך פאר אים געענדיגט, אז זיין לעבען אן איר האט מער ניט קיין זין. ער האט פארלארען זיין רו, זיין לעבענס-לוסט, געפילט ווי עפעס דריקט אויף אים מיט אזא כח, אז ס'איז אים שווער צו אטעמען, ווי די גאנצע וועלט וואלט אים ענג געווארען...

ס'הארץ האט אין אים ניט אויפגעהערט צו וויינען און צו בלוטען ווי ביי אן אבל, וואס האט פארלארען דאס ליבסטע און טייערסטע אין לעבען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פינף יאר זיינען אוועק.

לערנער האט זיך מער-וויינוניגער בארואיגט, אבער נאך אויסער-ליך, אינווייניג האט נאך אין אים אלץ געברענט א פלאם פון ליבע. און בענקשאפט נאך איר...

www.libtool.com.cn


ער האָט זעלמאַ'ן דורך דער גאַנצער צייט קיין איין מאָל ניט באַגעגענט. ער איז זעלטען געקומען צווישען געזעלשאַפט. האָ־בענדיג דאָס געפיל, אַז ער וועט סיי־ווי אין ערגעץ ניט געפינען וואָס ער זוכט...

לערנער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אַן אַנדער מיידעל זאָל אים פאַראינטערעסירען. עפּעס האָבען זיי אים אַלע אויסגעוויזען אַזוי פרעמד, אַזוי ניט ליבענסווירדיג. זי, זעלמאַ, איז די איינציגע וועלכע ער האָט ליב, מיט וועלכער ער וואָלט געקענט גליקליך זיין, געפינט זי זיך גאָר ערגיץ אין אַנדערע, אין פרעמדע הענט...

---

איינמאָל, אַ זונטאָג בייטאָג, ווען לערנער האָט שפּאַצירט אין אַ פּאַרק, פאַרזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען, איז אים פּלוצלונג אַנטקעגען געקומען זעלמאַ, פירענדיג אַ קינדערש וועגעלע...

ווען ער האָט זי דערזען איז ער געבליבען שטיין אַ פאַרצי־טערטער... דערפילט ווי יעדער אבר וואָלט זיך אין אים אָפּגעריסען און זיך אַ ציִ געטאָן צו איר... זיין פּנים האָט באַקומען אַלערליי קאָלירען. און זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך אַ בויג געטאָן, ווי ער וואָלט פאַרלאָרען ס'גלייכגעוויכט...

אַ סעקונדע זיינען זיי ביידע געשטאַנען שטיל און זיך שטום אַנגעקוקט. ווי זיי וואָלטען ניט געפונען קיין ווערטער...

— איז וואָס־זשע מאַכט איר, לערנער? — האָט זעלמאַ ענדליך אַרויסגערעדט, באַמערקענדיג די שרעקליכע ענדערונג אין זיין אויסזען, און אַ רחמנות־געפיל האָט זיך אין איר, פאַר אים, אַ וועק געטאָן.

לערנער האָט געשוויגען, ניט געקענט אַרויסריידען אַ וואָרט. ווי דאָס לשון וואָלט ביי אים געוואָרען אָפּגענומען.

— איר ווילט גאָר מיט מיר ניט ריידען? — האָט זי אים ווי מיט פאַרוואורף אַ פרעג געטאָן.

— כ'מיין... וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידען?... — האָט לערנער קוים אַרויסגערעדט, דערפילענדיג אַזאַ שאַרפען דריק אין האַרץ, ווי דער גאַנצער ווייטאָג און פיין פון אַלע יאָרען ליידען

www.libtool.com.cn



דורך איר, וואָלט אים מיט אַמאָל אַ קלעם געטאָן.. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען, ער זאָל זיך ניט צורעווען אויפ׳ן קול...

זעלמאַ איז אומרואיג געוואָרען...

— ווי איך זע, זייט איר איצט ניט אויפגעלייגט פאַר קאָמ־פּאַניע... — האָט זי אויף אים עפּעס אַ מאָדנעם קוק געטאָן, און אָנעם טוענדיג דאָס הענטעל פונ׳ם קינדערשען וועגעלע, האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן: „גוט באַי!״ און גענומען אַוועקגיין.

לערנער האָט אפילו ניט געקענט ענטפערען אויף איר „גוט־באַי״. אַזוי פּאַרקלעמט איז ער געוועזן. ווי אַ פאַרגליווערטער איז ער געשטאַנען, די אויגען איינגעגראָבען אין איר און שטום נאָכ־געקוקט ווי זי גייט אַוועק...

פּלוצלונג האָבען זיך זיינע בליקען אָן עפּעס אָנגעשטויסען. זיינע אויגען האָבען זיך מיט אַמאָל ברייט צועפענט. זיינע שוואַרץ־אַפּלען האָבען אָנגעהויבען אַרומטאַנצען אויף איין פּונקט — אירע פיס... ווי ער וואָלט זיי איצט דערזען צום ערשטען מאָל...

ער האָט זיך אַ ציּ געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויפ־טרייסלען פון זיין פאַרגליווערטען צושטאַנד, אַ שפּאַן געטאָן אַ פּאָר טריט אין פאַראויס ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערציי־גען, צי זיינען אָט די פיס, וועלכע שטאַרצען אַרויס פון הינטער די גראָע זאָקען, טאַקע אירע, זעלמאַ׳ס...

„יאָ, געוויס זיינען דאָס אירע פיס! און וואָסערע פיס? אַזעלכע אומגעלומפּערטע, קרומע קלעצעלדיגע...״ האָט ער זיך ווי דערפרייט, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס זעלמאַ, אין וועלכער ער איז אַזוי פאַרליבט, און וועלכע ער האָט פאַרלאָרען, און נאָך וועלכער ער הערט ניט אויף צו בענקען, און זיין האַרץ הערט ניט אויף צו בלוטען, — אַז אָט די זעלמאַ איז גאָר ניט אַזאַ מציאה... זי איז דאָך גאָר ניט אַזוי ווי ער האָט געמיינט... אויב אַזוי איז דאָך זיין גאַנצע ליבע צו איר געוועזן אַ טעות. ווי קען מען ליב האָבען איינע וואָס האָט אַזוינע פיס?... וואו זיינען געוועזן זיינע אויגען? איז ער געוועזן בלינד? פאַרוואָס האָט ער דאָס ביז איצט ניט באַמערקט?...

ער האָט נאָך אַמאָל געוואָרפען אַ בליק אויף אירע פיס, ווי

www.libtool.com.cn


ער וואָלט אין זיי געזוכט אַ טרייסט, אַ דערלייכטערונג, און אַ הילף פאַר זיין פאַרוואונדעט האַרץ...

ער האָט זיך געוואָלט איינריידען, אַז איצט האָט זיך זיין געפיל צו איר אין גאַנצען געענדערט, אַז ניט נאָר קען ער זי מער ניט ליב האָבען, נאָר אַז זי איז אים איצט פשוט אַפּשטויסענד...

אָבער וויפיל ער האָט זיך ניט באַמיט, זי אין געדאַנק צו פאַר'מיאוס'ען אין זיינע אויגען, האָט זיך עס אים ניט איינגעגעבען, דאָס געפיל האָט ניט דערלאָזען...

ער איז צוריקגעגאַנגען פון פּאַרק מיט אַ שווער און אומעטיג געמיט... דאָס האַרץ אין אים האָט ניט אויפגעהערט וויינען פון דעם טיפען שמערץ וואָס האָט אינערליך אין אים געגריזשעט ווי אַ וואָרעם... און די בענקשאַפט נאָך איר האָט אים ניט אויפגעהערט צו מוטשען... ער האָט זיך געפילט אומגליקליך...

www.libtool.com.cn

# די לעצטע ליבע

זיין אויסזען:

א הויכער, א שלאנקער, א שיינע קאפ האר, — אן אויסזען פון אן ארטיסט, אבער ער איז א געוויינליכער ארבייטער, וואס ארבייט אין א שאפ אום צו מאכען א לעבען פאר א פרוי מיט צוויי קינדער. באזיצט אבער אינטעליגענץ מער ווי פון א דורכשניט־ליכען בעל־מלאכה.

ער איז אלט א יאר אכט און דרייסיג, ווייזט אבער אויס פיל אינגער, גייט שיין און ריין אנגעטאן און ווייסט ווי זיך צו האלטען צווישען מענשען.

און כאטש דאס פארהייראטע לעבען האט זיך אים ניט איינגעגעבען, האט עס דאך אים ניט איינגעבויגען, זיין מוט ניט צובראכען און זיין געמיט ניט שווער געמאכט... ער איז פון דער נאטור א פרייליכער, האט א נישקשה'דיגע שטימע און ער זינגט טאקע ביי יעדער געלעגענהייט, איבערהויפט האט ער ליב פאלקס־לידלאך, און ער זינגט זיי מיט געשמאק, מיט געפיל.

ער איז אויך א גוטער טענצער. קומט ער צו א באל, נוערט ער ארומגערינגעלט פונ'ם שיינעם געשלעכט... ער לאזט זיך פיל ניט בעטען, טאנצט מיט יעדער איינער, וועלכע קומט אים נאר אונטער'ן האנט...

אלע פון זיינע באקאנטע ווייסען אז ער איז פארהייראט, האט א פאר קינדער, און ער זוכט עס אויך קיינמאל ניט צו באהאלטען. ער קומט אבער זעלטען אין געזעלשאפט מיט זיין פרוי, וועלכע איז פון דער נאטור א שטילע און א צוריקגעצויגענע...

זי פארווערט אים אבער ניט צו גיין ווען און וואוהין ער וויל, ווייל זי איז שטארק איינגעגלויבט אן אים. זי איז זיכער, אז ער ליבט נאר איר מיט די קינדער, איז זיי געטריי און איבערגעגעבען.

www.libtool.com.cn


און זי מאַכט ניט קיין טעות. וואָס עס אַנבאַלאַנגט געטריי־שאַפט און איבערגעבענהייט, האָט זי זיך ניט וואָס צו שרעקען. און מיט ליבע? נו, מיט דער ליבע איז שוין עפּעס אַנדערש...

נעמט שענמאַן (ווי מען רופט אים) טראַכטען וועגען ליבע, ווערט די זאַך אַליין ביי אים עפּעס ניט קלאָר...

ער וויל זיך אַליין איינריידען אַז ער האָט זיין פרוי ליבער פאַר אַלעמען. ער האָט ליב זיין הויז, די קינדער, די היימישע רואיגקייט און געמיטליכקייט.

קומט ער פון דער אַרבייט, האָט ער זיך ליב צו באַגעגענען מיט די שטילע און מילדע בליקען פון זיין פרוי, קושען אירע אויגען, זיצען מיט איר מיט די קינדער ביים טיש און עסען צוזאַמען. אַ שטיף טאָן מיט אַ קינד אַ זינג טאָן אַ לידעל...

ניטאָ דאַמאָלסט קיין גליקליכערער פון אים.

אָפּטמאָל זיצענדיג אַזוי ביים טיש אַרומגערינגעלט פון זיינע נאָענטסטע און טייערסטע, פאַלט אים איין אַ טראַכט צו טאָן: „וואָס פאַר אַ רוח טראָגט אים אַזוי פיל מאָל אַוועק פונ'ם הויז ערגעץ אין אַלדע שווארץ יאָר וואו, און צו וועמען? וואָס פיילט אים דען דאָ אין זיין הויז, וואָס איז אים אַזוי היימיש און ליב?

„און צו וואָס קלאַפּט ער אין פרעמדע טירען? און וואָס פאַר אַ פרייד, וואָס פאַר אַ גליק געפינט ער אויף די בעלער, טאַנצענדיג אָפּט מיט אַלטע און אָפּגעלעבטע מוידען... און וואָס ווערט דערפון, וואָס זיי זוכען אים אָפּט צו פאַרשלעפּען אין זייער פאַרבענקטער און נאָך ליבע־געגאַרטער וועלט?...

„וואו איז דאָ דער שכל? דער זין? ער האָט אַזאַ שטילע, ליבע און סימפּאַטישע פרוי — צו וואָס טוט ער דאָס?"

און טראַכטענדיג וועגען זיין פרוי פאַלט אים איין אַ בליק צו טאָן אויף איר... אָבער טאַקע אַ קוק טאָן ניט צופעליג, פון געוואוינהייט וועגען... נאָר ווייל ער פאַרלאַנגט און פילט איצט אַזוי.. פאַר וואָס קוקט ער אַן אַזוי פיל פרויען־פּנים'ער פרעמדע און אָפּטמאָל דוקא ניט קיין שיינע, אַפילו ניט קיין יונגע?... פאַר וואָס קוקט ער אויף זיי שטענדיג אַזוי זשעדנע, מיט אַזאַ דורשטיגען ברען, מיט אַזאַ נערוועזען ציטער — פאַרוואָס?

www.libtool.com.cn



און אויף זיין אייגען ווייב גיט ער אַ קוק ווען עס מאַכט זיך...
ער מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל איר גוט אָנקוקען.
די פרוי האָט נאָר וואָס פאַרענדיגט וואַשען דאָס געשיר.
— קום אַהער, סערע, איך וויל דיך אָנקוקען!
— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — שטעלט די פרוי אויס אַ פּאָר אויגען.
— אַט גלאַט אַזוי! — עס איז אַמאָל אינטערעסאַנט צו קוקען אויף אַן אייגענער פרוי לאַנג, לאַנג.
די פרוי צולאַכט זיך, גייט צו צו אים נעענטער, זיין אָפענהאַרציגקייט מאַכט איר פילען גוט און אויפגעלייגט.
— אַזוי! עס איז אינטערעסאַנט אַמאָל צו קוקען אויף אַן אייגענער פרוי? — זאָגט זי צאַרט און גלעט זיינע קודלעוואַטע האָר איבער זיין שטערען.
ער זעצט זי אַוועק צו זיך אויפ'ן שויס, דריקט צו נעענטער איר פּנים צו זיינעם און קוקט לאַנג אין אירע אויגען...
דערזעט ער אַזוי פיל טרויער, אַזוי פיל פאַרבאָרגענעם צער אין אירע אויגען, באַמערקט ער מיט אַמאָל אַ פּאָר גרויע האָר אין איר קאָפּ...
גיט ער אַ לייכטען ציטער...
— זע נאָר! זייט ווען?...
— וואָס מיינסטו? — פרעגט זי ערשטוינט.
— האָסט שוין גרויע האָר, מיין ווייב! האָסט עס גאָר ניט באַמערקט?
אינסטינקטיוו גליטשט זי זיך אַראָפּ פון זיין שויס, ווערט אַביסעל צוטומעלט. לויפט מיט אַ נערוועזישען לאַכען צו צום שפּיגעל, באַטראַכט זיך אַ ווייַלע און רופט אויס:
— גיי, נאַרעלע, עס דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי!
— עס דאַכט זיך מיר שוין גאָר ניט!
— און אַז יאָ, איז וואָס? געפעל איך דיר שוין אפשר ניט? — ווערט זי מיט אַמאָל בייז.
— ענטשולדיג! איך האָב מיט דעם גאָר ניט געמיינט — הויבט ער זיך אָן צו פאַרענטפערען — איך האָב בלויז געוואָלט מיט דיר אַ שטיק טאָן.

www.libtool.com.cn


די פרוי ענטפערט ניט, ווערט ערנסט, און פארטראכט זיך.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שענמאנ'ען פארדריסט שוין די גאנצע שפיל, עס איז שוין אבער פארפאלען.

„אפשר קריגט זי גאר די גרויע האר דורך אים? צוליב זיין פירונג? — פאלט אים איין — ווער ווייסט ווי זי ליידעט און טרויערט אין דער שטיל? גאנצע נעכט בלייבט זי אפטמאל אליין... אוי, די בעלער, די בעלער, און דאס פארפירערשע טאנצען!... וואס פאר א שד האט זיך אין אים אריינגע'גנב'עט, ווער האט אים אויסגעלערענט טאנצען? פארוואס זיצט ער זיין פרייע צייט ניט אין דער היים? די היים איז דאך אזוי זיס...

„און אזוי ביטער!" — פליט אים דורך א געדאנק — ביטער פאר אים, פאר זיין נאטור, פאר זיין פרייען ווילען צום לעבען, וואס ציט אים, רייסט אים...

„אך, ווי מען קען לעבען!"

———

מיט דער קליינער ניינצען־יעריגער סטעלא'ן מיט וועלכער ער האט זיך לעצטענס באקאנט אויף א באל איז גאר ניט אזוי פרייליך.

ביז איצט זיינען זיינע ליבעס געווען ניט ערנסט, ניט ערנסט פוןביידע זייטען, עס איז בלויז געווען א שפיל, א צייט־פארטרייב, פון א פארהייראטען מאן מיט א פארעלטערט מיידעל. מיט איר אבער, מיט סטעלא'ן, ווערט די זאך זייער ערנסט.

דאס איז א מיידעל יונג, פריש, ווי א צייטיגע פרוכט, וואס איז נאר וואס אראפגעפאלען פונ'ם בוים... און יוגענט שמעקט פון אירע האר, וועלכע הענגען אריבער איבער איר האלז נאך ניט קיין אפגעשארענע... און לייכט איז זי אויף אירע דינע פויגעל־פיסלאך, טאקע ווי א פויגעל, וואס איז נאר וואס געקומען צופליען פון ווארימע לענדער דעם פרילינג צו באגריסען...

ווערט אים טאקע ווארעם אין הארצען יעדעס מאל, וואס ער טאנצט מיט איר, דאכט זיך אים, אז איר יעדער אטעם־צוג הויכט אין אים אריין א ריח פון פרילינג און לעבען...

וואקסט אין אים דאס הארץ פון פרייד. בלומען צובליען זיך ארום זיין לעבען...

www.libtool.com.cn



שטייט שענמאַן פאַר אַ גרויסען נסיון.

דערציילען איר דעם אמת, אָדער ניט?

אין אַן אַנדער פאַל קלערט ער ניט לאַנג — „איך ביז, זאָגט ער, פאַרהייראַט — און שוין!"

דאָ אָבער ווייסט ער ניט וואָס ער זאָל טאָן, עס איז אים אַזוי שלעכט און אַזוי ביטער.

און צו דעם איז סטעלאַ אַזאַ קאַפּריזנע! ווי קען ער עס גאָר פון איר אויסהאַלטען! ווער האָט אַזאַ געדולד? זיי מיינט, אַז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אַ יונגען אינגעל, פּיעשטשעט זיך פאַר אים. ער זעט ווי דאָס מיידעל גייט אויס פון ליבע צו אים, און ליבענדיג אים פאַרקירצט זי אים די יאָרען...

---

ביי דער אַרבייט שטייט שענמאַן לעצטענס אַ צודולטער... ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים... עסט ניט און טרינקט ניט, פילט ווי עס גייען אים אויס די כחות...

אין הויז גייט ער אַרום אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרצאָרנטער.. אויס לידלאַך, אויס שטיפערייען, אַפילו אויס טענץ און אויס בעלער...

די פרוי קוקט אויף אים זייטיג און פאַרדעכטיג.

— פאַרוואָס גייסטו ניט אין ערגעץ? — גיט זי אים אַמאָל אַ פרעג.

— וואָס־זשע, עס אַרט דיך שוין אַז איך זיץ אַ מינוט אין הויז? — ענטפערט ער אָפּ בייז.

שווייגט די פרוי און ווייסט ניט, וואָס צו ענטפערען.

---

כמעט יעדען טאָג, מיטאָג־צייט, פאַרוואָרפט אים דאָס מיידעל מיט טעלעפאָנס. ער וואָרט שוין אין דער בודקע ווי ער האָט מיט איר אָפּגערעדט.

פאַרוואָס מיידט ער איר אויס? — האָט זי צו אים טענות.

זי וויל אים זען אָפטער.

זי בענקט נאָך אים.

נאָך זיין קונסט.

נאָך זיין קונסט? וואָס פאַר אַ קונסט? גיט ער זיך אַ פרעג.

וואָס מיינט זי מיט דעם?

www.libtool.com.cn



ניט אנדערש אז זי האלט אים עפּעס פאר א קינסטלער, און ליבט אים דערפאר.

צוליב וואס דען זאל אזא יונגע און שיינע מיידעל אים ליבען?

א שיינער קינסטלער! טראכט ער — א קינסטלער ביים פרעס־אייזען!

ער צולאכט זיך טיף און ביטער...

---

עס איז אים איינגעפאלען א געדאנק ווי אזוי ער קען לייכט באפרייט ווערען פון סטעלא׳ן און פטור ווערען פון זיין לעצטער ליבע.

יא, געוויס וועט עס שוין זיין זיין לעצטע ליבע.

דאס איז דאס העכסטע און דאס בעסטע וואס זיין „פערזענ־ליכקייט" האט געקענט דערגרייכען.

קיין אינגערם און שענערס וועט ער שוין ניט געפינען.

און צו קיין בעלער וועט ער שוין מער ניט גיין. און ער וועט שוין מער ניט טאנצען ניט מיט קיין יונגע, ניט מיט קיין אלטע, ניט מיט קיין שיינע, ניט מיט קיין מיאוס׳ע.

א סוף וועט עס נעמען! ער האט שוין זיינס אפּגעטאנצט.

מיט איר, מיט סטעלא׳ן, האט ער געטאנצט דעם לעצטען טאנץ.

איצט וועט ער זיך איינשפּאנען אין יאך גלייך מיט אלעמען און שלעפּען די שווערע משא פונ׳ם לעבען צוגלייך מיט אלע מענ־שען — בעל־עגלות...

בייטאג וועט ער, ווי א פערד, זיין ביי דער ארבייט, בייננאכט — אין שטאל — אין דער היים, ביים היי, ביים ווייב, הייסט עס, און אזוי וועט עס שוין גיין ביז׳ן סוף פונ׳ם לעבען...

אז אז איבערבייט און אז אז ענדערונג.

יא, אזוי און ניט אנדערש מוז זיך שוין ציען דאס לעבען.

---

ער האט סטעלא׳ן אוועקגעשיקט פאלגענדע עטליכע ווערטער:

„אין אייער יונגען פאנטאסטישען וואונש צו ליבען און שעצען קינסטלער האט איר אין מיין פערזענליכקייט א טעות געהאט. איך בין ליידער ניט קיין קינסטלער, נאר א פשוט׳ער ארבייטער אין שאפּ — ביים פרעס־אייזען".

מער האט ער פון דער מיידעל ניט געהערט.

זיין לעצטע ליבע...

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט:

## 1.
## בענקענדיגע

איך נייע היים ........ 5
די חתונה־נאַכט ........ 9
אַ ליבע ........ 13
איך שוועסטערים חתן ........ 19
איך געוועזענער לערער ........ 25
שפּילט ניט מער ........ 29
האָפּנונג ........ 37
אייביגע זאָרג ........ 42
פרויען־טרערען ........ 49
די פּאַרלאָזענע ........ 53
ווי אמאָל ........ 58
אַוועק ........ 64
סינאָך ניט נאָכין באָל ........ 68
צוליב א קוש ........ 75
אויף דער מאַמעס וועג ........ 82
געוואָרען פּראַקטיש ........ 87
אָפּגענאַרט ........ 94

## 2.
## זוכענדיגע

פּאָטער און קינד ........ 103
זיין פרויס שוועסטער ........ 109
נאָכין גט ........ 114
אַ טריל ........ 123
דער רויטער צייכען ........ 127
זינגערים אדרעס ........ 133
טיילען ........ 138
אַ טאַטע ........ 143
פינגער ........ 147
פיס ........ 150
די לעצטע ליבע ........ 154